STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04411

LYEV TOLSTOY

Aaron Riklis

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ריקלים.

ליעוו טאָלסטאָי

(זיין לעבען און זיינע ווערק).

פערלאַג
„וועלט-ביבליאָטעק".

ווארשא. תרע"א.

דרוק י. עדעלשטיין, נאלעווקי 38.

Типографія «Гацефира» Панская 40

די וואנדער-יאהרען.

וואו דארף מען זוכען די אמת'ע לעבענס-געשיכטע פון א קינסטלער. — טאלסטאי'ס פאמיליע און די ערשטע קינדער-יאהרען. — די ערשטע ערשיינונג פון טאלסטאי'ס „איך". — קינ'ס שטעמפעל. — קדושה און טומאה. — טאלסטאי'ס ערשטע מאראלישע איבערלעבונגען. — נעכליודאוו-טאלסטאי און זיין ערשטע ענטווישונג. — טאלסטאי אויף קאווקאז. — דער אנהויב פון זיין קינסטלערישער טעטיגקייט. — אין סעוואסטאפאל. — ווי אזוי טאלסטאי האט פערשטאנען טאפפערקייט. — אין רוסלאנד און אין פעטערבורג. — טאלסטאי'ס פעדאגאגישע טעטיגקייט און זיין אנארהישע שולע.

ווען איינער א פערלעגער האט זיך צוריק מיט א צייט געווענדעט צו א בעוואוסטען רוסישען שריפטשטעלער מיט א פארשלאג אנצושרייבען זיין אייגענע ביאגראפיע, האט יענער קורץ אבגעענטפערט: „איך בין געבוירען אין אזא און אזא יאהר, חתונה געהאט אזוי פיעל און אזוי פיעל מאל, אלט בין איך אזוי פיעל און אזוי פיעל יאהר, דאס איבעריגע קאנט איהר אליין צוטראכטען"...

די דאזיגע קורצע הומאריסטישע ווערטער זענען א גוטער ענטפער פאר די אלע, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט די פאקטען, עראינערונגען און אנעקדאטען פון גרויסע מענשען, פאר די אלע, וועלכע מיינען, אז פערשטעהן די נשמה פון גרויסע מענשען קאן מען דורך ערלערנען די פאקטען פון זייער לעבען. דען וואס דערצעהלען פאקטען? מען ווענען אינערליכען לעבען פון א גרויסען קינסטלער אדער פאעט? לעבט דען אין פאקטען דער מענש, ובפרט נאך דער קינסטלער? א קינסטלער האט נאר דאס, וואס ער האט געשאפען, פאקטען אילוסטרירען נאר זיינע אינערליכע איבערלעבונגען. וויל מען א קינסטלער פערשטעהן, מוז מען זיך פריהער פון אלץ ווענדען צו זיינע ווערק. און אויך דער קינסטלער אליין, ווען מען פרעגט איהם, ווי

אזוי ער האט געלעבט, וואס ער האט געזעהען און געדענקט אויף זיין לעבען, קאן נאר אנווייזען אויף זיינע ווערק: אט דאס איז אליץ, וואס איך האב געשאפען און אט דא קאנט איהר געפינען דעם שליסעל צו מיין נשמה.

נאך מעהר איז דאס אנגעווענדעט צו דער לעבענס־געשיכטע פון גראף טאלסטאי.

ווער עס וויל פערשטעהן טאלסטאי'ען אין זיין גאנצער גרויס, מוז פריהער פון אליץ שטודירען זיינע ווערק, דען עס איז שווער צו געפינען נאך אזא קינסטלער, וועמענס פערזענליך אינערליך לעבען זאל זיך אזוי אויסדריקען אין זיין שאפונג און וועמענס שאפונג זאל זיין אזוי צוזאמענגעבונדען מיט די אינערליכע איבערלעבונגען, ווי גראף טאלסטאי. טאלסטאי'ס לעבען — דאס זענען זיינע ווערק און דערצעהלען די לעבענס־געשיכטע פון טאלסטאי, הייסט, דער־צעהלען דעם אינהאלט פון אלע זיינע ווערק, אלס קינסטלער, רעפאר־מאטאר און מאראליסט.

דאס לעבען און שאפען פון גראף טאלסטאי איז א געשיכטע פון א געניאלען מענש, וועלכער האט פון קינדהייט אן ביז די לעצטע טעג פון זיין טראגישען טויט געהאט אויסצושטעהן א געוואלדיגען אינערליכען קאמפף, זוכענדיג דעם אמת, שטרעבענדיג צו בויען זיין אינערליכע מאראלישע וועלט־אנשויאונג. אלע זיינע ווערק, פריהער די קינסטלערישע, דערנאך די מאראליסטישע און פילאזאפישע, זענען ניט מעהר, ווי א אויטאביאגראפיע פון א געניאלען מענש, פון א גרויסען „איד“, וועלכער איז, שאפענדיג מיט זעלטענער רוהיגקייט און אנשוילילכע אביעקטיוויטעט א וועלט מיט העלדען און טיפען, דאך שטענדיג געבליבען אינערליך סוביעקטיוו און נאר געשטרעבט צו איין ציעל: געפינען דעם ריכטיגען לעבענס־וועג, דעם איינ־פאכען אמת.

ווען מיר ווילען, אלזא, פערשטעהן די אינערליכע איבערלע־בונגען פון גראף טאלסטאי אין פערשיעדענע עפאכען פון זיין לעבען, מוזען מיר זיך ווענדען צו זיינע ווערק, און אויך, פערקעהרט, אויב מיר ווילען פערשטעהן זיינע שאפונגען אלס עטוואס גאנצעס, מוזען מיר אלערערשטענס דורכשטודירען יענע גרויסע עוואלוציע, וועלכע עס האט דורכגעמאכט טאלסטאי'ס געניוס אין זיין שווערען לאנגען לעבענס־גאנג.

גראַף ליעָוו ניקאָלאַיעָוויטש טאָלסטאָי איז געבוירען געוואָרען דעם 28־טען אויגוסט 1828. ער שטאַמט פון אַנ'אַלטער רוסישער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, פון זיין מוטער'ס צד איז ער אַ איינ.קעל פון די „רוריקאָוויצעס“ און מיט דער דאָזיגער אַריסטאָקראַטישער אָבשטאַמונג פלעגט טאָלסטאָי שטאָלצירען פיעל יאָהרען ביז דעם גרויסען קריזיס, ווען ער האָט ראַדיקאַל געביטען זיינע אַנשויאונגען און געוואָרען אַ „נייער מענש“. טאָלסטאָי'ס פאָטער, ניקאָלאַי אילאיטש, האָט געדיענט אין דער אַרמעע און אַלס אָנגעזעהענער מענש האָט ער געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט. בעקו־מענדיג פון זיין פאָטער אַ אימעניע, וועלכע איז געווען פאָלקאָם רואינירט און געהאַט אויף זיך פיעל בעלי־חובות, האָט טאָלסטאָי'ס פאָטער, ווי עס פאַסט פאַר אַ אַריסטאָקראַט, פריהער פון אַלץ אָבגעצאָהלט די בעלי־חובות און אַליין געבליבען ביי גאָרנישט. כדי אַרויסצוראַטעווען זיך פון דער דאָזיגער אונאַנגענעהמער לאַגע, האָט מען טאָלסטאָי'ס פאָטער געצוואונגען, ווי עס האָט זיך געפיהרט אין יענע צייטען, חתונה צו האָבען מיט דער פירשטין וואָלקאָנסקאַיאַ, זעהר ניט קיין שענע, נאָר איינע פון די רייכסטע אין רוסלאַנד. דאָס לעבען פון טאָלסטאָי'ס עלטערען איז געגאַנגען פרידליך און גליקליך, נאָר ווען דער קינפטיגער געניאַלער שרייבער ליעָוו ניקאָלאַיעָוויטש איז נאָך קיין דריי יאָהר ניט אַלט געוועזען, איז שוין געשטאָרבען זיין מוטער. מיט 6 יאָהר שפּעטער איז אויך געשטאָרבען דער פאָטער, און צו 9 יאָהר איז ליעָוו ניקאָלאַיעָוויטש שוין געווען אַ יתום פון פאָטער און מוטער.

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס מיר וויסען פון טאָלסטאָי'ס קינדער־יאָהרען אין אויסערליכען זינן. דאָס איבעריגע געפינען מיר אין זיין ערשטען ווערק, „Дѣтство, отрочество и юность“ וועלכעס זאָגט אונז פיעל מעהר, איידער די אויסערליכע פאַקטען.

לויט ווי עס דערצעהלען טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפען, האָט טאָלסטאָי פריהער געהאַט אַ גראַנדיעזען פלאַן אָנצושרייבען אַ גרויסען ראָמאַן, אין וועלכען ס'זאָל דורכגעהן דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען, אָנהוי־בענדיג פון וויעגעל ביז דעם טויט. נאָר פון דעם פלאַן איז גאָרניט געוואָרען, און טאָלסטאָי האָט זיך געמוזט בעגנוגען מיט די ערשטע דריי עפּאָכען פונ'ם מענשענס לעבען: די קינדער־יאָהרען, יונגעל־יאָהרען און דערנאָך בחור־יאָהרען. דאָס דאָזיגע ווערק איז בעשטימט אַ אויטאָ־ביאָגראַפיע, נאָר שוין דאָ זעהען מיר די זוימען, פון וועלכע

עס וועט זיך דערנאָך ענטוויקלען דער קינפֿטיגער געניאַלער מענש.

אין „Дѣтство“ זעהען מיר פֿאַר זיך אַ בעגאַבטע נאַטור, מיט זעהר פֿיהלבאַרע איידעלע נערווען, אַ קינד מיט אַ גרויסע אייגענליעבע, וואָס קאָן נאָך זיך ניט בעהערשען, נאָר וואָס פֿרעגט שוין שאלות, הויבט זיך אָן פֿערטיעפֿען אין זיך און אַנאַליזירען די אינערליכע איבערלעבונגען און אויך די אַרומיגע סביבה. דער העלד פֿון „Дѣтство“ ניקאָלינקאַ אירטעניעוו, ד. ה. טאָלסטאָי אַליין, הויבט שוין אָן אין די קינדער־יאָהרען שפּירען דעם קאָנטראַסט צווישען דער ווירקליכקייט און חלום. דאָס ערשטע, וואָס טאָלסטאָי האָט דערזעהען אויף דער וועלט, איז געווען ער אַליין, זיין אייגען קליין וועלטעל און שוין אין „דיעטסטוואָ“ שפּירט זיך דער קינפֿטיגער טאָלסטאָי מיט זיין אינערליכען קאַמפּף און גרויסען עגאָאיזם. דאָס קינד וויל אַלעמען געפֿעלען ווערען, אָבער צוזאַמען דערמיט שפּירט ער זיין אונבעהאָלפֿענהייט און ער ליידט שוין שטיל, פֿערטיעפֿענדיג זיך אין זיינע קינדישע חלומות; איהם מוטשעט, וואָס ער איז ניט שען, וואָס ביי איהם זענען די אויגען גרוי, די נאָז ברייט; ער ליידט, וואָס ער קאָן ניט נאָכטהון די גרויסע און וואָס ער איז אַזוי אונבעמערקבאַר אין דער אַרומיגער סביבה — און דאָס עגאָאיסטישע קינד, וואָס שטרעבט שוין צו שאַפֿען עפּעס, בעמערקבאַר צו זיין, הויבט שוין אָן שפּירען דאָס ערשטע געפֿיהל פֿון איינזאַמקייט און פֿון וועלען. דאָס זענען די ערשטע סמנים פֿון דער קינפֿטיגער גרויסער שעפּפֿערישער נאַטור, אָבער דערווייל איז דאָס אַלץ נאָך ניט קיין ליידען, און דער אויסערליכער גלאַנץ, דער אַרומיגער סטיל פֿון אַן אַלטע אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליע פֿערגלעט די ערשטע אינערליכע קליינע ליידען פֿון דער קינדישער נשמה.

נאָר די גליקליכע קינדער־יאָהרען זענען באַלד פֿאַראיבער. צו 12 יאָהר איז געשטאָרבען די אַפּוטרופּסית פֿון די יתומים, גרעפֿין אָסטען־סאַקען און די יתומים — טאָלסטאָי זענען איבערגעגאַנגען אונטער דער השגחה פֿון זייער מוהמע יושקאָווא, וועלכע האָט געוואוינט מיט איהר מאַן אין קאַזאַן. אַהין איז אויך אַריבערגעפֿאָהרען די גאַנצע פֿאַמיליע טאָלסטאָי'ס. יושקאָווא איז געווען אַ רייכע אַריסטאָקראַטישע דאַמע, אין איהר הויז פֿלעגען קומען „די בעסטע געזעלשאַפֿט“ און דער 12־יעהריגער טאָלסטאָי איז באַלד אַריבער צו אַ קאָמפֿאָרט־לעבען פֿון דער שטילער סביבה אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

די גליקליכע קינדהייט איז פֿערשוואונדען און פֿאַר טאָלסטאָי׳ען האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע עפּאָכע, די יונגעלשע יאָהרען. דעם איבערגאַנג צו דער עפּאָכע בעשרייבט טאָלסטאָי אַליין אין זיין ווערק אַזוי:

„צי איז אייך אויסגעקומען, לעזער, אין אַ געוויסע עפּאָכע פֿון לעבען פּלוצלונג אָנהויבען בעמערקען, אַז איהר הויבט אָן אַנדערש קוקען אויף דער וועלט, גלייך ווי אַלע זאַכען, וואָס איהר האָט געזעהען ביזהער, האָבען זיך אויסגעדרעהט צו אייך מיט אַן אַנדער, נאָך ניט בעקאַנטער זייט. אַזאַ אַרט מאָראַלישע ענדערונג איז פֿאָרגעקומען אין מיר דאָס ערשטע מאָל, בעת אונזער רייזע, פֿון וועלכער איך רעכען דעם אָנהויב פֿון מיינע יונגעל־יאָהרען.

„מיר איז צום ערשטען מאָל געקומען אין קאָפּ אַריין אַ קלאָרער געדאַנק וועגען דעם, אַז ניט מיר אַליין, ד. ה. אונזער פֿאַמיליע, לעבען אויף דער וועלט, אַז ניט אַלע אינטערעסען דרעהען זיך אַרום אונז, און אַז עס עקזיסטירט אַן אַנדער לעבען פֿון מענשען, וועלכע האָבען קיין געמיינזאַמעס מיט אונז ניט, וועלכע מיר געהען ניט אָן, און וועלכע ווייסען זאָגאַר ניט וועגען אונזער עקזיסטענץ.

„ווען איך האָב געקוקט אויף די דערפֿער און שטעדט, וועלכע מיר זענען דורכגעפֿאָהרען, וואו אין יעדען הויז האָט געוואוינט ווינציגסטענס אַזאַ פֿאַמיליע, ווי אונזערע; אויף די פֿרויען און קינדער, וועלכע האָבען מיט אַ מינוט־נייגיעריגקייט געקוקט אויף אונזער קאַרעטע און דערנאָך פֿערשוואונדען געוואָרען; אויף די קרעמער, פּויערען, וועלכע האָבען ניט בלויז אונז ניט געגריסט, נאָר זאָגאַר אויף אונז קיין קוק ניט געוואָלט געבען, — דאַן איז מיר צום ערשטען מאָל איינגעפֿאַלען דער געדאַנק: וואָס זשע דען קאָן זיי אינטערעסירען, ווען מיר געהען זיי גאָרנישט אָן? פֿון דער פֿראַגע זענען ענטשטאַנען אַנדערע: ווי און מיט וואָס לעבען זיי, ווי אַזוי ערציהען זיי זייערע קינדער, לערנען זיי זיי, לאָזען זיי זיי שפּיעלען, שלאָגען זיי זיי?...

„צווישען די מיידלעך און אונז איז אויסגעוואַקסען עפּעס אַ אונבעמערקבאַרע מחיצה: ביי זיי און ביי אונז זענען שוין געווען בעזונדערע סעקרעטען, גלייך ווי זיי זאָלען שטאָלצירען געגען אונז מיט זייערע קליידלעך, וואָס זענען געוואָרען אַלץ לענגער, און מיר געגען זיי — מיט אונזערע פּאַנטאַלאָנען".

ניקאָלינקאַ אירטעניעוו (טאָלסטאָי), וועלכער האָט אין די קינדער־יאָהרען פֿריהער פֿון אַלץ דערזעהען זיין אייגענעם קליינעם

„איך", האט יעצט דאס ערשטע מאל דערזעהען די וועלט, דאס ערשטע מאל דערזעהען, אז עס איז דא א גרויסע וועלט, אויף וועלכער ס'לעבען מיליאָנען מענשען. דער יונגער ליעוו טאָלסטאָי שטרענגט שוין אָן זיינע שוואַכע קרעפטען צו בעפרייען זיך פון דער ענגער סביבה זיינע, פון זיין קלאַסען-פסיחאָלאָגיע און אין דער זעלבער צייט פערשטאַרקען זיך אין איהם יענע ליידענס-מאָטיווען, וועלכע מיר בעמערקען אין איהם אין א שוואַכער פאָרם נאָך קינדרווייז, אָפטע טרעהרען אָהן שום אויסערליכע סבה, אָפטע צורייצטע מאָמענטען, געפיהל פון בעליידיגונג און מעלאַנחאָליע. דאַכט זיך, וואס פעהלט איהם? דער יונגער ניקאָלינקאַ איז אַרומגערינגעלט דורך א ליעבענדע פאַמיליע, לעבט אין קאָמפאָרט, נאָר אַזוי איז שוין דער גורל פון אַלע געניאַלע מענשען: נאָך פון קינדרוויז אָן צו שפירען אויף זיך די איינזאַמקייט. דער אינערליכער קוואַל פון לעבענס-ענערגיע איז גרויס, די פאַנטאַזיע אַרבייט, די אייגענע סביבה זעהט-אויס צו קליין. און דעם יונגען ניקאָלינקאַ ווייזט זיך אויס, אז אַלע האָבען איהם פיינד, אַלע רודפ'ן איהם, און דאָ הויבט ער אָן זיך אַריינלאָזען אין פאַנטאַזיעס: אָט איז ער איבערצייגט, אז ער איז ניט קיין זוהן פון זיין טאַטע-מאַמע, נאָר אונטערגעוואָרפען; אָט זעהט ער זיך אַלס הוזאַרען-גענעראַל און אָט איז ער גאָר אין קבר און זעהט זיך מיט זיין פערשטאָרבענע מאַמע. אויפ'ן באָדען פון אַזאַ מאָראַלישע איינזאַמקייט וואַקסען-אויס משונה'דיגע רעיונות, משונה'דיגע פראַגען.

„אין פערלויף פון יאָהר — דערצעהלט טאָלסטאָי — אין דער צייט, ווען איך האָב געפיהרט מיין איינזאַם לעבען, קאָנצענטרירט אין זיך אַליין, האָבען מיר זיך שוין פאָרגעשטעלט אַלע אַבסטראַקטע פראַגען וועגען דער מיסיע פון מענשען, וועגען לעבען נאָכ'ן טויט, השארת הנפש, און מיין שוואַכער קינדישער שכל האָט זיך מיט דער גאַנצער היץ פון אַן אונערפאַהרענעם זיך געמטאַרעט קלאָר מאַכען יענע פראַגען, וועלכע זענען שוין דער העכסטער שטאַפעל, ביז וועלכע עס קאָן דערלאַנגען דער מענשליכער שכל, אָבער וועלכע ער איז ניט פעהיג צו לעזען".

איינמאָל קומט איהם אַריין א געדאַנק, אז זיין גליקליך קאָן נאָר דער, וואָס איז צוגעוועהנט איבערצוטראָגען יסורים, און כדי זיך צוגעוועהנען צו יסורים, לויפט ער אַוועק אין שטאַל און שמייסט זיך אַזוי שטאַרק מיט א שטריק איבער דער נאַקעטער פלייצע, אז

טרעהרען טרעטען איהם אַרויס פֿון די אויגען. אַנ'אַנדערס מאָל בעשליסט ער גאָר פלוצלונג, אַז איהם וואַרט־אָב יעדע שעה, דער טויט, אַז אַ מענש קאָן לעבען נאָר מיט דער יעצטיגער מינוט, און ער וואַרפט אַוועק די לעקציעס, פערמאַכט זיך אין זיין צימער און פערנעהמט זיך נאָר דערמיט, וואָס ער ליגט דריי טעג נאָכאַנאַנד אויפ'ן בעט, לייענט אַ בוך און עסט לעקעכלעך...

די אַלע ליידען פון יונגען טאָלסטאָי זענען, נאַטירליך, אויסגעטראַכטע, אָהן אַ פעסטען גרונד אין דער ווירקליכקייט, אָבער דאָ בעמערקען מיר שוין יענעם שטריך, וועלכער וועט פערנעהמען אַנ'אָנגעזעהען אָרט אין דער שפּעטערדיגער טעטיגקייט פון טאָלסטאָי אַלס מאָראַליסט: איהם ציהט עפּעס אָרגאַניש צו אַלע „פערשאָלטענע“ פראַגען און נאָך יונגעלווייז זוכט ער שוין אַ מאָראַלישע דאָגמע, אַ מאָראַלישע וועלט־אַנשויאונג. נאָך אַ וויכטיגען שטריך בעמערקען מיר אין איהם: דער יונגער ניקאָלינקאַ ליידט שוין אין די יונגע יאָהרען פון דעם פּסיכאָלאָגישען אַנאַליז פון זיינע אייגענע געפיהלען און געדאַנקען, און דאָ האָבען מיר שוין פאַר זיך דעם אָנהויב פון יענער אינערליכער צובראָכענהייט, דורך וועלכע עס איז דורכגעגאַנגען דער גאַנצער געניוס פון טאָלסטאָי'ען. דאָס זענען באָך דערוויילע די יונגע פליגלען פון קינפטיגען גרויסען אָדלער, וועלכער קעמפּפט מיט זיך אַליין און אין דעם קאַמפּף ענטוויקעלט ער זיין געניאַלען טאַלענט.

צו 15 יאָהר איז טאָלסטאָי אַריינגעטרעטען אין קאַזאַנער אוניווערזיטעט, און דאָ הויבט זיך אָן די דריטע עפּאָכע: די יוגענד־יאָהרען. אין אוניווערזיטעט האָט זיך טאָלסטאָי געלערנט זעהר שלעכט, נאָר דאָס איז קיין וואונדער ניט, דערמאָהנענדיג זיך, ווי נידעריג עס איז דאַמאָלס געשטאַנען די וויסענשאַפט אין די רוסישע אוניווערזיטעטען. די פּראָפעסאָרען זענען איבערהויפּט געווען דייטשען, צו וועלכע די סטודענטען האָבען זיך בעצויגען מיט שפּאָט און געלעכטער. די וויסענשאַפט פון די פּראָפעסאָרען איז געשטאַנען אויף אַ נידעריגע מדרגה, און אויך דאָס אפילו, וואָס זיי האָבען יאָ געוואוסט, האָבען זיי ניט געקאָנט אַרויסגעבען, ווייל אַלץ איז דאַמאָלס שטרענג צענזורירט געוואָרען און די מעטאָדען פון לערנען זענען געווען קאַזיאָנע אָהן לעבען, אָהן גייסט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, ווען די סטודענטען, און צווישען זיי אויך טאָלסטאָי, האָבען זיך בעצויגען

צו דער וויסענשאַפט לייכטזיניג און אָהן שום ליעבע. דאָס לעבען פון די סטודענטען איז דאַמאָלס בעשטאַנען בלויז אין טרינקען, אין ווילדע תענוגים, שכרות, קאָרטען־שפּיעל און פרויען, אָדער אין בעסטען פאַל ספּעקטאַקלען, שטענדיגע בעלער און פרעהליכע נעכט־פערברענגען.

פון תענוגים האָט זיך ניט אָבגעזאָגט אויך טאָלסטאָי, דגם ער האָט זיך געהאַלטען ווי אַ „רייכער אַריסטאָקראַט", שטענדיג געזעמען אין אַ פּאָזע פון פעראַכטונג צו אַלעמען און פלעגט זאָגאַר מיט קיינעם זיך ניט גריסען. אָבער אונטער דער דאָזיגער אויסערליכער מאַסקע פון גלייכגילטיגקייט און פעראַכטונג, האָט טעטיג אין איהם געאַרבייט דער מח און עס האָט זיך פערשטאַרקט דאָס שטרעבען צו געפינען אַ מאָראַלישען קריטעריום. די גרויסע איינגעליעבע האָט געבוירען אין יונגען טאָלסטאָי אַ שטאַרקען פערלאַנג צו זיין קלוגער פון אַלעמען, שטאַרקער פון אַלעמען, העכער פון אַלע. אויסערליך איז ער געווען קאַלט צו אַלע און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיין וואָרהאַפטיג און איינפאַך איז פאַר איהם אונמעגליך, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער איינזאַם געליטען און געזוכט אַ וועג צו דער איינפאַכקייט און וואָרהייט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון גרויסען קאַמפף, וועלכען טאָלסטאָי האָט דערנאָך געפיהרט מיט זיך אליין זיין גאַנץ לעבען.

די נייע שטימונג פון טאָלסטאָי'ען אין דער עפּאָכע פון יוגענד דריקט זיך אויס אַמבעסטען אין פאָלגענדע ווערטער פון ניקאָלינקאַ אירטעניעוו: „ווי האָב איך געקאָנט ניט פערשטעהן דאָס (אַז שענהייט, גליק און גוטס זענען פאַר איהם מעגליך), ווי שלעכט בין איך געווען פריהער, ווי וואָלט איך געקאָנט און קאָן יעצט זיין גוט און גליקליך אין דער צוקונפט!" „מען דאַרף וואָס גיכער, די מינוט, ווערען אַנ'אַנדער מענש און אָנהויבען אַ נייַ לעבען".

וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער דאָזיגער שטרעבונג צו ווערען אַ נייער מענש? ביי אירטעניעוו'ן האָט זיך די דאָזיגע שטרעבונג אויסגעדריקט אין אַ ריי ריהע טרוימען: ער האָט געטרוימט וועגען דעם, אַז יעדען זונטאָג וועט ער געהן אין קירכע, אַז ער וועט פון זיין געלד העלפען אָרימע, אַז ער וועט אַליין רוימען זיין צימער, כדי ניט צו בעמיהען קיין מענשען; ער האָט אויך געטרוימט וועגען דעם, אַז ער וועט ווערען דער ערשטער געלעהרטער אין אייראָפּאַ, אַז ער

וועט זיך אָבריינגען פֿון אַלע זיינע זינד, וועלכע מוטשען איהם אַזוי, און אַז ער וועט שפּאַצירען איבער די בערג און בעגעגענען דאָרט „זי“, די פֿאַנטאַסטישע פֿרויענצימער, וועלכע איז פֿאַר איהם אַ ביסעל סאָניעטשקאַ, אַ ביסעל מאַשאַ, דעם קוטשערס ווייב אין דער צייט, ווען זי וואַשט דאָס וועש ביים טייך, און אַ ביסעל אַ פֿרויענצימער מיט פּערל אויפֿ'ן ווייסען האַלז, וועלכע ער האָט אַמאָל געזעהען אין טעאַטער...

אויף אַזאַ אופן מישען זיך אום אין יונגען ניקאָלינקאַ דער חטא און די קדושה, די ריינע חלומות וועגען „זי“ און די מיאוסע מעשים, און וואָס שטאַרקער עס ווערט אין איהם די שטרעבונג צו וואָרהייט און מאָראַלישען אמת, אַלץ שטאַרקער ווערט אין איהם צו דער זעלבער צייט די פֿאַלשקייט און דער פֿערלאַנג פֿון מאַכט, פֿון שאַפֿונג. די רייכע אינסטינקטען קעמפּפֿען מיט דעם סקעפּטישען אַנאַליז פֿון די אייגענע געפֿיהלען און איבערלעבונגען. די דאָזיגע שטימונג אין דער יוגענד-עפּאָכע ווערט אַמבעסטען געשילדערט דורך דעם פּראַכטפֿאָלען פּאָעטישען בילד, וועלכעס דערצעהלט וועגען די יוגענד-טרוימען פֿון ניקאָלינקאַ אין אַ קלאָרער זומער-נאַכט:

„אַלץ האָט בעקומען פֿאַר מיר אַ משונה'דיגען זינן — אַ בעדייטונג פֿון צו אַ גרויסע שענהייט און עפּעס אַ ניט-דערענדיגט גליק. און אָט איז געקומען זי, מיט אַ לאַנגען שוואַרצען צאָפּ, מיט אַ הויכע ברוסט, שטענדיג אַ טרויעריגע און שענע, מיט נאַקעטע הענד און ליידענשאַפֿטליכע אָרעמס. זי ליעבט מיך, איך וואָלט געאָפּפֿערט מיט מיין גאַנץ לעבען פֿאַר איין מינוט פֿון איהר ליעבע. נאָר די לבנה איז אַלץ העכער און העכער, ליכטיגער און ליכטיגער געשטאַנען אויפֿ'ן הימעל, דער פּראַכט-גלאַנץ פֿון טייכעל, וואָס פֿערשטאַרקט זיך האַרמאָניש, איז, ווי אַ קלאַנג, געוואָרען אַלץ העלער און העלער, די שאָטענס זענען געוואָרען אַלץ שוואַרצער און שוואַרצער, דער שיין דורכזיכטיגער, און אומקוקענדיג זיך און איינהערענדיג זיך אין דעם אַלעם, האָט מיר עפּעס גערעדט, אַז זי מיט די ענטבלויזטע הענד און הייסע אָרעמס איז נאָך ניט דאָס אמת'ע גליק; און וואָס מעהר איך האָב געקוקט אויף דער הויכער קלאָרער לבנה, אַלץ העכער און העכער האָט מיר אויסגעזעהען די אמת'ע שענהייט און גליק, אַלץ נעהענטער צו גאָט, צום מקור פֿון אַלעם שענעם און גליק-

ליכעס, און טרעהרען פון עפעס אַ אונבעפרידיגטע, נאָר אויפרע-
גענדע פרייד האָבען מיר זיך געגאָסען פון די אויגען".

אין יאָהר 1847 טרעט טאָלסטאָי פּלוצלונג אַרויס פון אוניווער-
זיטעט, פאָהרט אַוועק צו זיך אין דאָרף קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, וואו
ער בלייבט ביז 1851. דאָ בעמערקען מיר אין טאָלסטאָי'ען אַ נייעס
שטריך: ער הויבט אָן ערנסט טראַכטען וועגען אָבגעבען זיין לעבען
פאַר די פויערען און זיך זאָרגען וועגען זייער גליק. וועגען טאָלסטאָי'ס
אינערליכע איבערלעבונגען צו יענער צייט זעהען מיר אַמבעסטען
אין זיין ערצעהלונג פון יענער צייט „Утро помѣщика".

פירשט נעחליודאָוו, ד. ה. טאָלסטאָי אַליין, הויבט-אָן זיך
צוקוקען צום לעבען פון די פויערען, וועלכע געפינען זיך ביי איהם
אין קנעכטשאַפט אַלס איינענטום. ער סטאַרעט זיך פערשטעהן זייערע
בעדערפנישען, אַריינדרינגען אין זייער וועלט און העלפען זיי מיט
ברויט, געלד און עצות. איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען מאַכט פירשט
נעחליודאָוו אַ שפּאַציר איבער די פויערישע הייזלעך, בעקענט זיך
מיט זייער לעבען, און אומעטום לעגט ער פאָר זיין הילף מיט געלד
און ראַט. נאָר דאָ בעמערקט ער צום ערשטען מאָל, אַז צווישען
איהם און דעם פויער שטעהט אַ פעסטע וואַנד, אַ גרויסע מחיצה,
אין וועלכער ס'זענען שולדיג די עטליכע דורות פון קנעכטשאַפט,
אַז איהם וועט זיך אַזוי לייכט ניט איינגעבען אַריינצודרינגען אין דער
אינערליכער נשמה פון די פויערען, וועלכע זאָגען זיך אָב פון זיין
הילף און פאַלען איהם צו די פיס, בעטענדיג, ער זאָל זיך ניט
אַריינמישען אין זייער לעבען, זיי לאָזען צו רוה און ערלויבען זיי
צו לעבען, ווי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבען געלעבט.

די רעפאָרמען, וועלכע נעחליודאָוו-טאָלסטאָי האָט געוואָלט
מאַכען, האָבען זיך ניט איינגעגעבען און מיט אַ אויפגערעגטער שטימונג
פון מאַכטלאָזיגקייט געגען דעם פער'עקשנ'טען פויער, פערלאָזט
טאָלסטאָי זיין פילאַנטראָפּיע און לעבט זיך ווידער אַליין.

דריי יאָהר לעבט אָב דער יונגער טאָלסטאָי אין יאַסנאַיאַ פּאָ-
ליאַנאַ, נאָר די אייביגע גייסט-וואַנדערונג, מיט וועלכע גאָט האָט
געבענשט אַלע געניוסען, לאָזט איהם ניט אָב, און נאָך דריי יאָהר
פון שטילע אינערליכע בלאָנדזשעניש, הויבען זיך פאַר טאָלסטאָי'ען
ווידער אָן די וואַנדער-יאָהרען: ער פאָהרט אָב קיין קאַווקאַז.

די נאָהענטסטע סבה דאַצו איז געווען דאָס, וואָס טאָלסטאָי האָט איינמאָל פֿערשפּיעלט אין קאָרטען אַ גרויסע סומע געלד און דאָס האָט אויף איהם געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק; אָבער ניט דאָס נאַטירליך איז געווען דער עיקר. די אמת'ע סבה איז געווען, וואָס טאָלסטאָי האָט זיך אויפגעחאַפּט מיט אַ קלאָרען בעוואוסטזיין, אַז ער שטעהט ביי אַ אָבגרונד, אַז ער האָט נאָך אַלץ ניט געפֿונען זיין אמת'ן „איך" און ער מוז אַרויסגעהן פֿון דער דאָזיגער שרעקליכער לאַגע. אויף קאַווקאַז האָט געדיענט אין דער אַרמעע טאָלסטאָי'ס ברודער ניקאָליי, מיט וועלכען ער איז געווען בעזונדערס נאָהענט און פֿריינדליך. טאָלסטאָי האָט פֿריהער ניט גערעכענט אַריינטרעטען אין דער אַרמעע, נאָר בעגעגענדיג זיך מיט איינעם פֿון זיינע נאָהענטסטע פֿריינד, וועלכער האָט פֿערנומען אַ הויכען פּאָסטען אין שטאַב, האָט טאָלסטאָי מסכים געווען אַריינצוטרעטען אין דער אַרמעע אַלס אָפֿיציער און ניט איינמאָל זיך בעטייליגט אין די קליינע צוזאַמענשטויסען פֿון דער מיליטער מיט די קאַווקאַזער גאָרצעס.

די בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און די קאַווקאַזער איינוואוינער צו יענער צייט האָבען נאָך געטראָגען אַ אונבעשטימטען חאַראַקטער, אַזוי, אַז מען האָט דאָס ניט געקאָנט אָנרופֿען ניט קיין אָפֿענע מלחמה, ניט קיין שלום. רוסלאַנד האָט געמוזט האַלטען דאָרט אַ גרויסע אַרמעע און פֿיהרען אַ שטענדיגען אונרוהיגען קאַמפּף געגען די פּאַרטיזאַנישע אָנפֿאַלען און צוזאַמענשטויסען מיט די ווילדע פֿעלקער פֿון קאַווקאַז.

פֿאַר דער רוסישער געזעלשאַפֿט איז נאָך דאַן קאַווקאַז געווען אַ אונבעקאַנטער, כמעט לעגענדאַרישער קאַנט און פֿאַר די, וועלכע האָבען ניט געקענט די דאָזיגע וואונדערבאַרע רייכע געגענד מיט איהר חילדער פּאָעזיע און גרויזאַמע נאַטור, איז קאַווקאַז געווען עפּעס אַ צויבער־לאַנד. די הייסע ברענענדיגע זון, די שטורמישע טייכען, דער קלאָרער הימעל, די הויכע בערג, ביי וועלכע די שפּיצען זענען בעדעקט מיט אייביגען שניי, די פּראַכטפֿאָלע בערג־וואַסערען, די אייביגע געדיכטע וועלדער מיט זייערע אור־אַלטע איינוואוינער, וועלכע האָבען פֿערצווייפֿעלט געקעמפּפֿט פֿאַר זייער פֿרייהייט — דאָס אַלץ האָט געוועקט די פֿאַנטאַזיע און פֿון דער וויטענס בעצויבערט אַלע ראָמאַנטיש־געשטימטע מענשען.

קיין קאַווקאַז פֿלעגען זיך דאַמאָלס אַוועקלאָזען פֿיעל פֿון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע, מענשען, וועלכע האָבען איבערגעלעבט עפּעס

אַ דראַמע און געוואַלט פֿון פֿערצווייפֿלונג געהן דער ווילדער געפֿאָהר אַנטקעגען, אָדער ראָמאַנטישע נשמות, וואָס האָבען געזוכט פֿאַר זיך עפּעס אַ לעגענדע, עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישען צופֿאַל, וואָס זאָל בע־פֿליגלען זייער פֿאַנטאַזיע.

וואָלט אויך טאָלסטאָי ניט געוועזן קיין גרויסער קינסטלער, נאָר סתם אַ אינטעליגענטע נשמה, וועלכער דאַרף האָבען איינדריקען און אידעען, וואָלט ער, ווי פֿיעל אַנדערע, געקאָנט אין קאַווקאַז געפֿינען פֿאַר זיך אַ גרויסען פּלאַץ און צופֿרידען בלייבען. וואָלט ער ווידער געוועזן אַ ראָמאַנטיקער, אַ מין בייראָן, וואָלט ער אויף קאַווקאַז געפֿינען פֿאַר זיך די ראָמאַנטישע שטימונג, פֿון וועלכע ער וואָלט געשפּייזט זיין נשמה און ווי אַלע ראָמאַנטישע קינסטלער זיך בעפֿרידיגט מיט דער אַנערקענונג פֿון זיינע קאָנטראַסטען, זיך אַרומגעטראָגען מיט זיין אינערליכע צובראָכענהייט און וועלט־שמערץ, און דאָס אַליין וואָלט איהם געגעבען די נויטיגע האַרמאָנישע רוה, די אינערליכע צופֿרידענהייט.

טאָלסטאָי איז אָבער געוועזן אַ גרויסער קינסטלער און דאַצו אַ טיעפֿער רעאַליסט, ביי וועלכען דער אמת, דער קינסטלערישער רעאַליסטישער אמת איז פֿריהער פֿון אַלץ. אַלס קינסטלער האָט טאָלסטאָי געמוזט האָבען אַנ׳אייגענע אינערליכע בעציהונג צו דער אַרומיגער וועלט: פֿאַר אַ קינסטלער איז ווינציג צו האָבען אַ בעגריף וועגען דער וועלט, ער מוז נאָך אַלץ זעהען מיט זיינע אייגענע אויגען, אַלץ ערקענען אַליין, אַלץ אַ אייגענעם נאָמען געבען, די אייגענע ווערטער געפֿינען. אַלס רעאַליסט ווידער האָט טאָלסטאָי פֿיינד אָרגאַניש יעדען „פֿאַלש", יעדען ראָמאַנטישען שלייער, יעדע רעפֿלעקסיע פֿון צובראָכענעם אינטעליגענט, און דערמיט ערקלערט זיך, וואָס טאָלסטאָי קאָן נאָר שילדערען דאָס, וואָס ער האָט אַליין געזעהען, אַליין איבער־געלעבט, מאָהלט מיט אַ אונגעוועהנליכער אָביעקטיוויטעט, קלאָר־הייט און רוהיגקייט, און אין דער זעלבער צייט איז אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפֿען — זיינס, אייגענס. אַט דערפֿון האָט זיך גענומען טאָל־סטאָי׳ס בונט, דער שרעקליכער בונט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין זיין נשמה נאָך פֿון די יונגע יאָהרען אָן. ער זוכט דעם אמת, דעם ריינעם רעאַלען אמת און אין דער זעלבער צייט זוכט ער זיין אייגענעם איך, און פֿון אַלע זיינע קינסטלערישע ווערק הערט זיך דער טראַגישער געשריי: ווער בין איך און ווער איז די וועלט?

אויף קאַווקאַז האָט טאָלסטאָי געפֿונען אַ נייעם לאָזונג: גליקליך איז דער, וואָס לעבט — נאָר אַ אמת'ער מענש — גליקליך הייסט זיין מיט דער נאַטור, זעהן זי, רעדען מיט איהר.

טאָלסטאָי בעזעצט זיך אין אַ שטיבעל פֿון אַן אַלטען קאָזאַק יעפּישקאַ, אויפֿ'ן לינקען ברעג פֿון טייך טערעק. דאָ האָט טאָלסטאָי געזעהען אַרום זיך גאַנצע מענשען, וועלכע לעבען אָהן שום אַפֿעקטאַציע, אָהן צובראָכענהייט, פּראָסט, אַזוי, ווי עס לעבט דאָס גראָז אויפֿ'ן פֿעלד, מענשען, וועלכע טראָגען זיך ניט אַרום מיט זייער פּערזענליכקייט, וואָס זוכען ניט קיין העלדענטהאַטען, קיין ראָמאַנטישע מעשׂות און טראַכטען ניט וועגען קיין שום כּבֿוד, גרויסקייט און פֿערגעניגען. געגען די דאָזיגע נאַטור־מענשען האָט טאָלסטאָי געהאַט די אינטעליגענטע נשמות, זיך אַליין, מענשען, וואָס טראָגען זיך שטענדיג אַרום מיט זייער איך, לעבען איבער טראַגעדיעס, זוכען שפּייז פֿאַר דער נשמה, פֿאָהרען קיין קאַווקאַז זעהען די ווילדע נאַטור, די פֿאַנטאַסטישע בערג און טהוען אויך דאָס נאָר צוליעב זייער עגאָאיזם, צוליעב זייערע „איבערלעבונגען", וועלכע געהען סוף־כּל־סוף איבער און לאָזען אין דער נשמה נאָר אַ רעפֿלעקסיע, אַ אַבּסטראַקטען עפֿעקט. טאָלסטאָי האָט פֿערגלייכט זיך און די אַרומיגע נאַטור־מענשען און זיך געשטעלט די פֿראַגע: ווער לעבט אמת'ער און גליקליכער: ער מיט זיין אינטעליגענטער נשמה, אָדער יעפּישקאַ און זיין גלייכען? אַלס קינסטלער, וואָס זוכט שטענדיג דעם רעאַלען אמת, האָט טאָלסטאָי געמוזט ענטפֿערען: איינפֿאַכער, אמת'ער לעבט יעפּישקאַ, דער אַלטער ליעבהאָבער פֿון וויין און ליעדער, די גאַנצע פּערזענליכקייט. דערנאָך איז שוין געקומען אויך טאָלסטאָי דער דענקער און צוגעגעבען: „יעפּישקאַ לעבט ניט בלויז אמת'ער, נאָר אויך גליקליכער — גליקליך הייסט לעבען מיט דער נאַטור".

די דאָזיגע איבערלעבונגען האָט טאָלסטאָי אויסגעדריקט אין זיינע קאַווקאַזער בילדער. אויף קאַווקאַז האָט ערוואַכט טאָלסטאָי'ס רוח־הקודש, דאָרט האָט ער צום ערשטען מאָל דערשפּירט, אַז ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגען, דאָרט האָט ער אָנגעשריבען זיין „דיעטסטוואָ" און דאָרט זענען אויך אָנגעשריבען געוואָרען זיינע קאַווקאַזער בילדער, צווישען וועלכע די ערצעהלונג „קאָזאַקי" איז אַן אמת'ער פּערל. ווי אין דאָס רוב טאָלסטאָי'ס ווערק, איז אויך אין „קאָזאַקי" פֿריהער פֿון אַלץ טאָלסטאָי אַליין.

אַ יונגער אַריסטאָקראַט, אַ מאָסקווער „באַרין", אָלענין, וועלכער

האט דורך קארטען און פערשידענע פוסטע פערגעניגענס פערלוירען א גרויסען טייל פון זיין פערמעגען, געזעגענט זיך אב מיט זיינע פריינד און פאהרט פלוצלונג אב קיין קאווקאז. דאס לעבען, וואס ער האט פריהער געפיהרט, איז איהם נמאס געווארען, ער בעשליסט ווערען א נייער מענש. ער בעזעצט זיך ביי א קאזאקען-פאמיליע, ביים אלטען יעראשקא (יעפישקא), א גרויסער ליבהאבער פון וויין און לידער, וועלכען אלענין פערטרויט אלע זיינע סודות און דערצעהלט איהם, אז ער האט בעשלאסען אראבווארפען פון זיך דעם גאנצען שטויב און לעבען מיט דער נאטור. אלענין לעבט צוזאמען מיט די קאזאקען, עסט, טרינקט, ווי זיי, געהט צוזאמען מיט זיי אויף געיעג און סטארעט זיך ווערען א אמת'ער קאזאק. אלענין פערליעבט זיך בימלעכווייז אין דער שענע מאריאנקא, די טאכטער פון די, ביי וועמען ער וואוינט, און די ליעבע איז א אמת'ע, א טיעפע. ביז אהער — זאגט דייער דייטשער קריטיקער צאבעל — וואלט א ראמאניסט פון דער אלטער שולע געמאלט די פאבולא אזוי, ווי עס טהוט דאס טאלסטאי, אבער דא טרעט אריין אין זיינע רעכטען דער רעאליזם, וועלכער כאראקטעריזירט אזוי טאלסטאי'ען, און די גאנצע מעשה נעהמט אן גאר אנאנדער ווענדונג.

די ליידענשאפט פון אלענינ'ען צו דעם יונגען מיידעל בלייבט אינגאנצען ניט-פערשטאנען. מאריאנקא איז א שענע, א שטארקע, א שטאלצע, מיט א רייכען נאטירליכען שכל, א קאזאטשקע מיט דער גאנצער נשמה און לעבט אין אזא ספערע, וועלכע איז גארניט פערשטענדליך פאר א קולטורעלען מענשען, וועלכער וואלט געוואלט בייטען זיין לעבען, אבער ביי זיין גאנצען פערלאנג קאן ער דאס ניט טהון. מאריאנקא איז בעשאפען געווארען פאר א זוהן פון דעם פאלק, צו וועלכען זי אליין געהערט. זיין א אמת'ער קאזאק, גנב'ענען פערד, זיך צוגיסען אין לידער, זיך אנטרינקען און ביינאכט זיך אריינגנב'ענען צו איהר — אזעלכען קאן די שטאלצע מאריאנקא ליעבען. דאס אלץ, מיט וואס אלענין וויל ארויסווייזען זיין ליעבע, קאן די געזונדע, פראסטע נאטור פון דער שענער מאריאנקא ניט בעצויבערען. זי איז אינערליך לחלוטין גלייכגילטיג צו איהם, ניט קוקענדיג אויף זיין יחוס, זיינע מאניערען זעהען איהר אויס משונה'דיג. און זי הויבט זאגאר אן מורא האבען פאר איהם. מיט א שווער הארץ, נאך צוברעכענער, איידער פריהער, מוז אלענין אבפאהרען, און ווען

מען שפּאַנט די פערד אויס און אָלענין פאָהרט אָב, שטעהען מאַריאַנקאַ און יערָאשקאַ און שמועסען זיך רוהיג וועגען זייערע זאַכען, און געבען אפילו ניט אַ קוק אויף דעם אומגליקליכען אָלענין.

אָלענינ׳ס טראַגעדיע בעשטעהט דערין, וואָס ער פערשטעהט מאַריאַנקאַ׳ן און די אַלע איהריגע פּראָסטע נאַטור־מענשען, וועהרענד זיי איהם פערשטעהען ניט. געווים שטעהט אָלענין אין קולטורעלען הינזיכט העכער פון די קאָזאַקען, אָבער דערין איז טאַקע די טראַגעדיע, וואָס אָלענין פערשטעהט, וועהרענד נאַטור־מענשען ווייסען נאָר פון געפיהלען; וואָס אָלענין פערשטעהט אַנדערע, פערשטעהט אָבער אויך זיך; פערשטעהט, אַז דערמיט, וואָס ער, אַ מאָסקווער באַרין, אַ אַריסטאָ־קראַט, פערליעבט זיך אין אַ פּראָסטע קאָזאַטשקע, טהוט ער עפּעס אַ אונגעוועהנליכע זאַך...

אָלענין ענטלויפט. פון קאַווקאַז ענטלויפט אויך טאָלסטאָי, זיין נשמה־בונט ווערט פאָרטגעזעצט.

טאָלסטאָי ענטלויפט קיין סעוואַסטאָפּאָל, וואו עס האָט זיך דאַ־מאָל׳ס אָנגעהויבען די בעריהמטע בעלאַגערונג, און טרעט־אַריין אין הויפּט־שטאַב פון דער רוסישער אַרמעע. דאָרט פערברענגט ער ביז דער ענדע פון דער בעלאַגערונג און אין מאַי ווערט ער בעשטימט אַלס קאָ־מאַנדיר פון אַ דיוויזיאָן און נעהמט אַליין אַנטהייל אין עטליכע הייסע שלאַכטען, אין וועלכע טאָלסטאָי האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס מוטיגער און טאַפּפערער מיליטער־מענש. אָט וואָס עס דערצעהלט וועגען איהם איינער פון זיינע חברים, וועלכער האָט צוזאַמען מיט איהם געדינט אין סעוואַסטאָפּאָל.

„טאָלסטאָי האָט דורך זיינע מעשות און לעבעדיג־צוזאַמענגע־שטעלטע קופּלעטען אויפגעמונטערט יעדען איינציגען אין די שווערע מינוטען פון קריעגס־לעבען. ער איז געווען אין פולען זינן פון וואָרט די נשמה פון דער געזעלשאַפט. טאָלסטאָי איז מיט אונז — דאַן זעהען מיר ניט, ווי גיך עס פערשווינדעט די צייט, און עס איז ניטאָ קיין ברעג צו דער אַלגעמיינער שמחה; ער איז ניטאָ צווישען אונז, ער איז אָבגע־פאָהרען קיין סימפעראָפּאָל — דאַן לאָזען אַלע אַראָב די נעז. עס געהט אַוועק אַ טאָג, צוויי, דריי, ער איז ניטאָ. ענדליך, ער איז דאָ, נאָר פונקט ווי עפּעס אַ חוטא: אַ אומעטיגער, אַ פערמאַטערטער, ניט צופריעדען מיט זיך. ער נעהמט מיך אַוועק אָן אַ זייט וואָס וויטער און הויבט

אָן זיין ודוי. אַליק דערציילט ער אויס: ווי ער האָט „געלעבט“, פֿערבראַכט די טעג און נעכט, געשפּילט אין קאָרטן, און דערביי מוטשעט ער זיך אַליין, זידלט זיך, ווי אַן אמת׳ער פֿערברעכער. עס איז דאָגאַר אַ רחמנות צו קוקן אויף אים — אַזוי נעמט ער זיך צום האַרצן. אָט וואָס פֿאַר אַ מענש דאָס איז געווען! מיט איין וואָרט, אַ מאָדנער און ניט אינגאַנצן פֿערשטענדליכער, נאָר פֿון דער צווייטער זייט איז דאָס געווען אַ זעלטענער חבר, ערלעך ביז גאָר און עס איז לחלוטין שווער צו פֿערגעסן אים“.

פֿון דער דאָזיגער קורצער כאַראַקטעריסטיק זעען מיר טאָלסטאָי׳ען אין יענער צייט מיט זיין גאַנצער אינערליכער דראַמע. ער פֿירט נאָך דאָס זעלבע לעבן וואָס פֿריהער, שפּילט אין קאָרטן, איז אַ לעב־יונג, נאָר פֿון דער צווייטער זייט פּייניגט עפּעס זיין געוויסן און ער הערט ניט אויף צו זוכן און בלאָנדזשען. אַלס מענש פֿון אַ געוויסן קלאַס מיט בעשטימטע קלאַסן־געוואוינהייטן און פֿאָראורטיילן, לעבט ער נאָך אַליין, ווי אַן אַריסטאָקראַט, זוכט אויסערליכן כבוד, שטרעבט צו ווערן אַ גענעראַל און ליידט זעהר דערפֿון, וואָס ער האָט ניט בעקומען דעם אָרדען, אויף וועלכען ער האָט געהאָפֿט. נאָר טיעף אין דעם בעוואוסטזיין זיינעם גערט זיך אַן אינערליכע אַרבייט, וועלכע האָט קיין געמיינזאַמעס ניט דערמיט, וואָס עס איז אין אויסערליכען לעבען.

טאָלסטאָי דער קינסטלער האָט אונז פֿון יענער צייט געשאַפֿען זיינע וואונדערבאַרע „סעוואַסטאָפּאָלער ערצעהלונגען“, אין וועלכע עס זעהט זיך שוין אַרויס דער שפּעטערדיגער געניוס פֿון „קריעג און פֿריעדען“: שוין דאָ זעהט מען דעם טיעפֿען רעאַליזם פֿון טאָלסטאָי׳ען, וועלכער זוכט ניט קיין פֿאַלשע העלדישקייט, קיין עפֿעקטען, מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך דאָס מלחמה־לעבען, ער שילדערט נאָר די קלאָרע טיעפֿקייט פֿון דער ווירקליכקייט. אַנשטאָט שוידערליכע סצענעס, צו וועלכע מען איז געווען צוגעוועהנט ביז טאָלסטאָי׳ען, שילדערט ער די איינפֿאַכקייט פֿון דעם גרויזאַמען, ווי, למשל, די בעריהמטע סצענע, ווען צווישען ביידע לאַגערען פֿון די קריעגערישע אַרמעען ווערט אויף אַ ווײַלע שלום און די רוסישע סאָלדאַטען, וועלכע גרענעצען זיך מיט די סאָלדאַטען פֿון דעם שונא, די פֿראַנצויזישע אַרמעע, שמועסען מיט די פֿראַנצויזען רוהיג און פֿריידליך, בעטראַכטען די קאַפּיטאַנען פֿון די פֿראַנצויזישע סאָלדאַטען און זענען מקנא, וואָס בײַ

יענע, די פראַנצויזען, זענען די קנעפּ אַזעלכע בלישטשענדע און נייע. אָנשטאָט די פאַלשע העלדישע מעשים, וועלכע דאָס רוב שרייבער פון קריעגס-לעבען, האָבען ליעב צו שילדערען, שילדערט אונז טאָלסטאָי די ווירקליכע שרעקען פון דער מלחמה, יענע שטילע שרעקען, וואָס וואַרפען זיך ניט אין די אויגען און בלישטשען ניט מיט קיין עפעקטען. זיין טאַפּפער הייסט ביי טאָלסטאָי'ען, ניט וואַרפען זיך אין פייער אַריין, ווען דאָס איז איבעריג, ניט געהן אַנטקעגען דעם טויט, נאָר ערפילען דעם חוב. טאָלסטאָי'ס טאַפּפערע העלדען בערימען זיך ניט, אַז זיי האָבען ניט מורא פאַר'ן טויט און טאָלסטאָי אַליין שילדערט זיי ניט אַלס אַזעלכע, ווייל עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין מענש, וואָס זאָל ניט מורא האָבען פאַר'ן טויט, און טאָלסטאָי'ס אמת-העלדישע העלדען ענטפערען אויף דער פראַגע: „און דו האָסט מורא?“: „וואָס זשע דען?“ דערפאַר קאָנען אָבער די זעלבע סאָלדאַטען שטיל ערפילען זייער פליכט, ווען מען דאַרף דאָס, זיי קאָנען שטאַרבען שטיל, זיי טהוען נאָר דאָס, וואָס מען דאַרף. „דאָס, וואָס מען דאַרף“ — אָט דאָס איז דער גאַנצער זינן פון טאָלסטאָי'ס אייביגען זוכען, פון זיין אייביגען פערטיעפען זיך אין דער קינסטלערישער ווירקליכקייט, און דאָס איז אויך דער זינן פון זיינע סעוואַסטאָפּאָלער ערצעהלונגען. דער שווייגענדיגער העראָאיזם פון טאָלסטאָי'ס סאָלדאַטען, זייער שטילע הכנעה פאַר דעם גורל, וואַרפען אָן פיעל מעהר שרעק און רעדען פיעל מעהר צום האַרצען פון לעזער, איידער טויזענדער אַנדערע עפעקטפולע מעשות פון קריעגס-לעבען.

מען דערצעהלט, אַז די קעניגין אַלעקסאַנדרא האָט לעזענדיג טאָלסטאָי'ס ערצעהלונגען פון סעוואַסטאָפּאָל שטאַרק געוויינט און דער קייזער ניקאָלאַי האָט אָנגעזאָגט אַכטונג צו געבען אויף דעם יונגען שריפטשטעלער און איבערפיהרען איהם אויף אַן אַנדער ווינציג-געפעהרליכען אָרט. דעם 27-טען אויגוסט האָט טאָלסטאָי זיך נאָך בעטייליגט אין אַטאַקע ביי סעוואַסטאָפּאָל און דערנאָך געשיקט געוואָרען מיט אַ שליחות קיין פּעטערבורג, נאָר צוריק איז ער שוין ניט געקומען, און פון דאַן האָט זיך געענדיגט זיין מיליטערישע קאַריערע.

קיין פּעטערבורג איז טאָלסטאָי אָנגעקומען, ווען ער איז אַלט געווען 26 יאָהר. ער איז שוין דאַמאָלס געווען בעוואוסט אַלס שריפטשטעלער מיט אַ אָריגינעלען טאַלענט און אַלס העלד פון סעוואַסטאָ-

פֿאָלער בעלאַגערונג. פֿאַר איהם זענען נאַטירליך געווען אָפֿען אַלע בעסטע הייזער, איהם האָט מען מיט פֿרייד אויפֿגענומען אין די ליטעראַרישע קרייזען, פֿאַר איהם איז געווען אָפֿען דער וועג פֿון כבוד און רוהם. דאַכט זיך, וואָס קאָן זיין בעסער? נאָר דער יונגער טאָלסטאָי האָט זיך שוין אַרומגעטראָגען מיט זיין אינערליכער דראַמע, ער האָט אַלץ קיין רוה ניט געפֿונען, און צו דער פֿערוואונדערונג פֿון אַלע האָט ער אין פּעטערבורג זיך געשפּירט שלעכט און דאָס אָפֿען אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַלעמען.

מיט קיינעם פֿון די שריפֿטשטעלער איז טאָלסטאָי נאָהענט זיך ניט צונויפֿגעגאַנגען און אומעטום האָט ער אַרויסגעוויזען זיין אונצופֿרידענהייט. בכלל איז טאָלסטאָי געווען בטבע אַ איינזאַמער מענש און אין זיין גאַנץ לעבען האָט ער זיך אמת בעפֿריינדעט נאָר מיט געצעהלטע מענשען. אָבער, ווי משונה׳דיג דאָס זאָל ניט אויסזעהען, גאָר אַ בעזונדער אַנטיפּאַטיע האָט טאָלסטאָי געשפּירט צו זיינע חברים-שריפֿטשטעלער און מעהר פֿון אַלע צו טורגעניעוו׳ן, מיט איהם האָט ער זאָגאַר געוואוינט אויף איין קוואַרטיר, נאָר ביידע צדדים האָבען ניט אַרויסגעוויזען קיין שום סימפּאַטיע איינער צום צווייטען. טאָלסטאָי האָט ניט ליעב געהאַט טורגעניעוו׳ן פֿאַר זיין איראָניזם, פֿאַר זיינע עסטעטישע איבערצייגונגען, פֿאַר זיינע שענע פֿראַזען און גלויבען אין פּראָגרעס און אין בילדונג, וועלכע זענען שוין דאַמאָלס געווען דערווידער טאָלסטאָי׳ס נאַטור. טורגעניעוו האָט ווידער ניט געקאָנט ליעב האָבען טאָלסטאָי׳ען פֿאַר זיין „ווילדקייט" און גראָבקייט, פֿאַר זיין „אמת", פֿאַר זיין שטענדיגען גריבלען זיך אין דער ווירקליכקייט און נאַטירליכקייט, פֿאַר זיין פֿריהצייטיגע שנאה צו דער קולטור און ציוויליזאַציע. זיי פֿלעגען אָפֿט אין די נעכט זיך מתוכח זיין, אַריינלאָזען זיך אין הייסע דעבאַטען, נאָר זיי פֿלעגען זיך מיט גאָרנישט פֿונאַנדערגעהן, און עס איז בעוואוסט דער אינצידענט, וואָס איז דאַן פֿאָרגעקומען צווישען די ביידע שריפֿטשטעלער.

„איך קאָן ניט אַנערקענען, האָט איינמאָל טאָלסטאָי געזאָגט טורגעניעוו׳ן בשעת אַ היציגען וכוח, אַז דאָס, וואָס איהר זאָגט אַרויס, זאָל זיין אייער אמת׳ע איבערצייגונג. איך שטעה מיט אַ שווערד ביי דער טיהר מיינער און זאָג: כל זמן איך לעב, וועט קיינער אַהער ניט אַריינגעהן. דאָס איז אַ איבערצייגונג! און איהר סטאַרעט זיך איינער פֿון אַנדערען אויסבעהאַלטען אייערע געדאַנקען, און דאָס רופֿט איהר

אָן איבערצײַגונגען". — „נאָך וואָס זשע גערט איהר צו אונז?" האָט געפרעגט טורגעניעוו. — „וואוהין צו געהן דארף איך בײַ אייך ניט פרעגען".

טאָלסטאָי אַלײן דערצעהלט שפּעטער וועגען יענער צײַט:

„איך בין אַלט געווען 26 יאָהר, ווען איך בין געקומען צופאָהרען קײן פּעטערבורג נאָך דער מלחמה און זיך צונויפגעגאַנגען מיט די שריפטשטעלער. מיך האָט מען אויפגענומען, ווי אַ אייגענעם, זאָגאַר געחנפ'ט, און אײדער איך האָב נאָך בעוויזען זיך אַרומקוקען, האָב איך שוין געהאַט אײַנגענומען אין זיך די אַלע אַנשויאונגען פון די שריפטשטעלער אויפ'ן לעבען, וועלכע האָבען שוין אינגאַנצען דערשטיקט אַלע מײַנע פריהעריגע פּראָבעס צו ווערען בעסער. די דאָזיגע אַנשויאונגען בײַ דער צולאָזענהײַט פון מײַן לעבען, האָבען מיר אונטערגעשטעלט אַ טעאָריע, וועלכע האָט בעקרעפטיגט מײַן צולאָזענהײַט. די דאָזיגע טעאָריע האָט בעהויפּטעט, אַז דאָס לעבען בכלל געהט אַליין פאָרווערטס און אַז אין דאָזיגען פּראָגרעס נעהמען דעם הויפּט-אַנטהײל מיר, מענשען פון דענקען, און צווישען די מענשען פון דענקען האָבען דעם גרעסטען אײַנפלוס מיר, קינסטלער, פּאָעטען. אונזער מיסיע איז לערנען מענשען, ניט-וויסענדיג אַלײן צו וואָס: אַ קינסטלער און אַ פּאָעט בעלעהרען די מענשען כלומרשט אונבעוואוסטזיניג. איך האָב זיך גערעכענט פאַר אַ פּראַכטפולען קינסטלער און פּאָעט, און דעריבער האָב איך נאַטירליך געדאַרפט אָננעהמען די דאָזיגע טעאָריע, און אָט האָב איך, אַ קינסטלער, אַ פּאָעט, געשריבען און געלערנט יענעם, אַלײן ניט וויסענדיג צו וואָס. מיר האָט מען דערפאַר געצאָהלט געלד, בײַ מיר איז געווען אַ שענער מיטאָג, אַ וואוינונג, פרויען, געזעלשאַפט, איך האָב אויך געהאַט כבוד: הײסט עס, אַז דאָס, וואָס איך האָב געפּרעדיגט, איז געווען זעהר גוט. די דאָזיגע טעאָריע וועגען פּראָגרעס פון לעבען און די בעדײַטונג פון פּאָעזיע, איז געווען אַ אמונה און איך בין געווען אײנער פון איהרע דינער. זײַן איהרער אַ דינער איז געווען זעהר בעקוועם און אַנגענעהם, און איך האָב לאַנג געלעבט אין דער אמונה, ניט צווײַפלענדיג אין איהר אמת'קײַט. אָבער אויפ'ן צווײטען און בעזונדערס אויפ'ן דריטען יאָהר פון דעם לעבען, האָב איך אָנגעהויבען צווײַפלען אין דעם אמת פון דער אמונה און איך האָב אָנגעהויבען זי אויספאָרשען. די ערשטע סבה פון דעם צווײַפעל איז געווען דאָס, וואָס די טרעגער פון דער

אמונה זענען צווישען זיך אַליין ניט געוועזען אַלע איינשטימיג. אייניגע פון זיי האָבען געזאָגט: „מיר זענען די בעסטע און נוצליכסטע לעהרער; מיר לערנען דאָס, וואָס איז נייטיג, און אַנדערע געהען אין אַפאַלשען וועג". און אַנדערע האָבען געזאָגט: „ניין, מיר זענען די אמת'ע לעהרער, און איהר געהט אויף אַפאַלשען וועג". און זיי האָבען דעבאַטירט, זיך אַרומגעריסען, זיך געזידעלט, אָבגענאַרט, אינטריגירט איינער וועגען צווייטען. מענשען זענען מיר דערעסען געוואָרען און איך בין זיך אַליין אויך נמאס געוואָרען. איך האָב פערשטאַנען, אַז אין אונזער זעלבסט-נאַרעריי האָבען מיר ניט בעמערקט, אַז מיר וויסען ניט דאָס סאַמע וויכטיגסטע, אַז אויף דער איינפאַכער און צוזאַמען דערמיט וויכטיגסטע פראַגע פון לעבען: וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט — קענען מיר ניט געפינען דעם ריכטיגען ענטפער".

אונצופרידען פון פעטערבורג, איז טאָלסטאָי אָבגעפאָהרען צו זיך אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנא, וואו ער האָט זיך אָנגעהויבען פערנעהמען מיט בעל-הבתישקייט און ווידער אָנגעהויבען זיך גוט צוקוקען צו לעבען פון די פויערען.

אויך דאָרט האָט טאָלסטאָי נאָך ניט געקאָנט בלייבען „רוהיג" און מיט אַיאָהר שפּעטער נאָך זיין קומען קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנא (1857) מאַכט ער אַרייזע קיין אויסלאַנד. די דאָזיגע רייזע האָט איבערגעלאָזט אין טאָלסטאָי'ס זכרון אַשווערען איינדרוק, וועלכער רופט זיך שפּעטער אָב אין זיינע ווערק. אין פּאַריז האָט טאָלסטאָי צום ערשטען מאָל געזעהען טויט-שטראָף און זיין צווייפעל אין דער קראַפט פון פּראָגרעס האָט זיך נאָך פערגרעסערט. דאָרט האָט ער אויך געזעהען דעם טויט פון זיין געליעבטען ברודער ניקאָליי, וועלכער איז געשטאָרבען אויף זיינע הענד, און הגם טאָלסטאָי האָט שוין פריהער צוגעזעהען אַסך טויטען, נאָר דער טויט פון אַנאָהענטען מענשען, מיט וועלכען ער איז געווען גייסטיג שטאַרק פערבונדען, האָט אויף איהם צום ערשטען מאָל אין לעבען געמאַכט אַטיעפען איינדרוק, וועלכען ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פערגעסען. ווי ביי אַלע גרויסע קינסטלער, וועלכע קוקען אויף אַלץ אַרום זיך מיט אייגענע אויגען און געפינען אין די געוועהנליכע ערשיינונגען פון לעבען נייע פרישע ענטדעקונגען, איז אויך ביי טאָלסטאָי'ען דער טויט פון זיין ברודער געווען אַענטדעקונג, אַפרישער ניי-געבוירענער מראַ-

גײַשער מאָמענט, װעלכער האָט איהם געעפֿענט די אױגען און זיך שפּעטער שטאַרק אָבגערופֿען אין זײַנע װערק. דער טױט — דאָס איז אַ „געװעהנליכע" ערשײַנונג און אַלט אַזױ פֿיעל, װיפֿיעל דאָס לעבען. מיליאָנען מענשען שטאַרבען, נײַע װערען געבױרען און דער געװעהנליכער מענש זעהט אין דעם אַ געװעהנליכע ערשײַנונג, װעלכע קאָן איהם אומעטיג מאַכען, אָבער ניט איבערראַשען. דער קינסטלער איז אָבער אומעטום פֿריש און נײַ, אומעטום ענטדעקט ער מעשי בראשית, און דער גרױסער קינסטלער טאָלסטאָי, װעלכער האָט אַזױ גוט געקענט דאָס לעבען, האָט דאָס ערשטע מאָל דערזעהען פֿאַר זיך די קראַפֿט פֿון טױט, װעלכע איז שפּעטער געװאָרען די מוזע פֿון פֿיעל זײַנע שעפֿונגען. פֿאַר איהם האָט זיך עפּעס געעפֿענט אַ נײַע טיעפֿקײַט, און פֿון דאַמאָלס אָן הױבט ער אָפֿטמאָל אָן בעטראַכטען דאָס לעבען פֿון שטאַנדפּונקט פֿון טױט.

„מען קאָן ניט אײַנרעדען דעם שטײן, שרײַבט טאָלסטאָי אין יאָהר 1860, אַז ער זאָל פֿאַלען אַרױף און ניט אַראָב, װאוהין עס ציהט איהם. מען קאָן ניט לאַכען פֿון אַ װיץ, װעלכער האָט דערעסען. מען קאָן ניט עסען, װען עס װילט זיך ניט. נאָך װאָס דאָס אַלץ, װען מאָרגען װעלען זיך אָנהױבען די יסורים פֿון טױט, מיט דער גאַנצער נידערטרעכטיגקײַט פֿון פֿאַלש, זעלבסט-נאַררײַ, און װעלען זיך ענדיגען מיט גאָרנישט, מיט אַ נול פֿאַר זיך! איך נעהם דאָס לעבען, װי עס איז. װי נאָר אַ מענש דערגרײַכט צום העכסטען שטאַפּעל פֿון ענטװיקלונג, װי נאָר ער װעט דערזעהען קלאָר, אַז אַלץ איז פֿאַלש און נאַריש, און אַז דער אמת, װעלכען ער האָט ליעב מעהר פֿון אַלץ, אַז דער דאָזיגער אמת איז שרעקליך, װי נאָר דער מענש װעט דערזעהען דעם אמת קלאָר און ריכטיג, דאַן װעט ער זיך אױפֿכאַפּען מיט אַ מאָל און מיט שרעק, װי מײַן ברודער, װעט ער פֿרעגען: „נו, װאָס-זשע איז דאָס אַזעלכעס?" נאַטירליך, כל זמן עס איז דאָ אַ פֿערלאַנג צו װיסען און רעדען דעם אמת, סטאַרעט מען זיך װיסען און רעדען. דאָס איז דאָס אײנציגע, װאָס איז מיר פֿערבליבען פֿון דער מאָראַלישער װעלט, העכער דערפֿון קאָן איך זיך ניט שטעלען. דאָס דאָזיגע אײנציגע װעל איך אױך װײַטער טהון, אָבער ניט אין דער פֿאָרם פֿון אײַער קינסט. קונסט איז פֿאַלש, און איך קאָן שױן ניט ליעבען דעם שענעם פֿאַלש".

טאָלסטאָי האָט נאָכדעם זײַן װאָרט ניט געהאַלטען, און שפּע-

טער מיט עטליכע יאָהר האָט ער זיך ווידער געמוזט נעהמען צום „שענעם פאַלש“ און געשאַפען זיינע געניאַלע קונסט־ווערק „אַנאַ קאַרענינאַ“ און „קריעג און פרידען“, אָבער אויף אַ צייט האָט ער ווירקליך אַזוי געדענקט און געגלויבט, אַז ער וועט געהן מיט אַן אַנדער וועג און מיט קונסט מעהר זיך ניט אינטערעסירען. צו יענער צייט האָט טאָלסטאָי זיך ווידער אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט פאָלקס־עניינים, און דאַן איז ביי איהם געבוירען געוואָרען אַ געדאַנק צו גרינדען אַ אָריגינעלע שולע פאַר פויערען, אַ שולע, וועלכע זאָל זיך אינגאַנצען אונטערשיידען פון דעם טיפ שולען, וועלכע עקזיסטירען אומעטום, און כדי צוצוגרייטען זיך צו דער אָריגינעלער שולע, מאַכט ער אין יאָהר 1859 אַ צווייטע רייזע קיין אויסלאַנד. ער בעזוכט כמעט אַלע גרעסטע צענטרען פון אייראָפּאַ, בעקענט זיך מיט פיעל פון די גרויסע אייראָפּעאישע לייט, הערט לעקציעס אין די אוניווערזיטעטען, בעקענט זיך מיט די דאָרטיגע שולען און מיט די פערשיעדענע אונטעררייכטס־סיסטעמען. אין יאָהר 1861 קומט ער צוריק קיין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ און גרינדעט די ערשטע שולע פאַר פויערען, די ערשטע פרייע שולע, וועלכע איז אַזוי בעריהמט געוואָרען אין גאַנץ אייראָפּאַ.

די דאָזיגע פרייע רעפּובליק פאַר קינדער איז געווען געגרינדעט אויף פאָלגענדען פרינציפּ, וועלכען טאָלסטאָי האָט אַזוי ליעב געהאַט איבערצוחזר׳ן: „דער לעהרער טאָר קיינמאָל זיך ניט ערלויבען מיינען, אַז די שילער זענען שולדיג אין דעם אונערפאָלג, נאָר מען דאַרף פערשטעהן, אַז אין דעם אונערפאָלג איז שולדיג נאָר ער אַליין, ווייל וואָס ערגער דער לעהרער ווייסט דעם למוד, וועלכען ער אונטעררייכטעט, אַלץ מעהר נויטיגט ער זיך אין שטרענגקייטען און אין צוואַנג; פערקעהרט, וואָס מעהר דער לעהרער פערשטעהט און האָט ליעב זיין למוד, אַלץ נאַטירליכער און פרייער איז זיין אונטעררייכט“. אויף דעם פרינציפּ איז געגרינדעט געוואָרען טאָלסטאָי׳ס שולע. די קינדער פלעגען קומען און אַוועקגעהן, ווען זיי האָבען אַליין געוואָלט, געלערנט נאָר די למודים און אין דער פאָרם, ווי זיי אַליין איז דאָס געפעלען געוואָרען, אָהן שום צוואַנג, אָהן זיער קלענסטער דיסציפּלין. די אָרדנונג אין דער שולע האָבען געהאַלטען די שילער אַליין, לויט זייער אייגענעם סיסטעם. די אויפגאַבע פון די לעהרער איז געווען נאָר דערין, אַז זיי זאָלען מיט אַזאַ ליעבע און

אינטערעס ערקלערען זייערע לעקציעס, דאָס די שילער אַליין זאָלען זיך פּעראינטערעסירען און הערען. ווייטער האָבען די קינדער געהאַט פאָלקאָמע פרייהייט, געקאָנט זיצען, ווי אַזוי זיי ווילען, וואו זיי ווילען און קיין דיסציפּלין, קיין געצוואונגענע אָרדנונג איז ניט געווען.

צו דער ערשטוינונג פון אַלע, האָט די דאָזיגע פרייע אַנאַרכישע שולע געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. און די שילער פון טאָלסטאָי'ס שולע זענען געוואָרען שטאַרק צוגעבונדען צו דער שולע און צו די לעהרער מיט טאָלסטאָי'ען אין דער שפּיץ און אין זייער לערנען זעהר פּראָגרעסירט. אין גיכען האָט טאָלסטאָי געעפענט אין די דערפער נאָך אַזעלכע 14 שולען און אויך אָנגעהויבען אַרויסגעבען זיין בעריהמטען פּעדאַגאָגישען זשורנאַל „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ", וועלכען ער האָט זיך אָבגעגעבען מיט לייב און לעבען. די דאָזיגע שולע צוזאַמען מיט דעם אָריגינעלען פּעדאַגאָגישען זשורנאַל זענען ניט געווען פּראָסט אַ „פאַנטאַזיע פון אַ באַראָן", נאָר אַ לעבעדיגע שאַפונג, אין וועלכער טאָלסטאָי האָט אַריינגעלעגט פיעל קאָפּ און נשמה. די שולע איז ביי איהם געוואָרען אַ קונסט־ווערק, די קינדער האָבען זיך אָרגאַניש צוגעבונדען צו איהם און צו דער שולע, צווישען טאָלסטאָי'ען און דער פּויערשער קינדער־וועלט איז געוואָרען אַ לעבעדיגע אָרגאַנישע פערבינדונג און די קינדער האָבען זיך אין טאָלסטאָי'ס אַנוועזענהייט געשפּירט פאָלקאָם פריי, ווי מיט אַ גוטען חבר. צווישען די פּויערשע קינדער האָט טאָלסטאָי געהאַט אויך איינינגע „חברים", מיט וועלכע ער פלעגט אָפט אַרומגעהן שפּאַצירען, אַריינלאָזען זיך אין אינטימע שמועסען, און צוויי פון זיי, פעדקאַ און סעניאַ, זענען געוואָרען טאָלסטאָי'ס ליבלינגען און זאָגאַר בעריהמט געוואָרען אין דער ליטעראַטור אַלס חברים פון גרויסען קינסטלער.

אָט ווי טאָלסטאָי אַליין בעשרייבט אַ שפּאַציר מיט זיינע שילער שפּעט ביינאַכט:

„מיר זענען צוגעקומען צו אַ דאָרף. פעדקאַ האָט אַלץ ניט אַרויסגעלאָזט מיין האַנד, יעצט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, שוין פון דאַנקבאַרקייט. מיר אַלע זענען געווען אַזוי נאָהענט אין יענער נאַכט, ווי קיינמאָל. פּראָנקאַ איז געגאַנגען אין איין ריידע מיט אונז איבער דעם ברייטען שליאַך פון דאָרף. „זעהט נאָר, ביי די מאַזאַנאָווע ברענט נאָך אַ פייער!" האָט ער געזאָגט. „איך בין היינט אין קלאַס גע־

גאַנגען, נאַווריוחאַ איז געפֿאָהרען פֿון טראַקטיר שכור. חי לוט: דאָס פֿערד איז איינגעשפּאַנט אין זייף געוועזען, ער באַקט דאָס פֿערד גוט... איך האָב שטענדיג אויף איהם רחמנות! באמת! נאָך וואָס קומט איהם אַזוי שלאָגען". — „נאַווריוחאַ שמייסט אַזוי איבער די אויגען... און מיר איז אַזאַ רחמנות געוועזען, האָט ווידער זיך אָנגערופֿען פראַנקאַ: — פֿאַרוואָס האָט ער איהם אַזוי געשלאָגען! אַראָבגעקראָכען און שמייסט, שמייסט". פֿיעדקאַ האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט: „אונזערע שלאָפֿען שוין", האָט ער געזאָגט, אַריינקוקענדיג אין די פֿענסטער פֿון זיין קרום שוואַרץ שטיבעל. „איהר ווילט שוין מעהר ניט געהן?". — „ניין". — „אַ גוטע נאַכט, ל. נ.", האָט ער אויסגעשריען פּלוצלונג און ווי מיט געוואַלד זיך אָבגעריסען פֿון אונז, מיט איממעט זיך געלאָזט צו זיין הויז און פֿערשוואונדען געוואָרען. „וועסטו אַליין אונז אַזוי אַרומפֿיהרען, פֿריהער איינעם, דערנאָך דעם צווייטען?" האָט צו מיר געזאָגט פֿעדקאַ. מיר זענען געגאַנגען ווייטער. ביי פראַנקאַ'ן האָט זיך נאָך געלייכטען. מיר האָבען אַריינגעקוקט אין פֿענסטער: די מוטער, אַ הויכע, אַ שענע, נאָר אויסגעמאַטערטע פֿרוי מיט שוואַרצע ברעמען און אויגען, איז געזעסען ביים טיש און געשיילט קאַרטאָפֿעל; אין מיטען איז געהאַנגען אַ וויעגעל; דער מאַטעמאַטיקער פֿון צווייטען קלאַס, פראַנקאַ'ס ברודער, איז געשטאַנען ביים טיש און געגעסען קאַרטאָפֿעל מיט זאַלץ. די שטוב איז געוועזען אַ שוואַרצע, אַ קליינע, אַ שמוציגע. „אין דער ערד זאָלסטו אַריין!" האָט אויסגעשריען די מוטער אויף פראַנקאַ'ן. „וואו ביזטו געוועזען?" פראַנקאַ האָט גוטמוטיג אַ שמייכעל געטהון, קוקענדיג אויפ'ן פֿענסטער'ל. די מוטער האָט פֿערשטאַנען, אַז ער איז ניט אַליין און תיכף אויסגעביטען איהר אויסדריק אויף אַ פֿאַלשען ניט-ערליכען אויסדריק. עס איז איבערגעבליבען נאָר פֿעדקאַ אַליין. „ביי אונז זיצען די שניידער. דעריבער לייכט זיך", האָט ער געזאָגט מיט אַ הייכער שטימע, „אויף היינט אַ גוטע נאַכט, ל. נ.", האָט ער צוגעגעבען שטיל און צאַרט און אָנגעהויבען קלאַפּען אין דער פֿערמאַכטער טיהר. איהם האָט מען לאַנג ניט געעפֿענט. איך האָב אַריינגעקוקט אין פֿענסטער; די שטוב איז געוועזען אַ גרויסע; פֿון אויווען און פֿון די בענק האָבען זיך געזעהען פֿיס, דער פֿאָטער מיט די שניידער האָבען געשפּיעלט אין קאָרטען, אויפ'ן טיש זענען געלעגען עטליכע קופּערנע מטבעות. אַ פֿרוי, די שטיפֿמוטער, איז געזעסען ביים שיין און מיט דורשט

געקוקט אויפֿ'ן געלד. אײן שנײדער, אַ יונגער פּויער, האָט געהאַלטען אויפֿ'ן טיש קאָרטען, זיך אײנגעבויגען און מיט נצחון געקוקט אויף זײן פּאַרטניער. פֿעדקאַ'ס פֿאָטער מיט אַ אויפֿגעשפּילטען קאָלנער, אינגאַנצען אײנגעקאָרטשעט פֿון טראַכטען און פֿון פֿערדרוס, האָט געקנײטשט די קאָרטען אין זײן גראָבער האַנד—„עפֿענט". די פֿרוי איז אויפֿגעשטאַנען און געגאַנגען עפֿענען. „זײ געזונד! האָט פֿעדקאַ נאָך אַמאָל געזאָגט: — לאָמיר שטענדיג אַזוי שפּאַצירען גײן."

די שולע איז בײ טאָלסטאָי'ען געװען אַ מין לעבעדיג קונסטװערק, אין װעלכען ער האָט אַרײנגעלעגט פֿיעל לײדענשאַפֿט און האַרץ. זי האָט איהם געבראַכט פֿיעל פֿערגעניגען און ער האָט זיך שטאַרק צוגעבונדען צו איהר. זײן לעבענס-װעג פֿון אַ געניוס איז אָבער געװען ניט דאָ, און אין גיכען זענען די שולען זײנע, טײל־אײַז צוליעב די רדיפות פֿון דער אַדמיניסטראַציע און די אָרטיגע גוטס-בעזיצער, טײלװײז צוליעב דעם, װאָס די אַלע פּויערשע קינדער אין דאָרף האָבען זיך שוין אַלײץ אויסגעלערנט און קײן אַנדערע קינדער זענען ניט געװען — אָבגעשטאָרבען מיט זײער נאַטירליכען טויט. די שולע האָט אָבער צוגענומען פֿיעל פֿיזישע קרעפֿטען בײ טאָלסטאָי'ען און ער איז קראַנק געװאָרען און װידער אָבגעפֿאָהרען.

צוריקקומענדיג האָט טאָלסטאָי זיך ערקלערט אין ליעבע אײנער פֿון די טעכטער פֿון אַ געװיסען מאָסקווער ד"ר בערס, סאָפֿיא, מיט װעלכער ער האָט באַלד חתונה געהאַט. דאָס איז געװען אין יאָהר 1862. טאָלסטאָי איז דאַמאָלס אַלט געװען 43 יאָהר, זײן כּלה 18, און דאָ האָט זיך פֿאַר טאָלסטאָי'ען אָנגעהויבען אַ נײַע עפּאָכע. ער האָט אָנגעהויבען פֿיהרען אַ פֿאַמיליען-לעבען און, װי עס שײנט, געװען גליקליך. אין זײן יונגער פֿרוי האָט ער געפֿונען אויך אַ מיטאַרבײטער אין זײן ליטעראַרישע טעטיגקײט און ביז די לעצטע טעג פֿון זײן לעבען האָט זי איהם געטרײַ געהיט און מיטגעהאָלפֿען אין זײן אַרבײט. מיט אַ זעלטענער איבערגעבענהײט, אויף װעלכע עס זענען נאָר פֿעהיג ליעבענדע פֿרויען, האָט טאָלסטאָי'ס פֿרוי אָבגעהיט אַלע זײנע נאָטיצען און כתבים, װעלכע זענען געװען צוװאָרפֿען אין פֿערשיעדענע ערטער, געהאָלפֿען איהם צונױפֿקלײַבען די פּיצלעך פּאַפּיר, אויף װעלכע טאָלסטאָי האָט פֿערנאָטירט זײנע גרויסע אידעען, צוזאַמענגעשטעלט און געבראַכט אין אָרדנונג זײנע שריפֿטען, איבערגע-

שריבען זיינע גרויסע ראמאנען און געטריי איהם געהאלפען אין זיין איבעריגער ארבייט. באלד זענען אויך געווען קינדער, עס זענען געבוירען געווארען נייע דאגות און אינטערעסען און טאלסטאי האט זיך געשפירט אלס גליקליכער פאמיליען-מענש, ער האט בעקומען די נויטיגע רוה. פאר איהם האבען זיך געענדיגט די וואנדער-יאהרען און ער האט אנגעהויבען שפירען יענע אינערליכע רוה, וועלכע איז אזוי נויטיג פאר די גרויסע קינסטלער. זיינע אינערליכע ספקות און זוכענישען זענען ניט פערשוואונדען געווארען, אבער זיי זענען אוועק טיעף, טיעף און טאלסטאי האט זיך געשפירט רוהיגער און קלארער; זיין גרויסער עגאאיזם, פון וועלכען ער האט אזוי געליטען און וועלכער האט איהם געגעבען דעם אימפולס צו זיינע גרעסטע ווערק, איז ניט פערשוואונדען געווארען, ער האט זיך נאר פערברייטערט און פון פערזענליכען עגאאיזם זיך פערוואנדעלט אין פאמיליען-עגאאיזם. טאלסטאי האט בעקומען די נויטיגע רוה אויף א לענגערע צייט און אין דעם פעריאד פון זיין גליקליכען פאמיליען-לעבען זענען געשאפען געווארען זיינע געניאלסטע צוויי ווערק: „קריעג און פרידען“ און „אנא קארענינא“.

טאָלסטאָי אַלס קינסטלער.

דאָס אַלגעמיינע בילד פון „קריעג און פריעדען", — טאָלסטאָי'ס שאַפונגס־מיטלען. — סובּיעקטיוויזם און אָביעקטיוויזם. — דאָס אָפּענע און דאָס פערבּאָרגענע אין טאָלסטאָי'ס שאַפען. — קערפּער און גייסט. — דער אמת, אַלס דער איינציגער העלד פון טאָלסטאָי'ס ערצעהלונגען. — ניט קיין העלדען, נאָר מענשען. — נאַפּאָלעאָן און אַלעקסאַנדר. — קוטוזאָוו און קאַראַטאַיעוו. — פּיער און פירשט אַנדריי. — אַננאַ קאַרעניננאַ. — טאָלסטאָי'ס טוּען. — צווישען לעבען און טויט. — זינד און הייליגטום, טהירישעס און געטליכעס, אַלס די הויפּט־עלעמענטען פון טאָלסטאָי'ס שאַפונג. — שלום.

„וואָס פאַר אַ גרויס און וואָס פאַר אַ הויך! קיין שום ליטעראַטור אין דער וועלט פערמאָגט דאָס ניט. טויזענדער סצענעס, טויזענדער פּערזאָנען, אַלערליי ספערען פון פּריוואַט־און מלוכה־לעבען, היסטאָריע, מלחמה, אַלע שרעקען, וואָס זענען דאָ אויף דער וועלט, אַלע ליידענשאַפטען, אַלע מאָמענטען פון דעם מענשליכען לעבען, פון דעם געשריי פון אַ ניי־געבּוירען קינד ביז דעם לעצטען אָטעם פון אַ שטאַרבּענדען זקן, אַלע פריידען און ליידען, וואָס אַ מענש פערמאָגט, אַלערליי אינערליכע שטימונגען, פון דעם געפיהל פון אַ גנב, וועלכער האָט אָפּגעגנב'עט געלד בּיי זיין חבר, ביז די העכסטע בּעוועגונגען פון העלדישקייט און מחשבה, וואָס קומען פון אַ אינערליכע ערוואַכונג — אַלץ געפינט זיך אין דאָזיגען בּילד, און אין דער וועלכער צייט פערשטעלט ניט קיין איין פיגור די צווייטע, קיין סצענע, קיין איינדרוק שטערען ניט דער צווייטער סצענע און איינדריקען. אַלץ איז אויפ'ן אָרט, אַלץ איז קלאָר, אַלץ איז איינגעטיילט און האַרמאָנירט, סיי צווישען זיך, סיי מיט דעם גאַנצען. אַזאַ וואונדער אין דער קונסט, דערבּיי נאָך אַ וואונדער, וועלכער ווערט דערגרייכט דורך די איינפאַכסטע מיטלען, האָט נאָך די וועלט ניט געזעהען. די דאָזיגע

אײנפֿאַכע און אין דער זעלבער צײַט אונגעװעהנליך־קונציגע גרופּירונג, איז ניט קײן אַרבײַט פֿון אױסערליכע קאָמבינאַציעס און פּלענער; דאָס האָט געקאָנט בעשאַפֿען װערען נאָר דורך אַ אױג פֿון אַ געניוס, װעלכער נעהמט אַרום און דרינגט אַרײַן אין דער פֿיעל־פֿאַכיגקײַט פֿון לעבענס־שטראָם דורך אײן בליק, אַ קלאָרער און אײנפֿאַכער".

מיט אַזעלכע װערטער שילדערט דער רוסישער קריטיקער סטראַכאָװ טאָלסטאָי'ס ראָמאַן „קריעג און פֿריעדען" און אין די װערטער איז קײן גוזמא ניטאָ, קײן איבעריגער ליב, דען באמת, שױן לױט דער גרױס אַלײן פֿון דאָזיגען װערק, װעלכען טאָלסטאָי האָט געשריבען גאַנצע 6 יאָהר און 7 מאָל איבערגעאַרבײַט, שױן לױט דער צאָהל פֿון די העלדען, היסטאָרישע סצענעס, בילדער, טױזענדער קלײניגקײטען און פֿיעל־פֿאַרביגע עפּיזאָדען, — שױן לױט דער אױסערליכער גרױס אַלײן פֿון דאָזיגען װערק קאָן „קריעג און פֿריעדען" אַרױסרופֿען בײַ יעדען אַ ענטציקונג און ערשטױנונג פֿאַר דער געהאַלדיגער קראַפֿט פֿון געניאַלען אױטאָר, און װען מיר שטעלען זיך די פֿראַגע: װי האָט אײן מענש געקאָנט בעשאַפֿען אַזאַ רײַכטום פֿון בילדער און סצענעס, מענשען און מענשליכע מעשים, און דערבײַ אַזױ קלאָר און אײנפֿאַך? דאַן האָבען מיר נאָר אײן ענטפֿער: טאָלסטאָי איז אַ געניאַלער קינסטלער און דערמיט איז אַלץ געזאָגט. אָבער לאָמיר פּרובען אַנאַליזירען טאָלסטאָי'ס שאַפֿונגס־געניוס און מיר װעלען זיך פֿרעגען: מיט װעלכע שאַפֿונגס־מיטלען בענוצט זיך טאָלסטאָי? װעלכע נײַע קונסט־װעגען האָט ער פֿאַר אונז געעפֿענט און װאָס איז דער אינערליכער זינן פֿון דעם גרױסען רײַכטום, װעלכען ער האָט אַרױסגעפֿיהרט פֿאַר דער װעלט?

דאָ ליגט דער שװער־פּונקט, אין דעם ענטפֿער אױף די פֿראַגען ליגט די גאַנצע אָבשאַצונג פֿון טאָלסטאָי אַלס קינסטלער.

אַז טאָלסטאָי איז אונגעװעהנליך רײַך אין שאַפֿונגס־קרעפֿטען, אַז טאָלסטאָי איז אַ געניוס, — דערין זענען אַלע מודה, דערין איז קײן חלוקי דעות ניטאָ. אָבער װאָס איז טאָלסטאָי לױט זײַנע קונסט־פֿאָרמען, װאָס איז דער מהות פֿון זײַן שאַפֿען?

מען האָט געפּרובט פֿערגלײַכען טאָלסטאָי'ען מיט שעקספּיר'ן און האָמער'ן. װירקליך, שילדערט אָפֿט טאָלסטאָי זײַנע העלדען און זײערע איבערלעבונגען מיט אַזאַ עפּישע רוהיגקײט און קלאָרהײט.

מיט אַזאַ נאַאיווע איינפֿאַכקייט, אויף וועלכע עס איז פֿעהיג געווען נאָר איין האָמער. פֿון דער צווייטער זייט איז טאָלסטאָי אַזאַ גרויסער מייסטער צו פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזען, אַז ער דערמאָהנט שעקספּיר'ן. ער איז אָבער פֿאָרט ניט האָמער און ניט שעקספּיר. ער איז ניט האָמער, ווייל יענער איז שטענדיג פּאַטריאַרכאַל, שטענדיג נאַאיוו, שטענדיג איינפֿאַך-קלאָר, וועהרענד טאָלסטאָי איז ניט קיין איינפֿאַכער בעאָבאַכטער, נאָר אויך אַ קינסטלער, וואָס זוכט, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אידעען. ער איז אויך ניט שעקספּיר, ווייל יענער איז שטרענג-אָביעקטיוו, שילדערט שטענדיג פֿרעמדע וועלטען און דערביי אַלגעמיין-מענשליכע ליידענשאַפֿטען און איבערלעבונגען, וואָס זענען ניט אָבהענגיג פֿון דער צייט און אָרט, וועהרענד טאָלסטאָי איז שטענדיג, ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער צאָהל העלדען זיינע, דאָך בעגרענעצט מיט אַ געוויסען קרייז, אַ געוויסען קלאַס און ער איז קיינמאָל ניט קיין רוהיגער בעאָבאַכטער, ער טרעט צו צו זיינע העלדען מיט אַ בעשטימטע אידעע און שטענדיג קאָן מען געפֿינען אין יעדען איינציגען פֿון זיינע העלדען געוויסע שטריכען, וועלכע זענען אַ טייל פֿון טאָלסטאָי'ס אייגענעם איך. טאָלסטאָי איז אַלזאָ ניט שעקספּיר, ניט האָמער, ער איז אַ ערשיינונג אַן און פֿאַר זיך. און ווי יעדער גרויסער קינסטלער, האָט אויך טאָלסטאָי געשאַפֿען נייע פֿאָרמען, נייע קונסט-געזעצען, פֿאַר וועלכע עס גילטען ניט קיין פֿערגלייכונגען, קיין אָנגענומענע בעשטימונגען.

מיר זענען געוועהנט איינצוטיילען קינסטלער אויף אָביעקטיווע און סוביעקטיווע. אָביעקטיוו הייסט אַזאַ קינסטלער, ביי וועלכען זיין אייגענע אינערליכע וועלט, זיין נאַטור, זיין לעבענס-ערפֿאַהרונג טרעטען אָב אויפֿ'ן צווייטען פּלאַן אָדער פֿיגורירען כלל ניט, בעת ער שאַפֿט פֿרעמדע וועלטען, פֿרעמדע כאַראַקטערען, מיט וועלכע ער האָט קיין געמיינזאַמעס ניט. סוביעקטיוו הייסט אַזאַ קינסטלער, וועלכער מעג זיין פֿאָלקאָם פֿריי אין זיין שאַפֿען, זיך בעציהען צו זיינע העלדען אָהן שום אייגענע פּניה, ניט וועלען קיין זאַך „בעווייזען", ערקלערען, אָבער ער שאַפֿט דאָך נאָר אַזעלכע לעבענס, אַזעלכע מענשען, מיט וועלכע ער איז אָרגאַניש פֿערבונדען, און ביים שאַפֿען פֿרעמדע העלדען מוז ער — ער מעג זיין ווי פֿריי און אונפּאַרטייאיש — דאָך פֿריהער אַריינקוקען אין זיין אייגענע אינערליכע וועלט, אַרויס-

בעקומען פון זיין אייגענע לעבענס־ערפאהרונג געוויסע שטריכען און פארמען, וועלכע זענען איהם נייטיג.

טאלסטאי שילדערט זיינע העלדען מיט אזא קלארהייט און רוהיגקייט, אנאליזירט אזוי אויספיהרליך און טיעף זייערע נשמות, אז ביי איהם קומען ארויס זיינע העלדען כמעט ווי פארטרעטען. כמעט ווי אראבגענומען פינקטליך פון דער נאטור, פון דער ריינער ווירקליכקייט. ער איז אבער ניט קיין פארטרעטיסט, ווייל אזעלכער זעהט נאר דאס, וואס ליגט פאר זיינע אויגען, וועהרענד טאלסטאי אלס קינסטלער מוז האבען א פערספעקטיווע, ער מוז זעהן מעהר, ווי די ווירקליכקייט ארום איהם, שטעהן העכער פון איהר. ער איז, אלזא, ריין־אביעקטיוו. פון דער צווייטער זייט, איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען און פערשטעהן זיינע העלדען אהן זייער בעשעפער. אין יעדען פון זיינע פערזאנען ליגט א שטיק טאלסטאי אליין און עס שפירט זיך, ווי איבער די העלדען, וועלכע לעבען און בעוועגען זיך פריי מיט זייער אייגענעם לעבען, שטעהט דאך דער בעשעפער זייערער. און דערמיט ערקלערט זיך, וואס עס איז אונמעגליך צו פערשטעהן טאלסטאי'ס ווערק, ווען מען שטעלט זיך ניט אויף זיין אייגענעם שטאנדפונקט פון אנהויב ביז סוף, ווען מען קוקט ניט מיט זיינע אויגען. דערמיט ערקלערט זיך אויך, וואס זעלטען ביי אנאנדער קינסטלער קאן מען געפינען אזעלכע העלדען, וועמענס פסיכיק זאל זיין אזוי קלאר און פערשטענדליך פאר יעדען לעזער, ווי אין טאלסטאי'ס ווערק: ער אליין זאגט אונטער דעם לעזער, צווינגט איהם מיט א אייזערנע קראפט צו פערשטעהן זיינע העלדען אזוי, ווי ער אליין פערשטעהט זיי. טאלסטאי איז אלזא פון דער זייט ריין־סוביעקטיוו.

ווי זשע ערקלערט מען די דאזיגע סתירה?

די ריכטיגסטע בעשטימונג פון טאלסטאי'ס ארט שאפען האט געגעבען דער בעסטער רוסישער קריטיקער און געגנער פון טאלסטאי'ען, מערעזשקאווסקי: טאלסטאי אלס קינסטלער געהט פון בעוואוסטזיניגען צום אינבעוואוסטזיניגען, פון אפענעם צום פערבארגענעם, פון קערפער צום גייסט. דאס הייסט: טאלסטאי נעהמט פריהער פון אלץ דאס ארגאנישע, דאס קערפערליכע, וואס אין מענשען, קלייבט צונויף די קליינע שטריכען, גיט דערנאך צו איין הויפט־שטריך, וואס פעראייניגט די דעטאלען אין איין גאנצעס און דערפון ווערט געשאפען די פיזיאנאמיע פון זיינע העלדען. טאלסטאי שטעהט אזוי

לאַנג צו צום לעזער מיט אַט די קליינע שטריכען, פערטייטשט ווי איהם אַזוי פיעל מאָל, ביז דאָס דרינגט אַריין אין מוח, פערהאַפט די פאַנטאַזיע, און ביים לעזער בלייבט אַ לעבעדיג בילד, וועלכעס ס'איז אונמעגליך דערנאָך צו פערגעסען. דער העלד פון „קריעג און פריעדען", קאַראַטאַיעוו האָט אַ „קיילכיגען אויסדריק", אַנאַ קאַרענינאַ, די גרויסע זינדערין, פערמאָגט „שטראַהלענדע" אויגען, ביי נאַפּאָלעאָנען זעהען די הענד ווייסע און ווייכע, און אַט די אויסערליכע קערפערליכע שטריכען שאַפען אַ פאָרשטעלונג וועגען גאַנצען, פון די קליינינקייטען ווערט דערנאָך בעשאַפען דער גאַנצער מענש, אַזוי אַז דער לעזער קאָן דערנאָך זיך ניט פאָרשטעלען דעם גאַנצען קאַראַטאַיעוו אַנדערש, ווי אַ מענש, אין וועלכען עס איז דאָ עטוואָס „קיילכיגעס", אַנאַ קאַרענינאַ — אָהן די שטראַהלענדע אויגען, נאַפּאָלעאָנען אָהן די ווייכע הענד. אין די קליינינקייטען, אין שילדערען אַ מענשען דורך אויסערליכע שטריכען האָט טאָלסטאָי צו זיך קיין גלייכען ניט. דעם קייזער אַלעקסאַנדער שילדערט טאָלסטאָי בשעת זיין טואַלעט, נאַפּאָלעאָניען — בשעת ער איז אינטים, ביי זיך אין צימער, דעם גרויזאַמען טויט פון איוואַן איליטש — דורך איין געשריי: „או-או-או!" און אַ דאַנק די דאָזיגע קינסטלערישע מאַניערען, אַ דאַנק די דאָזיגע קליינינקייטען זעהען טאָלסטאָי'ס העלדען נאָך קלאָרער און לעבעדיגער.

טאָלסטאָי'ס קינסטלערישע מיטלען, זיין מאַניער צו שאַפען דורך קליינינקייטען, דורך אויסערליכע שטריכען, האָט וואונדער אַרויסגעוויזען אין אויף דעם גרונד זאָגט מערעזשקאָווסקי, אַז טאָלסטאָי איז גרויס און געניאַל, ווען ער שילדערט דאָס קערפערליכע אין מענשען, אָבער ווערט אָהנמעכטיג, ווען ער גערט איבער צום גייסטיגען, צום העכערען. דאָס איז אינגאַנצען געווען ניט מעהר, ווי אַ פּאַראַדאָקס. אויף וועלכען מערעזשקאָווסקי בויט אַ פאַלשען בנין, אָבער אַ גרויסער טייל אמת איז דערין דאָ.

אמת איז, אַז דער סוד פון טאָלסטאָי'ס שאַפען איז אין דער געוואַלדיגער קראַפט צו שילדערען דאָס ניט-לאָגישע, דאָס אונבעוואוסטזיניגע, דאָס אָרגאַנישע און שטילע אין מענשען'ס נשמה. ער האָט צו זיך כמעט קיין גלייכען ניט אין דער קראַפט פון פסיכאָלאָגישען אַנאַליז, קיינער ווי טאָלסטאָי קאָן ניט אַזוי גרינדליך אַנאַליזירען די פסיכאָלאָגיע פון זיינע העלדען, און בשעת מען לייענט טאָלסטאָי'ען דאַכט זיך, ווי ער טהוט-אויס נאַקעט זיינע העלדען, נעהמט פון זיי

אראב איינציגווייז די אינערליכע מלבושים, און גראבט און גראבט, חילענדיג אויפדעקען דעם עיקר, דעם תוך פון זייער נשמה. אבער וויפיעל מען זאל ניט אנאליזירען די מענשליכע פסיכאלאגיע, וויפיעל מען זאל ניט צוברעקלען די נשמה אויף קליינע חלקים, וועט אלץ בלייבען עטוואס אזעלכעס, וואס לאזט זיך ניט אויפדעקען, וואס לאזט זיך ניט פונאנדערגלידערען, און אט די אונקלארע, שטיל-טיעפע, אונלאגישע געפיהלען פון דער מענשליכער נשמה, זענען טאלסטאי'ען דוקא נעהענטער פון יעדער אידעע, פון אלעם בעוואוסטזיניגען, און מעג ער שטרעבען מיט אלע קרעפטען דורכצופירען א אידעע, צו בעשאפען א גייסט, וועט דאך זיין גאנצע קראפט אלס קינסטלער בלייבען נאר אין שילדערען דעם „קערפער“, די בלינדע אינסטינקטען, די אונקלארע ליידענשאפטען און געפיהלען.

אין איינעם פון זיינע בריעף שרייבט טאלסטאי, זייענדיג אין סאמארא אויף קוראציע: „נאך וואס דער גורל האט מיך פערפירט קיין סאמארא, ווייס איך ניט, איך ווייס נאר, אז איך האב געהערט רעדעס אין ענגלישען פארלאמענט (דאס האלט מען דאך פאר זעהר וויכטיג), און מיר איז לאנגווייליג געווען, און דא זענען ארום מיר נאר פליגען, אונריינקייט, באשקירען, נאר איך הער זיך איין מיט אנגעשטרענגטע אויפמערקזאמקייט און פחד און איך שפיר, אז דאס אלץ איז זעהר וויכטיג“.

אײַנהערען זיך אין דער ארומיגער נאטור — קיינער האט דאס אזוי ניט געקאנט, ווי טאלסטאי און זיין גאנץ לעבען האט טאלסטאי געשפירט, אז „דאס איז זעהר וויכטיג“, אז די שטילע, אבסאלוטע שטימע, וואס אין דער גאנצער נאטור, איז דאס וויכטיגסטע, דאס ווארהאפטיגסטע.

נאך א פאקט פון טאלסטאי'ס לעבען:

ווען מען האט אין אויסלאנד געשטעלט זיין דראמע „די ממשלה פון פינסטערניש“, האט טאלסטאי געפאדערט פון רעזשיסער, אז בשעת יענע בילדער פון דער דראמע, וועלכע קומען פאר אונטער'ן פרייען הימעל און וועלכע שילדערען דאס אינווענייגסטע אויסזעהען פון א פויערשען הויף, זאל מען אויף דער סצענע אין טעאטער ארויספירען איינפאכע מיסט, אום די אילוזיע זאל זיין א פאלקאמע... די דאזיגע פאדערונג האט מען נאטירליך ניט ערפילט און אין אויסלאנד האט מען זיך געוואונדערט אויף טאלסטאי'ס „ווילדע פויערשע“ בעגריפען

וועגען טעאַטער, אָבער ווי כאַראַקטעריסטיש איז דאָס פֿאַר טאָלסטאָי'ען אַליין! פֿאַר איהם זענען בילדער פֿון אַלץ די מענשליכע חושים, און שילדערט מען אויף דער מצענע אַפֿויערשען הויף, טאָר לויט זיינע בעגריפֿען ניט פֿעהלען דאָס מיסט, אום עס זאָל ניט ליידען דער חוש פֿון שמעקען. און מיט דעם געפֿיהל פֿאַר דער נאַטור, פֿאַר די מענשליכע חושים, פֿאַר וועלכען מערעזשקאָווסקי רופֿט איהם אַן גע-צענדיענער, דערמאָהנט טאָלסטאָי די אוראַלטע מענשען, נאָר קיינער, ווי ער, קאָן אַזוי ניט פֿיהלען דאָס שטומע און אָרגאַנישע אין דער גאַנצער נאַטור. דערפֿאַר פֿערשטעהט אַזוי טאָלסטאָי די שפּראַך פֿון די חיות, פֿון די בוימער און פֿון די אַלע געזונדטע מענשען, וועלכע זענען געגליכען צום גראָז אויפֿ'ן פֿעלד.

אין זיין פּראַכטפֿאָלער ערצעהלונג „חאָלסטאָמער“ דערצעהלט אַ אַלט פֿערד זיין לעבענס-געשיכטע פֿאַר די יונגע פֿערד, וועלכע קלייבען זיך צונויף אַרום דעם שטאַרבענדען חאָלסטאָמער, ער דער-צעהלט וועגען זיין געבורט, וועגען זיין מוטער, וועגען זיין געשלעכטס-תאוה, וועגען זיין לעבען, בעהאַנדעלט די בעגריפֿען וועגען מענשען און פֿערד און ער געפֿינט, אַז פֿערד שטעהען אויף אַ העכערע מדרגה פֿון מענשען, וויל די טעטיגקייט פֿון מענשען דריקט זיך אויס נאָר דורך ווערטער, ווערענד דאָס לעבען פֿון פֿערד געהט איבער אין שטילע מעשים.

אַזוי דענקט אויך יעראָשקאַ, דער אַלטער קאָזאַק, דאָס קינד פֿון דער נאַטור:

„דו מיינסט, זי איז אַ נאַר, די חיה? ניין, זי איז קלוגער פֿון מענשען, כאָטש זי רופֿט מען חזיר. זי ווייס אַלץ. און מען דאַרף אויך דאָס פֿערשטעהן: דו ווילסט זי הרג'ענען, די חיה, און זי וויל איבער'ן וואַלד אַ לעבעדיגע אַרומשפּאַצירען. ביי דיר איז אַזאַ געזעץ, און ביי איהר אַזאַ געזעץ. זי איז אַ חזיר, אָבער דאָך ניט ערגער פֿון דיר, — אויך אַזאַ גאָטס-בעשעפֿעניש. עח-מאַ! נאַריש איז דער מענש, נאַריש, נאַריש! — האָט איבערגע'חזר'ט דער אַלטער עטליכע מאָל, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פֿערטראַכט“.

גאָטס-בעשעפֿענישען זענען אויך אַלע וואַקסונגען, דאָס גראָז אויפֿ'ן פֿעלד, דאָס בלומעלע אין גאָרטען, דער בוים אין וואַלד, אין אַלע לעבט די פֿרייד פֿון לעבען, אַלע בעזיצען אַ אינערליכע שטומע שפּראַך.

„אין דעם זעלבען מאמענט האט ווי עפּעס אויסגעשריען פון מיטען בוים; מיר האבען זיך אנגעשפּארט און פון מיטען בוים האט זיך עפּעס א וויין דערהערט און דער בוים איז איינגעפאלען" — דאס דערצעהלט טאלסטאי וועגען א בוים, וואס מען האקט אויס פון וואלד.

„ער (דאס פערד „פרו-פרו") איז געוועזען איינע פון יענע חיות, וועלכע, דאכט זיך, רעדען ניט נאר דערפאר, ווייל די מעכאנישע איינאָרדנונג פון זייער מויל דערלאזט דאס ניט". וועגען פיעל טאלסטאי'ס העלדען — גיט צו מערעזשקאָווסקי, — קאן מען זאגען, אז זיי רעדען נאר דערפאר, ווייל ביי זיי איז די מעכאנישע איינאָרדנונג פון מויל אזא, און דאס איז גאנץ ריכטיג. דאס רוב פון טאלסטאי'ס פערזאָנען זענען, ניט קוקענדיג אויף זייער פילאָזאָפירען און דענקען, דאך ניט מעהר, ווי שטומע בעשעפּעניש, מענשען מיט רייכע אינסטינקטען, מענשען, וואס לעבען מעהר, איידער זיי רעדען, פיהלען מעהר, איידער זיי דענקען. אזעלכע זענען אלע טאלסטאי'ס ווירקענדע פערזאָנען, אויסער די, וואס זענען א ריינער פּאָרטרעט פון טאלסטאי'ען אליין, אין וועלכע טאלסטאי האט אריינגעגעבען זיין אייגענע פילאָזאָפיע, זיינע אייגענע געדאנקען. נאטירליך, זענען ניט אלע עהנליך איינער אויפ'ן צווייטען, יעדער העלד בעזונדער אונטערשיידעט זיך מיט פיעל זאכען פון צווייטען העלד און נאר אלס אזעלכע מענשען, אלס מענשען פון פערשיעדענע פארמען קאנען זיי אויף אונז ווירקען, ווי לעבעדיגע מענשען, אבער דאך שפּירט מען אין אלע פערשיעדענע צאהלרייכע טאלסטאי'ס העלדען בעזונדערע שטריכען פון איין גאנצען, פון איין מקור, וואס האט זיך צוטיילט אויף טויזענדער שטראמען און דער דאזיגער הויפּט-קוואל איז טאלסטאי אליין.

וואס-זשע זוכט טאלסטאי אין זיינע העלדען און וואס אזוינס איז די אלגעמיינע קראפט, וואס האט די העלדען אויף דער לעבעדיגער וועלט ארויסגערופען?

טאלסטאי אליין זאגט אין איין ארט:

„דער העלד פון מיין ערצעהלונג, וועלכען איך ליעב מיט אלע פיבערען פון מיין נשמה, וועלכען איך האב זיך געשטארעט אָבשילדערען אין זיין גאנצער פראכט און וועלכער איז געוועזען, איז און וועט בלייבען שען — דאס איז דער אמת". דער אמת איז דאך אבער ניט איינער, איין-איינציגער אמת קאן עקזיסטירען נאר פאר

א דענקער, א פילאזאף, אבער א קינסטלער האט צו טהון ניט מיט לאגישע סיסטעמען, נאר מיט לעבעדיגע מענשען און יעדער לעבעדיגער מענש איז פאר זיך א בעזונדער וועלט, א בעזונדער אמת. וואלט טאלסטאי געהאט איין אמת, וועלכען ער וואלט דורכגעפיהרט אין אלע זיינע קינסטלערישע ווערק, וואלטען זיי, ווי אלע טענדענציעזע ווערק, אין קינסטלערישען זינן קיין ווערט ניט געהאט און זיינע העלדען וואלטען ארויסגעקומען ניט קיין לעבעדיגע מענשען, נאר געקונסטעלטע, טויטע פיגורען אהן נשמות, אהן לעבען. וואס־זשע פערשטעהט טאלסטאי אונטער'ן ווארט אמת? דערויף מוז מען ענטפערען: ניט קיין איין בעשטימטען אמת פערשטעהט דא טאלסטאי, ניט דעם אמת פון בויך, אדער פון קאפ, נאר דעם טיעפען רעאלען „אמת“, וואס ליגט אין יעדען מענשען בעזונדער, יענעם פערבארגענעם אלגעמיינעם מענשליכען אמת, וואס ליגט בעהאלטען אונטער טויזענדער מאסקעס, אונטער טויזענדער געקינסטעלטע אויבערדעקען, געשאפען דורך דער היסטאריע און דורך דער קולטור — טאלסטאי זוכט דעם מענשען אליין, דעם ניט־ראציאנאלען „איך“, וואס איז א טייל פון דער גאנצער וועלט, פון דער ארומיגער נאטור.

געהמען מיר דעם גענִיאלען ראמאן „קריעג און פריעדען“. דא האבען מיר טויזענדער בילדער און סצענעס פון קאמפף צווישען רוסלאנד און נאפאלעאנען, פון דער גרויסער היסטארישער עפאכע, פון וועלכער עס איז געווען אבהענגיג דער גורל פון גאנץ אייראפא, יעדע איינציגע סצענע, די מלחמה אליין, די מיליטערישע בעראטונגען, די שרפה פון מאסקווא, דער אונטערגאנג פון דער פראנצויזישער ארמעע א. ז. וו. זענען אן־און־פאר־זיך געניאלע מייסטער־ווערק, אבער ניט דא איז דער צענטר פון ראמאן, נאר אין יענע איינצעלנע פערזענליכע לעבענס, וועלכע זענען איינגעפלאכטען אין די גרויסע וועלט־געשעהענישען און די פריוואטע לעבענס פערשטעלען מיט זיך כמעט די גאנצע היסטאריע, די אלע היסטארישע געשעהענישען פון יענער צייט, וועלכע וואלטען פאר אן אנדער שרייבער געווען דער סאמע עיקר. טאלסטאי האט ווי בכיון געוואלט אויסבייטען די היסטאריע אויף קליינגעלד, צופיהרען די גאנצע מלחמה צו דער געשיכטע פון עטליכע פריוואטע קליינע מענשען און אראבנעהמען פון זייער הויך די אלע היסטארישע טהוער, וועלכע פיגורירען אין דער גרויסער עפאכע. עס קומט־אויס, ווי טאלסטאי וואלט זאגען: נישטא קיין העלדען, עס זע־

גען נאָר דאָ מענשען, נישטאָ קיין היסטאָריע, און די אַלע היסטאָרישע מענער, וועלכע איהר האַלט פאַר גרויסע, זענען ניט מעהר, ווי אינטריגאַנטען, שאַרלאַטאַנעס, ווייל זיי לעבען ניט מיט'ן אמת, מיט'ן ווירקליכען לעבען, וואָס איז געגעבען געוואָרען דעם מענשען.

נאַפּאָלעאָן איז אין טאָלסטאָי'ס שילדערונג אַ גאָרנישט, אַ פּשוט'ער ווערקצייג אין די הענד פון די אייביגע נאַטור-געזעצען; נאַפּאָלעאָנ'ס גרויסקייט, וועגען וועלכען די היסטאָריקער שרייבען, איז לויט טאָלסטאָי'ען אַ אויסגעטראַכטע מעשה, ווייל אַ מענש איז אָהנמעכטיג געגען שיקזאַל. און ווער עס טראָגט זיך אַרום מיט זיין בעגרענצטען איך, ווער עס וויל שפּיעלען אַ ראָליע, אַרויסשטעלען זיין אייגענעם ווילען געגען ווילען פון שיקזאַל, דער בלייבט אַ שאַרלאַטאַן פון דער געשיכטע, וועלכער מוז סוף כל סוף אומקומען. גאָרנישט איז ניט בלויז דער פראַנצויז נאַפּאָלעאָן, צו וועלכען טאָלסטאָי בעציהט זיך אַ ביסעל פּאַרטייאיש, נאָר אויך דער רוסישער מיניסטער ספּעראַנסקי, וועלכער האָט ביים קייזער אַלעקסאַנדער געוואָלט איינפיהרען אין לאַנד אַ בענייטע אָרדנונג. ער איז אין טאָלסטאָי'ס שילדערונג קליין און נישטיג אויך דערפאַר, וואָס ער האָט שטאָלץ געהאַט, דערפאַר וואָס ער האָט קיין אינערליכע ספקות ניט, דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי רוהיג געגלויבט אין דער קראַפט פון פּראָגרעס און פערנונפט. קליין, אָהנמעכטיג זענען ביי טאָלסטאָי'ען אויך אַלע איבעריגע היסטאָרישע טהוער, וועלכע האָבען געוואָלט שפּיעלען אַ ראָליע און פערגעסען אָן דער אַרומיגער גרויסער וועלט.

דער איינציגער, וועלכען טאָלסטאָי שטעלט אַרויף אויף אַ גרויסע הויך, איז קוטוזאָוו, דער פאָלקס-מענש, דער אַלטער רוסישער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע, און נאָר דערפאַר, ווייל ער איז פּאַסיוו, ווייל ער טהוט גאָרנישט.

„ער האָט פערשטאַנען, זאָגט וועגען איהם טאָלסטאָי, אַז איין מענש קאָן ניט אָנפיהרען מיט הונדערטער-טויזענדער מענשען און אַז ניט די בעפעהלען פון פעלדמאַרשאַל בעשליסען דעם גורל פון דער שלאַכט“. „קוטוזאָוו האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגען די 40 דורות, וועלכע קוקען אַראָב פון די פּיראַמידען (נאַפּאָלעאָנ'ס ווערטער צו זיין אַרמעע), וועגען די קרבנות, וועלכע ער האָט געבראַכט פאַר'ן פאָטערלאַנד, וועגען דעם, וואָס ער האָט געטהון אָדער טראַכט צו טהון: ער האָט בכלל גאָרנישט גערעדט וועגען זיך, ניט געשפּיעלט

קײן רײַע, שטענדיג אויסגעװיזען װי אַ פּראָסטער, געװעהנליכער מענש און גערעדט פּראָסטע, געװעהנליכע זאַכען"...

אין קוטוזאָװ'ן אַלס קאָמאַנדיר פון דער אַרמײ געפינען מיר דאָ פיעל פאַטאַליזם, נאַאיװען גלױבען אין גאַנג פון דער געשיכטע, פּאַסיװען רצון, אַ רײן-רוסישער שטריך, און עס קאָן זײַן, אַז טאָלסטאָי האָט דאָ צו-פיעל אידעאַליזירט קוטוזאָװ'ן אין זײַן „ניט-טהון", אָבער פאַר אונז איז דאָ חיכטיג ניט דער היסטאָרישער אמת, נאָר דער מענש און אַלס מענש קומט דאָ קוטוזאָװ אַרויס אין טאָלסטאָי'ס שילדערונג אַ גראַנדיעזע לעבעדיגע פיגור.

„ער האָט קײנמאָל ניט קײן אײגענע מײנונג. ער װעט קײן זאַך ניט צוטראַכטען, קײן זאַך ניט פאָרנעהמען, — אָבער ער װעט אַלץ אויסהערען, אַלץ געדענקען, אַלץ שטעלען אויף זײַן אָרט, ניט שטערען צו טהון קײן נוצליכעס און ניט ערלױבען קײן שעדליכעס. ער פערשטעהט, אַז עס איז פאַרהאַן עטװאָס בעדײַטענדערעס, װי זײַן װילען, — דאָס איז דער אונפערמײַדליכער גאַנג פון די געשעהעניששען, — און ער איז פעהיג זײ צו זעהן, איז פעהיג צו פערשטעהן זײער בעדײַטונג, און צוליעב דער בעדײַטונג קאָן ער זיך אָבזאָגען פון אָנטײל אין די געשעהענישען, פון זײַן פּערזענליכען רצון, װעלכער איז געװענדעט אויף עפּעס אַנדערש"... זאָגט װעגען קוטוזאָװ'ן דער קלוגער אַריסטאָקראַט פירשט אַנדרײ.

אַזעלכער איז אױך דער צװײטער פאָלקס-העלד פון „קריעג און פרידען", דער אײנפאַכער פּיער קאַראַטאַיעװ. „יעדער טהאַט זײַנער איז געװען אַ רעזולטאַט פון אונבעװאוסטזיניגער פאַר איהם טעטיגקײט, װעלכע איז געװען זײַן לעבען. נאָר זײַן לעבען, װי ער אַלײן האָט אויף דעם געקוקט, האָט ניט געהאַט קײן זינן, אַלס אַ אײנצעלנעס לעבען; זײַן לעבען האָט געהאַט אַ זינן נאָר אַלס אַ טײל פון אַ גאַנצען, װעלכען ער האָט שטענדיג געפיהלט". — דאָס דערמאָהנט אָן לעבען פון חיות און בױמער, װאָס האָבען ניט זײער פּערזענליכען איך, װאָס לעבען שטום אַלס טײל פון אײן גאַנצען.

קוטוזאָװ און קאַראַטאַיעװ זענען ניט קײן פּערזענליכקײטען, זענען כמעט עהנליך אויף חיות און דערפאַר שטעלט זײ טאָלסטאָי אַזױ הויך. אָבער ער נעהמט אויך אַנדערע העלדען, מענשען מיט אויסגעטאָקטע פּערזענליכקײטען, און צװינגט זײ דורכגעהן שבעה מדורי גיהנם, דורכלעבען טױזענדער ספיקות, אינערליכע דראַמען.

ביז זיי קומען סוף כל סוף צו קאַראַטאַיעוו'ס וועלט-אַנשויאונג און נאָך אַ פּיינליכען איַנערליכען לעבען, דורכמאַכענדיג אַ שווערען לעבענס-וועג, נעהמען זיי ערשט אָן דאָס, וואָס קאַראַטאַיעוו בעקומט אַזוי לייכט און פּראָסט.

פּיער בעזוחאָוו, אַ גוטע נשמה, אַ נאַאיווער, עטוואָס נאַרישע-וואַטער מענש, אַ גרויסער געלד-אַריסטאָקראַט, זוכט דעם זינן פון לעבען און מאַכט דורך אַ שווערען לעבענס-וועג. ער וואַרפט זיך פריהער אין סקעפּטיציזם, טרעט אַריין דערנאָך צו די פריימויערער, צוטיילט אַ גרויסען טייל פון זיין רייכטום, נעהמט זיך צו פילאַנטראָפּיע, פאַלט דערנאָך אַריין אין אויסגעלאַסענהייט, נאָר אומעטום שפּירט ער זיך אומגליקליך און נאָר דערפאַר, ווייל איהם פעהלט דער אמת'ער חוש פון דער רעאַלער ווירקליכקייט, ווייל ער קאָן ניט געפינען דעם ריכטיגען דופק פון לעבען. ער איז פול מיט לעבענסלוסט, פערמאָגט אַ רייכע נאַטור, נאָר שוועבט שטענדיג אין אַ וועלט פון חלומות, איז שטענדיג נאַאיוו און אונבעהאָלפען, און דעריבער שרעקט ער זיך פאַר'ן לעבען, זוכט שטענדיג אַ אינהאַלט.

„אַ מאָל — דערצעהלט וועגען איהם טאָלסטאָי — פלעגט פּיער זיך דערמאָהנען אין דער ערצעהלונג, וואָס ער האָט געהערט, אַז אויף דער מלחמה, שטעהענדיג אונטער דער שיסעריי, זוכען זיך אויס די סאָלדאַטען עפּעס אַ בעשעפטיגונג, כדי לייכטער אַריבערטראָגען די געפאַהר, און פּיער'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אַלע מענשען זענען פונקט אַזעלכע סאָלדאַטען, וואָס ראַטעווען זיך פון לעבען: ווער דורך כבוד, ווער דורך קאָרטען-שפּיעל, ווער דורך פערפאַסען געזעצען, ווער דורך פרויען, ווער דורך מוזיק, דורך פערד, דורך פּאָליטיק, געיעג, שכרות, אָדער מלוכה-טעטיגקייט. ניטאָ אין לעבען ניט קיין אונבעדייטענדעס, ניט קיין וויכטיגעס, אַלצאיינס, אַבי זיך ראַטעווען פון לעבען, ווי מען קאָן, האָט פּיער געטראַכט, אַבי נאָר ניט זעהן „דאָס“, דאָס דאָזיגע שרעקליכע, אונבעוואוסטע“.

פּיער זוכט אויך זיך ראַטעווען פון לעבען און ניט דערפאַר, ווייל ער האָט קיין געפיהל ניט פאַר'ן לעבען, נאָר ווייל ער האָט ניט קיין געפיהל פאַר דער טיעפער ווירקליכקייט, ווייל ער ווייסט ניט, וואו איז דאָס ריכטיגע, אמת'ע לעבען. ער מוז דעריבער דורכמאַכען פיעל יסורים, טאָלסטאָי פיינוגט איהם אין פערלויף פון פיעל יאָהר, נאָר ענדליך, נאָך אַ גאַנצע רייהע שווערע ליידען, קומט פּיער צום

פּראָסטען מוזיק, צו קאַראַטאַיעווין, לערנט זיך בּיי איהם לעבּען און ערשט דאָ הויבּט זיך פֿאַר איהם אָן דאָס ריכטיגע, דאָס „אמת'ע", וואָס איז גאָר ניט שרעקליך, ווי ער האָט געמיינט, נאָר ליכטיג, קלאָר און איינפאַך.

„מיך האָט געראַטעוועט — זאָגט פּיער אַליין — נאָר דאָס, וואָס איך האָבּ זיך אַרויסגעריסען פֿון מיין אָבּגעשלאָסענהייט און דערזעהען דאָס אמת'ע לעבּען פֿון פּראָסטען אַרבּייטער-פֿאָלק און פֿערשטאַנען, אַז נאָר דאָס איז דאָס ריכטיגע לעבּען. איך האָבּ פֿערשטאַנען, אַז אויבּ איך וויל פֿערשטעהן דאָס לעבּען און זיין זינן, מוז איך לעבּען ניט מיט אַ לעבּען פֿון אַ פּאַראַזיט, נאָר מיט'ן אמת'ען לעבּען און אָנגעהמען יענעם זינן, וועלכען עס גיט-צו דעם לעבּען די אמת'ע מענשהייט".

אַ מעהר קאָמפּליצירטע פּערזענליכקייט, איידער פּיער, איז דער פֿירשט אַנדריי. דאָס איז זעהר אַ קלוגער, ערנסטער מענש, אַ שטאָלצער אַריסטאָקראַט, אַ מענש, וואָס דענקט פֿיעל, בּעאָבּאַכטעט גוט דאָבּ לעבּען און מענשען אַרום, מיט אַ סקעפּטישען שכל און געהט זיך איינזאַם זיין שטאָלצען לעבּענס-וועג. אין געגענטייל צו פּיער'ן פֿערמאָגט פֿירשט אַנדריי אַ טיעפֿען געפֿיהל פֿאַר דער ווירקליכקייט, אָבּער צו איהר בּעציהט ער זיך מיט אַ סקעפּטישען שמייכעל, מיט פֿעראַכטונג און שטאָלץ געהט ער זיך אויף אַ בּעזונדערען וועג. אַלס אַריסטאָקראַט שפּירט ער אַ פֿעראַכטונג צום פּיער, חאָטש ער איז לויט זיינע איבּערצייגונגען אַ הומאַניסט, אַ פּראָגרעסיסט און וויל און קאָן שפּיעלען אַ ראָליע פֿון אַ וויכטיגען פּאָליטישען טהוער אין יענע עפּאָכע פֿון בּענייאונג, וועלכע רוסלאַנד האָט דאַן איבּערגעלעבּט. די פּויערען דאַרף מען בּעפֿרייען פֿון פּאַנשטשיזנאַ, לויט דער מיינונג פֿון פֿירשט אַנדריי, ניט דערפֿאַר, ווייל זיי פֿערדיענען דאָס, נאָר כּדי צו בּערוהיגען דאָס געוויסען פֿון די דוואָריאַנעס, דער פּויער אַליין פֿערדיענט נאָר פֿעראַכטונג. אַלס אַ סקעפּטיקער, אַלס אַ שטיק האַמלעט, אַ מענש מיט אַ איידעלען געשמאַק פֿון אַ גרויסען מפונק און אַ קאַלטען סקעפּטישען שכל, בּעגראָבּט אין זיך דער פֿירשט אַנדריי זיין גאַנצען אוצר פֿון טיעפֿע לעבּעדיגע געפֿיהלען, חאָטש ער האָט אַזוי ליעבּ דאָס לעבּען און פֿערשטעהט, אַז דאָס איז דער סאַמע תוך. פֿירשט אַנדריי וויל זיין איינזאַם, ער וויל זיך דערהויבּען איבּער דער ווירקליכקייט, וועלכע ער זעהט אַרום זיך, און

ער געהט אַליין באַרג אַרויף, נאָר דערגעהט ביז אַזאַ הויך, פֿון וואַנען מען מוז אַראָבפֿאַלען, און ער קומט טאַקי אום. ערשט ביים טאָמע טויט האָט זיך פֿאַר'ן פֿירשט אַנדריי געעפֿענט עטוואָס אַזעלכעס, וואָס עס פֿערשטעהען נישט די לעבעדיגע. „דער טויט איז די ערוואַכונג“, און ער האָט דערשפּירט די באַפֿרייאונג פֿון גייסט, ערשט אין די לעצטע מינוטען פֿון זיין לעבען האָט זיך פֿאַר'ן קלוגען, שטאָלצען פֿירשט אַנדריי געעפֿענט אַ אַריינגאַנג צו דער אמת'ער ווירקליכקייט, צום אמת'ן לעבען...

אָט אַזוי האָט טאָלסטאָי צוגעפֿיהרט זיינע צוויי וויכטיגסטע העלדען: פּיער בעזוחאָוו און פֿירשט אַנדריי, צו קוטוזאָוו'ן און קאַראַטאַיעוו'ן, און דאָ ליגט דער גאַנצער זינן פֿון געניאַלען ראָמאַן: דער איינצעלנער מענש איז גאָרנישט, דער אַקטיווער ווילען צו שאַפֿען נייעס, צו שפּילען אַ ראָליע איז גאָרניט ווערט און דער עיקר איז, אַז דער מענש זאָל לעבען ווי אַ טייל פֿון גאַנצען, ווי דער שטומער בוים אין וואַלד, ווי גראָז אויפֿ'ן פֿעלד. די פֿילאָזאָפֿיע, די אַבסטראַקטע אידעען פֿון טאָלסטאָי'ס ראָמאַן קאָנען מיר, נאַטירליך, אָבוואַרפֿען, מיר קאָנען ניט אָננעהמען דעם סך-הכל, וועלכען טאָלסטאָי דיקטירט אונז, אָבער אויך דאַן וועלען פֿאַר אונז בלייבען די לעבעדיגע פּערזאָנען, וואָס שטעהען העכער פֿון יעדער אַבסטראַקטער אידעע, עס וועלען אונז בלייבען פֿירשט אַנדריי, בעזוחאָוו, קוטוזאָוו, קאַראַטאַיעוו אַלס פּסיכאָלאָגישע טיפּען, און מיט די דאָזיגע פּערזאָנען אַליין, האָט טאָלסטאָי שוין פֿעראייביגט זיין נאָמען אַלס קינסטלער.

טאָלסטאָי ליעבט און זוכט אומעטום דאָס איינפֿאַכסטע, טיעפֿסטע, אַבסאָלוטסטע, און פֿון צוויי קוואַלען שעפּט זיין מוזע: פֿון לעבען און פֿון טויט.

וואָס קאָן זיין איינפֿאַכער, אַבסאָלוטער, טיעפֿער און אין דער זעלבער צייט אויך קלאָרער פֿון לעבען אַליין? — און מיר האָבען געזעהען, אַז טאָלסטאָי זוכט אומעטום ענטדעקען דאָס אמת'ע לעבען, אַראָבנעהמען פֿון מענשען יענע איבערפֿלעכען, וועלכע פֿערשטעלען דעם טיעפֿען קוואַל פֿון דער אמת'ער לעבענס-פֿרייד און אַזוי לאַנג אַנאַליזירט ער דעם מענשען, גראָבט זיך אין זיינע טיעפֿענישען, ביז ער ענטדעקט דאָס אַבסאָלוטע, דאָס אונקלאָרסטע, וואָס אין דער מענשליכער נאַטור. אָט די מענשליכע, כמעט טהיערישע, פֿון דור-

חוות אַלטע לעבענס-לוסט איז איינע פון טאָלסטאָי'ס הויפּט-שאַפונגס-קרעפטען. אָבער אַזאַ שאַפונגס-קראַפט איז אויך דער טויט.

אויך דער טויט איז אַזוי אַבסאָלוט און אין דער זעלבער צייט איינפאַך און קלאָר, ווי דאָס לעבען. און וואָס גרעסער דער מענש איז, וואָס שטאַרקער אין איהם לעבט די לעבענס-לוסט, אַלץ מעהר טראַכט ער אויך וועגען טויט, אַלץ גרעסער ווערט פאַר איהם די געהיימניס. פון דעם מאָמענט, וואָס אַ מענש לעבט צום ערשטען מאָל איבער לע-בעדיג דעם שרעק און פאָרשטעלונג וועגען טויט, — פון דעם מאָמענט ווערט ער צוגעבונדענער צום לעבען און פאַר איהם עפענט זיך עפּעס אַ נייע שיין, וועלכע איז איהם ביז דעם מאָמענט אונבעקאַנט געווען. אויב דאָס איז אַזוי ביי דעם געוועהנליכען מענשען, איז דאָס ביי דעם גרויסען קינסטלער און געניוס נאָך פיעל מאָל שטאַרקער און מיר ווייסען טאַקע, אַז די געהיימניס פון טויט איז פאַר פיעל גרויסע מענער געווען אַ שטאַרקער אימפּולס פון שאַפען.

אַזוי איז דאָס אויך ביי טאָלסטאָי'ען, און מיט אַ געניאַלער קראַפט האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזען אין „אַנאַ קאַרענינאַ“.

„אַנאַ קאַרענינאַ“ איז טאָלסטאָי'ס צווייטער גרויסער ראָמאַן נאָך „קריעג און פריעדען“, און אויב אין לעצטען האָט טאָלסטאָי איבערגעפיהרט דעם גאַנצען צענטער ניט צו די היסטאָרישע גע-שעהענישען, נאָר צו יענע פּריוואַטע לעבענס פון פיער זאָן אַנדריי, וועלכע זענען איינגעפלאָכטען אין דער דאָזיגער עפּאָכע, איז „אַנאַ קאַרענינאַ“ שוין ריינע „פאַמיליען-כראָניק“, אָהן שום היסטאָריע, אָהן היסטאָרישע גרויסע געשעהענישען און די פּערספּעקטיווע איז דאָ קלענער, אָבער לויט דער טיעפקייט שטעהט „אַנאַ קאַרענינאַ“ העכער פון „קריעג און פריעדען“. דאָ, אין דער געשיכטע וועגען טויט און לעבען פון דער גרויסער זינדיגערין אַנאַ, אין די געוואַלדיגע ליידענ-שאַפטען, וואָס בעהערשען אַנאַ און איהר געליעבטען ווראָנסקי, אין דעם גרויסמוטיגען שטאָלץ און שטאַרקען ווילען פון אַנאַ'ס מאַן, וועלכער ווייזט-אַרויס אַזאַ גרויסמוט און מאָראַלישע זעלבסט-בעהער-שונג, — דאָ האָט טאָלסטאָי'ס געניוס זיך בעוויזען אין זיין גאַנצער קראַפט. געשלעכטס-ליעבע — דאָס איז געווען און וועט בלייבען די גרעסטע מענשליכע ליידענשאַפט, אין וועלכער עס מישען זיך צונויף מיט אַ שרעקליכער קראַפט זינד און הייליגטום, געטליכקייט און טהירישעס, לעבען און טויט; דאָ, אין דער געשלעכטס-ליעבע,

ווירקט אַמשטאַרקסטען דאָס אונקלאָרע, אונלאָגישע, בלינדע, וואָס לעבט אין מענשענס נאַטור, יענע אונבעשטימטע, שרעקליכע קראַפֿט, וועלכע שאָפּענהויער רופֿט אָן „דער געניוס פֿון מענשליכען געשלעכט“, און דאָ האָט טאָלסטאָי'ס מוזע געפֿונען פֿאַר זיך דעם בעסטען פּלאַץ.

ניט דאָ איז דאָס אָרט אָבצושטעלען זיך אויף דער אויספֿיהרליכער כאַראַקטעריסטיק פֿון די העלדען פֿון „אַנאַ קאַרענינאַ“, איך וועל נאָר אָנווייזען אויף די קינסטלערישע עלעמענטען, וואָס ווירקען אין דעם געניאַלען ראָמאַן: דאָס זענען דער סוד פֿון לעבען און דער סוד פֿון טויט.

אין „אַנאַ קאַרענינאַ“ זענען איינגעפֿלאָכטען צוזאַמען 2 בעזונדערע ראָמאַנען: איינער פֿון אַנאַ און וראָנסקי, דער צווייטער פֿון ליאָווין און קיטי, און טאָלסטאָי פֿיהרט דעם לעזער צו אַ בעשטימטע מאָראַלישע אידעע: אַנאַ און וראָנסקי געהען פֿון דער שרעקליכער ליעבע צום טויט: אַנאַ נעהמט זיך דאָס לעבען, וראָנסקי פֿאָהרט אַוועק קיין סערביען, אום דאָרט אָבצוגעבען דאָס לעבען; ליאָווין געהט ווידער פֿון טויט צו ליעבע, אָבער די ליעבע איז ניט די מענשליך־זינדיגע ליעבע פֿון אַנאַ, נאָר אַ רעליגיעזע, אַ אַבסטראַקטע, טאָלסטאָי'ס אַ אויסגעטראַכטע ליעבע.

ליאָווין לעבט איבער, נאָך אַ רייהע ליידען פֿון אינערליכען פֿערזענליכען לעבען, דעם טויט פֿון זיין געליעבטען ברודער, און דער טויט מאַכט אויף איהם אַ גרויסען איינדרוק. נאָר „איידער עס האָט זיך נאָך אָבגעטהון פֿון זיינע אויגען דער סוד פֿון טויט, וועלכער איז געבליבען אונפֿערשטענדליך פֿאַר איהם, איז שוין ענטשטאַנען אַן אַנדער געהיימניס, אויך אַזאַ אונפֿערשטענדליכע: דאָס געבוירען פֿון קינד“.

צוויי עקסטרעמען בעגעגענען זיך: דער טויט מיט'ן נייעם לעבען, און די סצענע, ווי קיטי, ליאָווינ'ס פֿרוי, געהט צו קינד איז איינע פֿון די געניאַלסטע קונסט־ווערק, וואָס זענען בעשאַפֿען געוואָרען אין דער ליטעראַטור.

ליאָווין, דער אונגלויביגער ליאָווין, דער סקעפּטיקער און קאָפּ־מענש, ווערט דאָ מיט אַ מאָל רעליגיעז, זיין פֿערנונפֿט האָט דאָ ניט וואָס צו טהון אין דער אָנוועזענהייט פֿון דער שרעקליכער געהיימניס, און בשעת קיטי שרייט פֿון ליידען און אין ווערט געבוירען דער נייער מענש, שרייט ליאָווין: — „גאָט, פֿערצייה, דערבאַרם זיך.

תעלף!". „און ער, דער אונגלויביגער, האָט וויעדערהאָלט די דאָזיגע ווערטער ניט בלויז מיט'ן מויל. יעצט, אין דער מינוט, האָט ער גע־וואוסט, אַז ניט בלויז אַלע זיינע ספקות, נאָר אויך די אונמעגליכקייט לויט'ן שכל אַ מאמין זיין, וואָס ער האָט אין זיך געקאָנט, שטערען איהם כלל ניט צו ווענדען זיך צו גאָט".

„ער שפירט, אַז דאָס, וואָס איז יעצט פאָרגעקומען, איז דאָס זעלבע, וואָס איז פאָרגעקומען אויפ'ן טויט־בעט פון ברודער. יענץ איז געווען פיין, דאָס איז אַ פרייד. נאָר סיי יענע פיין, סיי די פרייד זענען געשטאַנען איבער דעם לעבען, זיי זענען אין געוועהנליכען לעבען געווען עפּעס אַ ערעפנונג, דורך וועלכע עס האָט זיך אַרויסגע־וויזען עטוואָס העכערעס. און פונקט אַזוי שווער און פיינליך איז געווען דאָס, וואָס איז יעצט פאָרגעקומען, און פונקט אַזוי אונבעגרייפליך האָט זיין נשמה זיך אויפגעהויבען יעצט אויף אַזאַ הויך, וועלכע ער האָט פריהער קיינמאָל ניט געוואוסט, און וואוהין דער שכל האָט שוין ניט געקאָנט נאָכגעהן".

קיינער, ווי טאָלסטאָי, האָט נאָך אַזוי טיעף ניט געשילדערט דעם חטא, קיינער האָט נאָך אַזוי טיעף ניט אַריינגעדרונגען אין תהום פון דער ליידענשאַפט, קיינער, ווי ער, האָט נאָך אַזוי דרייסט ניט אַריינגעקוקט אין דער טיעפעניש פון לעבען און טויט, געטליכעס און טהירישעס, זינד און הייליגטום אין מענשען. דאָ זענען די וואָרצלען פון טאָלסטאָי'ס קינסטלערישען געניוס און די העכסטע מדרגה האָט טאָלסטאָי דערגרייכט אין „אַנאַ קאַרעונינאַ".

אין „אַנאַ קאַרעונינאַ" זעהט זיך שוין אַרוים דער שפּעטערדיגער מאָראַליסט, ליאָווין איז דאָ שוין דער קינפטיגער טאָלסטאָי, וועלכער וועט פערשעלטען זיין אייגענע געניאַלע קונסט און וועט ווערען אַ איינזייטיגער דענקער און רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר, אָבער „מיט יעדען אמת'ן קינסטלער, זאָגט טאָלסטאָי, פּאַסירט דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיט בלעמ'ן, וועלכער האָט געוואָלט בענשען און אָנגע־הויבען שעלטען, דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט שעלטען, און, ווע־לענדיג שעלטען, האָט ער אָנגעהויבען בענשען דאָס, וואָס ער האָט געמוזט בענשען".

דאָסזעלבע, בעמערקט ריכטיג מערעזשקאָווסקי, איז פאָרגעקומען אויך מיט טאָלסטאָי'ען. זיין גאַנץ לעבען האָט ער געשאָלטען דאָס, וואָס מען דאַרף שעלטען, געבענשט דאָס, וואָס מען דאַרף בענשען,

געגען זיין ווילען האט ער געמוזט טהון ניט דאס, וואס ער האט געוואלט, נאר וואס ער האט געמוזט, געמוזט אלס קינסטלער.

פון דער גרויסער זינדיגערין אנא נעהמט טאלסטאי נקמה און צווינגט זי זיך נעהמען דאס לעבען, ליאווינ'ען פיהרט ער צו א בענייאונג, צו א נייע רעליגיע, אבער געגען טאלסטאי'ס ווילען, בלייבט דאך אנא אונז נעהנטער און סימפאטישער, געגען זיין בעוואוסטזיין האט ער געמוזט שאפען געניאלע סצענעס פון דער מענשליכער תאווה, ענטדעקען אין דער מענשליכער נאטור די טיעפענישען פון עגאאיזם און לעבענס-לוסט, און וואס מעהר טאלסטאי'ס העלדען טרעטען פאר אונז ארויס מיט זייערע זינד און שוואכקייטען, מיט זייערע רייכע אינסטינקטען און כמעט טהירישע תאות, אלץ נעהנטער ווערען זיי אונז, אלץ סימפאטישער ווערען זיי.

טאלסטאי האט געטהון דאס, וואס ער האט געמוזט טהון, ער איז א אמת'ער קינסטלער געבליבען.

דער קריזיס.

דער שרעק פאַר'ן טויט. — די האַרמאָניע צווישען מענשען און דער נאַטור. — ווי שילדערט טאָלסטאָי דעם טויט אין זיינע ווערק. — דער טויט אַלס אַ היטן פאַר'ן לעבען. — דאָס טויטע לעבען פון איוואַן איליטש. — דער שרעק פאַר'ן טויט און דער זין פון לעבען. — טאָלסטאָי טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק וועגען זעלבסטמאָרד. — דער סוף פון קריזיס. — ווי טאָלסטאָי האָט געפונען גאָט. — טאָלסטאָי'ס רעליגיע אַלס רעזולטאַט פון אַ פסיכאָלאָגישען אַנאַליז. — טאָלסטאָי'ס לעהר. און דאָס פערשעלטען די קונסט. — די דראַמע דויערט ווייטער.

דער פעריאָד, אין פערלויף פון וועלכען טאָלסטאָי האָט געשאַפען זיינע צוויי גרעסטע ווערק „אַנאַ קאַרענינאַ“ און „קריעג און פריעדען“, איז געוועזען די גליקליכסטע, שטילסטע, רוהיגסטע עפּאָכע אין זיין לעבען. די דאָזיגע עפּאָכע האָט געדויערט אַנ'ערך 15 יאָהר, און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אויך די ווייטערדיגע ביסעל יאָהרען וועט דער גרויסער קינסטלער אָבלעבען רוהיג אַלס גליקליכער פאַמיליען-מענש און פאָטער פון קינדער. אָבער דאָ, אין די בעסטע יאָהרען פון זיין לעבען, דערגרייכענדיג די העכסטע שטופע פון רוהם און כבוד זייענדיג אַ פאָטער פון קינדער, אַ גליקליכער פאַמיליען-מענש, אַ רייכער „באַרין“, האָט אין טאָלסטאָי'ען פלוצלונג און אונערוואַרטעט פאַר אַלעמען זיך צושפּיעלט אַ אינערליכער נייער קאַמפף, וועלכער האָט איהם געבראַכט צו אַ שווערען קריזיס, וואָס האָט די וועלט איבערראַשט: דער געניאַלער קינסטלער און גליקליכער מענש הויבט-אָן צו 47 יאָהר פון זיין לעבען ערנסט טראַכטען וועגען אַ זעלבסט-מאָרד און מוז זיך אַליין מיט גוואַלד צווינגען ניט אַרויפצולעגען אַ האַנד אויף זיך.

פון וואנען האט זיך גענומען דער דאזיגער שווערער קריזיס אין טאלסטאי'ס לעבען?

שווער אנצווייזען אויף דער נאהענטסטער סבה פון דעם קריזיס. מעגליך, אז דאס האט זיך גענומען דערפון, וואס טאלסטאי האט אין יענער צייט אנגעהויבען איבערגעהן צו א נייע עפאכע פון זיין אלטער — צו די אלטע יאהרען, און ביים איבערגאנג פון איין עפאכע צו דער צווייטער פאסירען אפט פערשידענע קריזיסען זאגאר אין אינערליכען לעבען פון געוועהנליכע מענשען; עס איז אויך מעגליך, ווי אנדערע מיינען, אז דא האט געשפיעלט א געוויסע ראלע טאלסטאי'ס געבוירענער געזונדטער, טיעפער עגאאיזם און אונגעהויערער קוואל פון ענערגיע, וועלכער האט געדארפט דורכברעכען פאר זיך א נייעם וועג. אבער דאס אלץ זענען נאר אלגעמיינע ערקלערונגען, וועלכע זאגען ווינציג, און ווען מיר ווילען טיעפער פערשטעהן די פסיכאלאגישע סבה פון טאלסטאי'ס געוואלדיגען קריזיס, וועלכער איז געווען א איבערראשונג פאר דער גאנצער וועלט, מוזען מיר זוכען א נאהענטערע טיעפערע ערקלערונג, און די דאזיגע ערקלערונג איז נאר דער שרעק פון טויט, וועלכען טאלסטאי האט געשפירט נאך אין זיינע יונגע יאהרען.

דער שרעק פאר'ן טויט איז א געוועהנליכע ערשיינונג, וועלכע איז אייגענטליך אויך פאר'ן געוועהנליכען מענשען. אין געוויסע פעריאדען פון לעבען, לעבט דאס איבער יעדער איינציגער פון אונז. נאר דער געוועהנליכער מענש, אויב נאר דער אינסטינקט פון לעבען איז ביי איהם ניט שטארק אבגעשוואכט, געפינט שוין זיינע שאבלאנע ענטפערען, א דאנק וועלכע ער בעפרייט זיך פון דעם שרעק אדער ער בערוהיגט זיך דערמיט, וואס אלע מענשען לעבען און דעריבער לעבט ער אויך, אדער ער פאלט אריין אין א עפיקורעאישע שטימונג און זאגט זיך: אדרבה, ווייל דאס לעבען איז קורץ און ווייל מיך ערווארטעט דער טויט, וועל איך ערשט געניסען פון לעבען און וועל זיך סטארען אויסנוצען האטש דאס ביסעל יאהרען, וואס מיר איז געבליבען. דעם געוועהנליכען מענשען בערוהיגען די דאזיגע תירוצים, און אויב נאר ער בעזיצט נאך דעם געזונדען אינסטינקט פון לעבענסלוסט, וועט ער איהם ניט דערלאזען צו קיין עקסטרעמע טהאטען און דער קריזיס וועט פאראיבער געשווינד און רוהיג. אנדערש איז אבער ביי גרויסע מענשען, ביי די, וועלכע זענען אממעהרסטען צו-

געבונדען צום לעבען. זיי, ביי וועלכע דאָס לעבען איז אַ גרויסער סוד, שפּירען ערשט דעם גרויסען סוד פון טויט; זיי, וועלכע פיהלען טיעפער, ווי אַנדערע, די פרייד פון לעבען, מוזען אויך טיעפער שפּירען דעם שרעק פון טויט. אוט אָט דער שרעק מיז זיי פיהרען צו אַ גרויסען קריזיס. אַזוי איז געווען געטע, בייראָן, ניטשע, אַזוי איז אויך געווען טאָלסטאָי.

דער געדאַנק וועגען טויט האָט אָנגעהויבען בעאונרוהיגען טאָלסטאָי'ען נאָך אין די יונגע יאָהרען. נאָר דאַמאָלס, ווי עס ערקלערט זיין ביאָגראַף בירוקאָוו, האָט טאָלסטאָי זיך בערוהיגט דורך דעם געדאַנק וועגען דער האַרמאָניע צווישען דער נאַטור און מענשען. ער האָט דאַן געדענקט אַזוי: שווער איז צו שטאַרבען נאָר דעם מענשען, וועלכער בעשאַפט זיך אַ געקינסטעלט לעבען, וועלכער לעבט ניט מיט דער נאַטור. פאַר דעם מענשען איז דער טויט אַ טראַגעדיע. אַ חיה, וועלכע שטעהט נעהענטער צו דער נאַטור, איידער דער מענש, איז דער טויט שוין לייכטער, זי שטאַרבט אָהן שרעק, אָהן ליידען. נאָך לייכטער איז דער טויט פאַר'ן בוים אין וואַלד, פאַר דעם גראָז אויפ'ן פעלד, ווייל זיי שטעהען אינגאַנצען אונטער דער הערשאַפט פון דער נאַטור. הייסט עס, אַז כדי דער מענש זאָל לייכט שטאַרבען, דאַרף ער לעבען, ווי עס לעבט דער בוים, דאָס גראָז, לעבען מיט דער נאַטור.

די זעלבע בעציהונג צום טויט זעהען מיר אויך ביי טאָלסטאָי דעם קינסטלער. אין „דריי טויטען" שילדערט טאָלסטאָי דעם טויט פון פוהרמאַן פיאָדאָר, וועלכער שטאַרבט איינפאַך, רוהיג, און די דאָזיגע איינפאַכקייט נעהמט ביים האַרצען. אַ צווייטער פוהרמאַן בעט ביים קראַנקען, ער זאָל איהם שענקען די שטיוועל זיינע. „וואָס דאַרף ער די שטיוועל? אין נייע שטיוועל וועט מען דאָך איהם ניט מקבר זיין!" און די דאָזיגע בקשה, וועלכע דערמאָהנט דעם קראַנקען, אַז זיינע טעג זענען געצעהלטע, רייצט איהם ניט אויף, ער שענקט די שטיוועל זיינע רוהיג און נעהמט נאָר אויס אַ תנאי, אַז דערפאַר זאָל מען אויף זיין קבר אַוועקשטעלען אַ שטיין... אין דער זעלבער צייט שטאַרבט אַ „באַרינאַ", וועלכע איז פול מיט שרעק פאַר דעם אָנקומענדען טויט און איהרע ליידען רופען נאָר אַרויס עקעל און פעראַכטונג.

שפּעטער בעגעגענען מיר די בעשרייבונג פון טויט אין אַלע איבע-

ריגע טאָלסטאָי'ס קינסטלערישע ווערק, און דאָ בעמערקען מיר א מערקווירדיגע זאַך: מיט די גרעסטע יסורים שטאַרבען יענע טאָלסטאָי'ס העלדען, וואָס זענען ביים לעבען געווען אָבגעריסען פון לעבען, וואָס האָבען געלעבט, ווי טויטע, ווערענד די, וועלכע האָבען געלעבט מיט א לעבעדיג לעבען, שטאַרבען לייכט און רוהיג, און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל ביי טאָלסטאָי'ען איז דער טויט א איינפאַכע געוועהנליכע ערשיינונג, וועלכע טראָגט אין זיך ניט קיין געהיימנים: פערקעהרט, ביי טאָלסטאָי'ען איז דער טויט א גרויסער סוד, א טיעפער, א גרויזאַמער, פונקט ווי דער געבורט פון א קינד, ווי די ערשיינונג פון א נייעם לעבען אויף דער וועלט. סיי מיט דעם געבורט פון א קינד, סיי מיט דעם טויט פון א מענשען, עפענט זיך פאַר טאָלסטאָי'ס העלדען עפּעס א נייער וועג, עס ווערט ברייטער און ליכטיגער אַרום און דאָס איז גרויזאַם און שרעקליך, אָבער הייליג און לעבענסלוסטיג. ווייל דאָ געהט פאָריבער פאַר דעם מענשען'ס אויגען דער גרויסער געטליכער סוד: אַלץ בייט זיך, אַלץ נעהמט-אָן נייע פאָרמען, דאָ ענדיגט זיך עפּעס און דאָ הויבט זיך אָן עפּעס נייעס, דאָס לעבען קען ניט אָבשטאַרבען. דער טויט איז ביי טאָלסטאָי'ען אלס קינסטלער נאָר א גרויסער פייערליכער הימן לכבוד דעם לעבען און דעריבער איז פאַר די, וועלכע האָבען „גוט", ד. ה. נאַטירליך געלעבט, דער טויט ניט שרעקליך. דערפאַר שטראָפט טאָלסטאָי יענע העלדען זיינע, וועלכע האָבען געלעבט פאַלש און געקינסטעלט. פאַר זיי איז דער טויט א שרעקליכע טראַגעדיע. „ער (דער טויט) איז געקומען, זיך אַוועקגעשטעלט גלייך פאַר איהם און געקוקט אויף איהם און ער איז פערשטיינערט געוואָרען, דאָס פייער איז אויסגעלאָשען געוואָרען אין די אויגען, און ער האָט ווידער אָנגעהויבען פרעגען זיך: צי טאַקי נאָר דער טויט איז דער אמת?" — דאָס זאָגט טאָלסטאָי וועגען זיין העלד איוואַן איליטש, וועלכער האָט אָבגעלעבט א פאַלש לעבען, אין שקר און אין אילוזיעס, לויט א געוועהנליכען שאַבלאָן און שטאַרבט אין שרעקליכע יסורים ניט דערפאַר, ווייל דער טויט אַליין איז שרעקליך, נאָר ווייל שרעקליך איז געווען זיין לעבען, ווייל נאָך אין לעבען איז ער געווען א מת, א מענש אָהן נאַטירליכקייט, אָהן אמת, אָהן אינערליכען לעבען אין זיך.

אויף אַזאַ אופן איז פאַר טאָלסטאָי'ען דער טויט אָן און פאַר זיך גאָר ניט שרעקליך, שרעקליך איז נאָר דאָס לעבען, וואָס איז

געגען דער נאַטור, וואָס האָט ניט אין זיך קיין אינערליכען אמת, און פאַר די מענשען, וועלכע לעבען מיט אַזאַ לעבען, איז דער טויט אַ שרעקליכער יום-הדין: דעם טויט קאָן מען שוין ניט אָבּפטר'ן מיט תירוצים, מיט אַ שאַבּלאָן, דאָ מוז מען שוין געבען זיך אַליין אַ קלאָרען ענטפער: האָסט דו געלעבט, ווי מען דאַרף? איז דיין לעבען ניט קיין שקר געווען?

אָט די דאָזיגע פראַגע האָט געמוטשעט אויך טאָלסטאָי'ען אַליין. אויך פאַר איהם איז דער שרעק פאַר'ן טויט באַר געווען אַ עקזאַמען פון לעבען און פאַר איהם האָט זיך ווידער אָנגעהויבען דאָס אַלטע זוכעניש, די אַלטע פראַגע: ווי לעבט מען? דאָס איז אייגענטליך ניט געווען קיין נייער קריזיס, ווייל ווי מיר ווייסען, האָט טאָלסטאָי קיינמאָל ניט אויפגעהערט זוכען דעם אמת, שטענדיג געווען אונצופרידען מיט זיך, שטענדיג זיך געוואָרפען אין פער-שידענע זייטען, געפרובט אַלע וועגען, און די דאָזיגע אינערליכע דראַמע האָט זיך ביי איהם געצויגען נאָך פון די בחור-יאָהרען. אָבער אויב די עפּאָכע פון פאַמיליען-גליק, אויב די 15 רוהיגע יאָהר, אין פערלויף פון וועלכע ער האָט געשאַפען זיינע גרעסטע ווערק, האָט אין איהם אויף אַ צייט איינגעשטילט דעם אינערליכען שטורם, איז געקומען דער שרעק פאַר'ן טויט און האָט ווידער פאַר איהם אַוועק-געשטעלט די אַלטע פראַגען וועגען אמת און וועגען זינן פון לעבען.

לאָמיר הערען, וואָס טאָלסטאָי אַליין דערצעהלט וועגען זיין קריזיס אין זיין בעריהמטען „ודוי".

„איך האָב דערשפירט, דערצעהלט ער וועגען יענעם פעריאָד פון זיין לעבען, אַז דאָס, אויף וועלכען איך בין געשטאַנען, האָט זיך אונטערגעבראָכען, אַז איך האָב שוין ניט אויף וואָס צו שטעהן, אַז דאָס, מיט וואָס איך האָב געלעבט, איז שוין מעהר ניטאָ, אַז איך האָב ניט מיט וואָס צו לעבען". „מיין לעבען האָט זיך אָבגעשטעלט. איך האָב געקאָנט עטעמען, עסען, טרינקען, שלאָפען... נאָר קיין לעבען איז דערין ניט געווען, ווייל איך האָב שוין ניט געהאַט אַזעלכע פער-לאַנגען, וועלכע איך זאָל האַלטען פאַר פערנונפטיג צו בעפרידיגען"...

וואָס אַזעלכעס איז געשעהען? וואָס האָט טאָלסטאָי'ען גע-בראַכט צו דער פעסימיסטישער שטימונג? פון וועלכער מינוט דאָס האָט זיך אָנגעהויבען און וואָס איז געווען די נאָהענטסטע סבה דערפון, ווייסט טאָלסטאָי אַליין ניט צו דערצעהלען. נאָר דאָס איז ניט וויכטיג.

אַ פֿאַקט איז נאָר, אַז איינמאָל האָט טאָלסטאָי דערזעהען פֿאַר זיך דעם טויט אין זיין אויסדריקליכסטען געשטאַלט, ער האָט דערזעהען פֿאַר זיך יענעם „אמת", וועלכען ער האָט שטענדיג געזוכט, און דאָ האָבען זיך פֿערשטאַרקט יענע מאָראַלישע ספקות, וועלכע האָבען געמוטשעט טאָלסטאָי'ען אַלע זיינע יאָהרען: אויב דער טויט איז דער איינציגער קלאָרער אמת, וואָס זשע איז דאָס לעבען? אויב מיך ערוואַרטעט נאָר דער טויט, נאָך וואָס־זשע לוינט צו לעבען?

טאָלסטאָי אַליין פֿערגלייכט זיין דאַמאָלסדיגע לאַגע צו דער לאַגע פֿון אַ רייזענדען, וועלכער איז אויפֿ'ן וועג בעפֿאַלען געוואָרען דורך אַ צובושעוועטע חיה. ראַטעווענדיג זיך פֿון דער חיה, שפּרינגט דער וועגס־מאַן אַריין אין אַ טיפֿען ברונען אָהן וואַסער. אָבער אויפֿ'ן דנאָ פֿון ברונען ליגט אַ שלאַנג מיט אַ אָפֿענעם מויל. דער רייזענדער האַפּט זיך אָן אין די צווייגען פֿון אַ קוסט, וועלכער וואַקסט אין ברונען, אָבער דער קוסט וועט פֿריהער אָדער שפּעטער מוזען איבערגעריסען ווערען, ווייל צוויי מייז, אַ ווייסע און אַ שוואַרצע, גראָבען זיך אונטער זיינע וואָרצלען פֿון ביידע זייטען. דער מענש זעהט דאָס און ווייסט, אַז אָט־אָט וועט ער מוזען אַראָבפֿאַלען און אומקומען, נאָר דאָך לעקט ער דערווייל די טראָפּען האָניג, וואָס רינען אַראָב אויף די בלעטלעך פֿון קוסט, און וואַרט אויף זיין טויט. די חיה און דער שלאַנג זענען דער טויט, די מייז זעיען די צייט, די טראָפּען האָניג — דאָס לעבען. כל זמן עס איז נאָך דאָ אַ ביסעל האָניג. האָט מען נאָך קרעפֿטען צום לעבען, אָבער דאָס מוז דאָך זיך אַמאָל ענדיגען, נאָך וואָס זשע זאָל מען זיך נאַרען און ווייטער לעבען?

„נו גוט, דערצעהלט ווייטער טאָלסטאָי, דו וועסט האָבען 6000 דעסיאַטין ערד, 300 פֿערד, און דערנאָך?... און איך בין אינגאַנצען אָבהענגיג געוואָרען און ניט געוואוסט, וואָס ווייטער צו טראַכטען. אָדער, אָנהויבענדיג טראַכטען, ווי אַזוי איך וועל ערציהען מיינע קינדער, האָב איך זיך געזאָגט: נאָך וואָס? אָדער, אָנהויבענדיג דענקען וועגען דעם, ווי אַזוי דאָס פֿאָלק קאָן דערגרייכען גליק, האָב איך פּלוצלונג זיך אַליין געזאָגט: און וואָס גערט דאָס דיר אָן? אָדער, טראַכטענדיג וועגען דעם רוהם, וואָס איך וועל דערגרייכען דורך מיינע ווערק, האָב איך זיך אַליין געזאָגט: נו, גוט, דו וועסט זיין בעריהמטער פֿון גאָגאָל'ען, פּושקינ'ען, שעקספּיר'ן, מאָליער'ן, פֿון אַלע שרייבער

פון דער וועלט, — נו, איז וואָס? און איך האָב גאָרניט, גאָרניט געקאָנט ענטפערען דערויף".

מיר ווייסען, אז טאָלסטאָי איז קיינמאָל ניט געוועזען גלייכגילטיג צו די פראַגען וועגען פאָלקס־גליק און צו זיין אייגען גליק — אודאי ניט, נאָר ער האָט איינמאָל אַריינגעקוקט אין די אויגען פון טויט, און קוים האָט ער ערנסט אַוועקגעשטעלט פאַר זיך די אייביגע מענשליכע פראַגע: „צו וואָס? נאָך וואָס? וואָס איז דער זינן פון לעבען?" האָט ער אויף דער פראַגע געמוזט אַן ענטפער געפינען. ווי אַזוי טאָלסטאָי האָט דערויף געענטפערט, מיט וואָס דער קריזיס האָט זיך געענדיגט, דאָס וועלען מיר ווייטער זעהען, נאָר דערווייל וועלען מיר פערצייכענען: דאָס לעבען האָט אַ זינן נאָר פון שטאַנדפונקט פון לעבען גופא, קוים שטעלט זיך אַ מענש אויף דעם שטאַנדפונקט פון טויט, מוז דאָס לעבען פערלירען ביי איהם דעם זינן, ווייל פון שטאַנדפונקט פון טויט איז קיין זאַך אין לעבען נישט וויכטיג. אַזוי האָט אויך טאָלסטאָי געדענקט אין אָנהויב פון זיין קריזיס:

„ניט היינט מאָרגען וועלען קומען קראַנקהייטען, דער טויט אויף מיינע בעליעבטע מענשען, אויף מיר אַליין, און עס וועט קיין זאַך ניט בלייבען, אויסער ווערים; מיינע מעשים, וואָס זיי זאָלען ניט זיין, וועלען אַלע פערגעסען ווערען, — פריהער אָדער שפּעטער, און איך אַליין וועל אויך מעהר נישט עקזיסטירען. ווי קאָן אַ מענש דאָס ניט זעהען און לעבען בלייבען — אָט דאָס איז וואונדערבאַר! מען קאָן לעבען, נאָר כל זמן מען איז פערשכורט פון לעבען, אָבער ווי נאָר מען ניכטערט זיך אויס, קאָן מען ניט נישט איינזעהן, אַז דאָס אַליץ איז נאָר אַ נאַרעריי, און אַ נאַרישע נאַרעריי!"

דאָס איז ניט געוועזען קיין פחד פאַר'ן טויט אין געוועהנליכען זינן פון וואָרט. טאָלסטאָי איז נאָך געוועזען גענוג צוגעבונדען צום לעבען מיט אַלע זיינע חושים, ער איז צו יענער צייט געוועזען פאָלקאָם געזונד סיי קערפערליך, סיי גייסטיג, און מען קאָן אַלזאָ ניט אָננעהמען, אַז ביי איהם איז שטאַרק אָבגעשוואַכט, אָדער פערטעמפּט געוואָרען דער געזונדער לעבענס־אינסטינקט, ווי עס פּאַסירט ביי דאָס רוב זעלבסט־מערדער, און ווען מיר זאָלען אפילו ניט וויסען פאָראויס, מיט וואָס טאָלסטאָי'ס קריזיס האָט זיך געענדיגט, חאָטשען מיר, קענענדיג טאָלסטאָי'ס נאַטור, געקאָנט פאָראויסזאָגען, אַז

צו קיין זעלבסט־מארד וועט ביי איהם ניט קומען, אז דער קריזיס וועט זיך ענדיגען מיט א גייסטיגע אויפלעבונג, מיט א נייע גענייאלע שאפונג, אבער יעדענפאלס ניט מיט קיין זעלבסט־מארד: דערצו זענען אזעלכע נאטור־בעגאבטע געזונדע מענשען, ווי טאלסטאי, ניט פעהיג, און די טראגישע זייט פון קריזיס בעשטעהט ניט דערין, וואס טאלסטאי האט איבערגעלעבט א שרעק פאר'ן טויט, נאר דערין, וואס ער, א מענש, וואס האט אין זיך געהאט אזוי פיעל לעבען, א מענש, וועלכער האט פערמאגט אזא געפיהל פאר דעם אונבעוואוסטזיניגען, אונלאגישען און טיעפסטען אין מענשליכען לעבען און אין דער גאנצער נאטור, — אזא מענש האט, דערגרייכענדיג א גרויסע הויך, פון וועלכע מען זעהט די גאנצע וועלט ארום, פלוצלונג דערזעהען, אז דאס לעבען איז פוסט, אז דארט איז קיין אמת לעבען נישטא און דער גרויסער קינסטלער האט זיך דערשפירט עלענד, אומעטיג, פער'יתומ'ט.

„מיין גייסטיגער צושטאנד, ערקלערט טאלסטאי, האט זיך אויסגעדריקט פאר מיר אזוי: מיין לעבען איז עפעס א נארישער בייזער שפאס, וועלכען עמיצער האט געמאכט איבער מיר. ניט קוקענדיג דערויף, וואס איך האב ניט אנערקענט „עמיצען", וועלכער זאל מיך האבען בעשאפען, איז די דאזיגע פארם פון דער פארשטעלונג אז עמיצער האט מיט מיר געמאכט א נארישען בייזען שפאס, דאך געווען די נאטירליכע פארשטעלונג פאר מיר, — ניט ווילענדיג האט זיך מיר פארגעשטעלט, אז דארט, ערגעץ־וואו, געפינט זיך איינער, וועלכער שעפט נחת, קוקענדיג אויף מיר, ווי איך האב גאנצע 30—40 יאהר געלעבט, לערנענדיג זיך, ענטוויקלענדיג זיך, וואקסענדיג מיט'ן קערפער און גייסט, און ווי יעצט, ווען איך בין שוין אינגאנצען גייסטיג אויסגעוואקסען, צוקומענדיג צו יענער הויך, פון וועלכער עס ענטפלעקט זיך דאס גאנצע לעבען, — ווי איך שטעה בענארישט אויף דער דאזיגער הויך, פערשטעהענדיג קלאר, אז קיין זאך אין לעבען איז נישטא, ניט געוועזען און וועט ניט זיין".

„די קראפט, וועלכע האט מיך אבגעצויגען פון לעבען, איז געווען שטארקער, פולער, אלגעמיינער, איידער דער פערלאנג פון לעבען. דאס איז געווען פונקט אזא קראפט, ווי די פריהערדיגע שטרעבונג צום לעבען, נאר זיין א פערקעהרטער בעציהונג. איך האב מיט אלע כחות זיך געריסען פון לעבען. דער געדאנק וועגען

זעלבסט-מאָרד איז צו מיר געקומען פונקט אַזוי נאַטירליך, ווי עס פלעגען פריהער קומען די געדאַנקען וועגען פערגיטיגען דאָס לעבען. דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיך אַזוי געצויגען, אַז איך האָב געמוזט אַנווענדען געגען זיך נויטיגע מיטלען, אום געשווינד ניט פערווירקליכען דעם געדאַנק". „און דאָס איז פאָרגעקומען מיט מיר — ערקלערט טאָלסטאָי — אין אַ צייט, ווען פון אַלע זייטען האָב איך געהאַט דאָס, וואָס מען רעכענט פאַר דעם בעסטען גליק, אין אַ צייט, ווען איך בין נאָך קיין 50 יאָהר ניט אַלט געווען. איך האָב געהאַט אַ גוטע ליעבענדע און געליעבטע פרוי, גוטע קינדער און אַ גרויסע אימעניע, וועלכע האָט אָהן מיה פון מיין זייט זיך ענטוויקעלט און געוואַקסען. מיינע נאָהענטע און בעקאַנטע האָבען מיך געאַכטעט מעהר, ווי ווען עס איז פריהער, פרעמדע האָבען מיך געלויבט, און אָהן זעלבסט-נאַרעריי האָב איך געקאָנט רעכענען, אַז מיין נאָמען איז בעריהמט. דערביי בין איך ניט בלויז ניט געווען צומישט אָדער גייסטיג-קראַנק — פערקעהרט, איך בין געווען סיי קערפערליך, סיי גייסטיג געזונד און קרעפטיג, ווי זעלטען-ווער אין מיינע יאָהרען: קערפערליך האָב איך געקאָנט אַרבייטען אויפ'ן פעלד, ניט אָבשטעהענדיג פון די פויערן, גייסטיג בין איך געווען פעהיג אָבצוארבייטען נאָכאַנאַנד אַכט-צעהן שעה, נישט שפירענדיג זיך פערמאַטערט פון אַזאַ אָנשטרענגונג. און אין אַזאַ לאַגע בין איך געקומען דערצו, אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט ווייטער לעבען, און מורא האָבענדיג פאַר'ן טויט, האָב איך געמוזט אָנווענדען געגען זיך חיטרע מיטלען, אום זיך ניט נעהמען דאָס לעבען".

אַ מענש פון קרוב צו 60 יאָהר, אַ אייראָפּעאישע בעריהמטהייט, אַ גליקליכער פאָטער און מאַן, אַ רייכער פריץ, טראָגט זיך אַרום מיט די געדאַנקען וועגען זעלבסט-מאָרד און מוז אויסבעדאַלטען פון זיך דאָס שטריקעל, כדי זיך ניט הענגען און מוז זיך היטען פון געהן אויף געיעג, כדי זיך ניט צו דערשיסען — דאָס איז געוויס אַ טראַגעדיע, נאָר מיר קאָנען בלייבען רוהיג. גענוג אינערליכע ענערגיע, און אפשר נאָך איבעריגע, איז אין טאָלסטאָי'ען געווען, אום זיך דאָס לעבען צו נעהמען, און מיר ווייסען טאַקי, אַז סוף-כל-סוף האָט דער קריזיס זיך געענדיגט, די געדאַנקען וועגען נעהמען זיך דאָס לעבען זענען פערשוואונדען געוואָרען און אָנשטאָט זעלבסט-מאָרד, האָט דער קריזיס זיך געענדיגט מיט אַ נייע גייסטיגע אויפלעבונג.

טאָלסטאָי איז געוואָרען אַ רעפֿאָרמאַטאָר און בעשאַפֿען אַ נייע מאָראַלישע און רעליגיעזע לעהרע. נאָר ווי אַזוי איז דאָס געשעהען?

אין טאָלסטאָי'ס „טאָגעבוך" פֿון 5-טען מאַרטש 1855 געפֿינען מיר פֿאָלגענדע בעדייטונגסוואָרטיגע שורות: „אַ געשפּרעך וועגען גאָטהייט און רעליגיע האָט מיך אַרויפֿגעפֿיהרט אויף אַ גרויסען געדאַנק און איך שפּיר זיך פֿעהיג צו אָפּפֿערען מיין לעבען אויף צו פֿערווירקליכען דעם געדאַנק. דער דאָזיגער רעיון איז — גרינדען אַ נייע רעליגיע, וועלכע זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דעם פּראָגרעס פֿון דער מענשהייט, די רעליגיע פֿון קריסטוס'ן, נאָר וועלכע זאָל זיין ריין פֿון אמונה און געהיימנים, אַ רעליגיע אַ פּראַקטישע, וועלכע איז ניט מבטיח קיין גליק אויף יענער וועלט, נאָר אויף דער וועלט. דורכפֿיהרען דעם געדאַנק אין לעבען, פֿערשטעה איך, קאָנען נאָר גאַנצע דורות, וועלכע זאָלען אַרבייטען בעוואוסטזיניג פֿאַר דעם צוועק. איין דור וועט איבערגעבען דעם געדאַנק דעם צווייטען דור, און ווען עס איז וועט דער פֿאַנאַטיזם אָדער פֿערנונפֿט פֿערווירקליכען איהם אין לעבען. אַרבייטען בעוואוסטזיניג צו פֿעראייניגען די מענשען דורך איין רעליגיע, אָט דאָס איז דער יסוד פֿון דער אידעע, וועלכע, ווי איך האָף, וועט מיך בעגייסטערען".

די דאָזיגע שורות בעווייזען, אַז נאָך מיט פֿיעל יאָהרען פֿאַר דעם קריזיס, האָט טאָלסטאָי זיך אַרומגעטראָגען מיט אידעען וועגען אַ נייע רעליגיע, און אַז טאָלסטאָי איז בטבע געווען אַ רעליגיעזער מענש, אין דעם קאָן קיין צווייפֿעל ניט זיין, דאָס בעווייזט זיין גאַנץ לעבען. נאָר אין יענער צייט איז טאָלסטאָי געווען נאָך יונג, ער האָט אפשר נאָך ניט געשפּירט אין זיך גענוג מוט צו נעהמען זיך פֿערווירקליכען די אידעע, און איסער דעם האָט דער קינסטלער אין איהם גובר געווען זיין רעליגיעזע שטרעבונג און דער געדאַנק וועגען אַ פּראַקטישע רעליגיע איז אויף אַ צייט דערשטיקט געוואָרען. נאָר עס זענען פֿאַריבער יאָהרען, אין טאָלסטאָי'ען איז פֿאָרגעקומען אַ געוואַלדיגער פּסיכאָלאָגישער קריזיס און דאָ האָט זיך ערוואַכט אין איהם דער אַלטער געדאַנק וועגען אַ נייע רעליגיע. ווי אַזוי ער איז פּסיכאָלאָגיש געקומען דערצו, וועגען דעם דערצעהלט ער אונז ווידער זיין „ודוי":

„פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון דעם יאָהר, ווען איך האָב כמעט יעדע מינוט זיך געפֿרעגט: צי זאָל איך ניט ענדיגען מיט אַ שטריקעל,

אָדער מיט אַ קויל, — אין דער גאַנצער צײַט האָט מײַן האַרץ איבערגעלעבט אַ פּײַנענדיגען געפיהל. דאָס דאָזיגע געפיהל קאָן איך ניט אָנרופען אַנדערש, ווי דאָס זוכען אַ גאָט"... „דאָס איז געווען — פּערטײַטשט ווײַטער טאָלסטאָי — אַ געפיהל פון שרעק, פערייתומטקײַט, אײַנזאַמקײַט צווישען אַלעם פרעמדען און האָפנונג אויף עפּעס אַ הילף". אָט די ווערטער גיבען אונז אַ שליסעל צו דעם מערקווירדיגען טיף, מיט וועלכען עס האָט זיך געענדיגט טאָלסטאָי'ס קריזיס. טאָלסטאָי איז דערגאַנגען צו זײַן אמונה און אַ גאָט ניט דורך אַ בעוואוסטזיניגען געדאַנק, ניט דורך לאָגישע דענקען, נאָר דורך אַ מערקווירדיגען פּסיכאָלאָגישען אַנאַליז פון זײַן אייגענער נשמה: ער האָט געזעהען, אַז ניט קוקענדיג אויף זײַן געפיהל פון עלענד און אײַנזאַמקײַט, ניט קוקענדיג אויף זײַן געפיהל פון פּוסטקײַט אין לעבען און פון שרעק פאַר'ן טויט, האָט ער דאָך ניט געענדיגט מיט קײַן זעלבסטמאָרד, ווײַל „עפּעס" האָט איהם אָבגעהאַלטען דערפון, ווײַל עפּעס האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז דאָ עטוואָס אַזעלכעס, צוליעב וואָס מען קאָן און מען דאַרף לעבען. און טאָלסטאָי האָט אָנגעהויבען אַנאַליזירען זיך אַליין, זײַן אייגען געפיהל און ער האָט זיך אַליין געפרעגט: וואָס זשע איז דאָס אַזעלכעס, וואָס רופט אין מיר אַרויס די פרייד פון לעבען? וואָס איז דאָס, וואָס לאָזט מיך נישט נעהמען דאָס לעבען, חאָטש איך בין פאָלקאָם איבערצײַגט, אַז דאָס לעבען האָט קײַן זינן ניט? ניט אַנדערש, אַז אונבעוואוסטזיניג גלויב איך אין עפּעס אַ העכערען אמת, ניט אַנדערש, אַז אונבעוואוסטזיניג גלויב איך, אַז עס עקזיסטירט אַ גאָט אויף דער וועלט, און קוים גלויב איך, הייסט עס, אַז גאָט איז דאָ... דער דאָזיגער געדאַנק אַן און פאַר זיך איז אפשר ניט מעהר, ווי אַ סאָפיזם, נאָר אַלס פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונג, אַלס אַ פּסיכאָלאָגישער פאַקט איז ער גאַנץ פערשטענדליך, און טאָלסטאָי'ס אמונה, וועלכע איז ניט געווען קײַן פּראָדוקט פון קײַן בעוואוסטזיניגען געדאַנק, אָדער פון געטיידענעם אונבעוואוסטזיניגען גלויבען, נאָר איז אויסגעוואַקסען אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ פּסיכאָלאָגישען זעלבסט-אַנאַליז — די דאָזיגע אמונה האָט געמוזט בלײַבען אַ „מיסטע", און ניט געקאָנט בעצויבערען אַנדערע, ניט געקאָנט בעשאַפען אַ גרויסען קרײַז אָנהענגער, ווײַל טאָלסטאָי'ס גאָט איז געווען זײַן אייגענער פערזענליכער גאָט און דאָס, וואָס פאַר טאָלסטאָי'ען איז געווען אינטים, אייגען, האָט געמוזט בלײַבען

פֿרעמד פֿאַר אַנדערע, וועלכע האָבען ניט דורכגעמאַכט דעם פּסיכאָלאָגישען וועג, וועלכער האָט טאָלסטאָי'ען צוגעפֿיהרט צו זײַן אמונה.

טאָלסטאָי דערצעהלט, ווי ער האָט זיך געבראָכען דעם קאָפּ, ווי ער האָט מיט גרויס פֿלײַס געשטודירט די וויסענשאַפֿט און געזוכט בײַ די פֿילאָזאָפֿען אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, צי איז דאָ אַ גאָט, אָדער ניין. נאָר קיין ענטפֿער האָט ער ניט געפֿינען, ווײַל קיין אמונה קאָן מען דורך לאָגיק ניט ערווערבען, און „איך פֿלעג אַרײַנפֿאַלען אין אַ שרעק און אָנגעהויבען מתפּלל זײַן פֿאַר דעם, וועלכען איך האָב געזוכט, אַז ער זאָל מיר העלפֿען. און וואָס מעהר איך האָב געבעטען, אַלץ מעהר קלאָר איז מיר געוואָרען, אַז ער הערט מיך נישט, און אַז עס איז נישטאָ קיינער אַזעלכער, צו וועלכען מען זאָל זיך קאָנען ווענדען, און מיט פֿערצווייפֿלונג אין האַרץ וועגען דעם, וואָס קיין גאָט איז אַלץ נישטאָ, פֿלעג איך זאָגען: גאָט, דערבאַרעם זיך, ראַטעווע מיך! גאָט, ווײַז מיר אַ וועג, גאָט מײַנער!“ נאָר דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט ערקלערען דורך דעם געדאַנק, האָט ער ערקלערט דורך דעם אַנאַליז פֿון זײַן אייגענער נשמה:

„... איך האָב זיך אומגעקוקט אויף זיך אַליין, אויף דעם, וואָס קומט פֿאָר אין מיר און איך האָב זיך דערמאָהנט אָן די אַלע אָבשטאַרבענדע און אויפֿלעבענדע געפֿיהלען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען אין מיר הונדערטער מאָל. איך האָב זיך דערמאָהנט, אַז איך האָב נאָר דאַן געלעבט, ווען איך האָב אין גאָט געגלויבט. ווי אַמאָל, אַזוי איז אויך יעצט: עס איז גענוג, אַז איך זאָל וויסען פֿון גאָט, דאַן לעב איך, און ווי נאָר איך פֿערגעס אָן איהם, שטאַרב איך אָב. וואָס זשע אַזוינס זענען אָט די אָבשטאַרבונגען און אויפֿלעבונגען? איך קאָן דאָך ניט לעבען, ווען איך פֿערליר די אמונה אין גאָט, איך וואָלט דאָך לאַנג שוין זיך דאָס לעבען גענומען, ווען איך זאָל ניט טראָגען אין זיך די אונקלאָרע האָפֿנונג צו געפֿינען אַ גאָט. איך לעב דאָך, לעב מיט אַ אמת לעבען נאָר דאַן, ווען איך שפּיר און זוך איהם. וואָס זשע נאָך זוך איך? — האָט אין מיר אויסגעשריען אַ שטימע. אָט איז ער דאָך, ער איז דאָס, אָהן וואָס עס איז אונמעגליך צו לעבען. וויסען גאָט און לעבען, איז איין און די זעלבע זאַך. גאָט איז דאָס לעבען... לעב, זוכענדיג גאָט, און דאַן וועסט ניט עקזיסטירען קיין לעבען אָהן גאָט. און שטאַרקער, ווי שטענדיג,

איז אַליין אין מיר און אַרום מיר בעלויכטען געוואָרען, און די דאָזיגע ליכט האט שוין קיינמאָל מיך ניט פערלאָזען"...

אויף אַזאַ אופן האָט טאָלסטאָי געפינען גאָט און זיך אַליין, דורך זיך. ער האָט געזעהען, אַז ער לעבט און וויל לעבען, אַז ער זוכט אַ גאָט און איז פאַר איהם מתפלל, חאָטש ער אַנערקענט איהם ניט, און ער האָט זיך אַליין געזאָגט: הייסט עס, אַז איך גלויב אין גאָט אַפילו דאַן, ווען איך דענק ניט וועגען איהם, הייסט עס, אַז גאָט גיט מיר לעבען אַפילו דאַן, ווען איך צווייפעל אין איהם, און קוים גלויב איך, איז אַ סימן, אַז אַ גאָט איז דאָ אויף דער וועלט. עס בלייבט נאָר אָפּצוזוכען די אמת'ע רעליגיע, צו געפינען דעם ריכטיגען וועג, וועלכער פיהרט צו גאָט, און טאָלסטאָי הויבט-אָן פונאַנדערקלייבען די פערשידענע רעליגיעס און זוכט, וועלכע אמונה איז בעסער. ער ערלערנט אַלע מזרח-רעליגיעס, פערטיעפט זיך אין דער ביבעל, געהט זיך צונויף מיט פערשידענע סעקטאַנטען, הויבט אָן לערנען העברעאיש מיט דער הילף פון מאָסקווער ראַבינער מינאָר, און ענדליך ווענדעט ער זיך צו די, צו וועלכע עס האָט זיך גע- ווענדעט זיין העלד פיער בעזוחאָוו, ליאָווין און אַנדרעע: ער געהט זיך לערנען צום מוזשיק.

„אַ דאַנק, דערצעהלט ער, עפּעס אַ משונה'דיגע פיזישע ליבע צום אמת'ן אַרבייטער-פאָלק, וועלכע האָט מיך געצוואונגען איהם צו פערשטעהן און זעהען, אַז דאָס פאָלק איז גאָרניט אַזוי נאַריש, ווי מיר מיינען, — האָב איך געשפירט, אַז אויב איך וויל פער- שטעהן דעם זינן פון לעבען, דאַרף איך דעם דאָזיגען זינן פון לעבען זוכען ניט ביי די, וועלכע האָבען איהם פערלאָרען און ווילען זיך דאָס לעבען נעהמען, נאָר ביי יענע מיליאַרדען לעבעדיגע און אָפּ- געלעבטע מענשען, וועלכע אַרבייטען און טראָגען אויף זיך אַליין סיי זייער, סיי אונזער לעבען. און איך האָב זיך אומגעקוקט אויף די גרויסע מענגעס מענשען, וועלכע לעבען אַרום מיר"...

טאָלסטאָי האָט געזעהען, ווי מיליאָנען, מיליאַרדען פּראָסטע מענשען, צו וועלכע ער האָט שטענדיג געשפירט אַ „פיזישע" אַרויאַ- נישע נאָהענטקייט, לעבען מיט דער פּראָסטער אמונה אין גאָט, ער האָט געזעהען ווי אַלע הויחת פאַר איהם, ווי די גאַנצע מענשליכע היסטאָריע איז פול מיט גאָט-זוכעניש און ער האָט בעשלאָסען: אַלע מוטשען מיר זיך, אַלע זוכען מיר גאָט, אַלע זוכען מיר דעם

העכערען אמת, הייסט עס, אז גאט איז דא און מען דארף נאר געפינען די ריכטיגסטע פארם פון גלויבען, דעם אמת'ן וועג. אבער אנגעהמען די אמונה אין גאט אין דער פארם, אין וועלכער עס האלט דער מוזשיק, האט טאלסטאי ניט געקאנט, וויל געגען דעם איז געוועזען זיין בעוואוסטזיין, זיין סקעפטישער געדאנק, און אויך, וויל אין הארצען האט טאלסטאי געחלומט וועגען שאפען א וועלט-רעליגיע, א פראקטישע ראציאנאלע, „קלוגע" אמונה, וואס זאל קאנען פעראייניגען אלע מענשען און אלע דורות, און טאלסטאי נעהמט זיך שאפען זיין אייגענע מאראלישע שיטה, זיין אייגענע לעהרע, אבווארפענדיג די אלע פאעטישע זייטען פון יעדע רעליגיע, ווי אויך די אלע מנהגים און סימבאלען, וועלכע האבען אויסגעוועהען אין זיינע אויגען, ווי פאראורטיילען, וועלכע זענען געגען שכל. טאלסטאי הויבט-אן א נייע לעבען, ערקלערענדיג פאר דער גאנצער וועלט, אז ביזהער האט ער געלעבט אין פאלש און נארעריי און נאר יעצט האט ער געפונען דעם ריינעם אמת, און פאר דער ציוויליזירטער וועלט ענטדעקט זיך א מערקווירדיגע ערשיינונג: א געניאלער קינסטלער פערשעלט זיינע קונסט-ווערק, ערקלערט, אז זיין גאנץ שאפען איז קיין גראשען ניט ווערט געוועזען און ער הויבט זאגאר אן פעראכטען און פיינד האבען זיינע קינסטלערישע ווערק... די וועלט ערשטוינט. טאלסטאי רופט-ארויס ענטציקונג פון איין זייט און נאך מעהר פערוואונדערונג און בעהיערונג פון דער צווייטער זייט, נאר ער געהט זיך זיין וועג, ער מיט זיין קליינער סעקטע, הויבט אליין אן לעבען אנדערש און מיט אלץ מעהר עקשנות און ראדיקאליזם ענטוויקעלט ער זיין נייע לעהרע. קיין וועלט-רעליגיע איז זיין לעהרע ניט בעשערט געוועזען צו ווערען; מעהר ווי א סעקטע אנהענגער האט טאלסטאי'ס „פראקטישע רעליגיע" ניט געשאפען, נאר וואס האט האטש ער אליין פאר זיך געפונען אין זיין נייעם וועג? בערוהיגונג? טאלסטאי אליין און אנדערע האבען געמיינט, אז יעצט האט דער גרויסער קינסטלער זיך בערוהיגט, אבער אין דער שטיל האט נאך געלעבט אין טאלסטאי'ען דער קינסטלער, וועלכען ער האט ניט געקאנט אינגאנצען דערשטיקען, אין דער שטיל איז נאך געגאנגען א קאמפף און מיט דער נייער רעליגיע האט זיך נאך טאלסטאי'ס קריזיס ניט געענדיגט. די גרויסע מענשליכע דראמע האט זיך ווייטער געצויגען...

טאָלסטאָי אַלס פילאָזאָף און מאָראַליסט.

די אַמאָליגע און היינטיגע שקלאַפעריי. — די שעדליכקייט פון דער היינטיגער וויסענשאַפט און קונסט. — די רעליגיעזע אידעע אַלס הויפּט-גרונד פון לעבען. — די שטרעבונג צו פערזענליכען גליק און דער שרעק פון טויט. — דריי עלעמענטען אין מענשליכען „איך“. — ליעבע אַלס דער הויפּט-זינן פון דעם מענשליכען גליק. — די געשלעכטס-פראַגע. — ניט ווידערשטעהן דעם שלעכטס. — וועגען סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם. — די רעפאָרמען פון דער מענשהייט. — דער צוקונפטס-אידעאַל.

זיין לעבענס-פילאָזאָפיע האָט טאָלסטאָי אָנגעהויבען פון אַ שאַרפע נעגאַטיווע בעציהונג צו דער גאַנצער קולטורעלער מענשהייט. צו דעם אַלעם, מיט וועלכען די היינטיגע מענשהייט לעבט און שטאָלצירט. ער האָט אַ בליק געטהון אויף דער געשיכטע פון דער מענשהייט און זיך געשטעלט אַ פראַגע: האָבען מיר ווירקליך געמאַכט אַ שריט פאָראויס? קענען מיר ווירקליך שטאָלצירען מיט דעם פראָגרעס, וואָס מיר האָבען געמאַכט? לעבען מיר אַזוי, ווי „מען דאַרף“? אַלס מאָראַליסט הויפּטזעכליך, אַלס מענש, וואָס שטעלט העכער פון אַלץ דאָס געוויסען, האָט טאָלסטאָי אָנגעהויבען בעטראַכטען די מענשהייט פון מאָראַלישען שטאַנדפונקט און ער האָט אויף דער פראַגע געענטפערט: ניין! די גאַנצע קולטור, דער גאַנצער פראָגרעס, מיט וועלכען מיר שטאָלצירען, דער גאַנצער יסוד פון אונזער געזעלשאַפטליכען און פערזענליכען לעבען איז מעהר ניט, ווי אַ גרויסער שקר, ווי אַ שרעקליכע זעלבסט-נאַרעריי, ווייל עס פעהלט די הויפּט-פאָדערונג פון יעדען ריינעם געוויסען, די פאָדערונג, אַז מענשען זאָלען גלייכע זיין, אַז יעדער זאָל קענען גלייך לעבען און געניסען פון זיין אַרבייט.

אין בולטע שטריכען, מיט שטאַרקע פאַרבען שילדערט טאָל-

סטאָי די לעבענס-בעדינגונגען פון דער גרעסטער מעהרהייט, די פויערן און אַרבייטער, די שרעקליכע עקספּלאָטאַציע פון דער פּריווילעגירטער מינדערהייט, די זעלבסט-מאָרדען און יסורים פון די גרויסע מענגעס מענשען, די דחקות און אָרימקייט פון די מאַסען, און ער ווענדעט זיך צום לעזער: „געהט-דורך צווישען אַ גרויסע מענגע מענשען, איבערהויפּט שטאָדטישע, קוקט זיך איין אין די האָזיגע אויסגעמאַטערטע פאַרזאָרגטע פּנימער, און דערנאָך דערמאָהנט זיך אָן אייער לעבען און אָן דעם לעבען פון אייערע בעקאַנטע: דערמאָהנט זיך אָן די אַלע געצוואונגענע טויטען, אַלע זעלבסט-מאָרדען, וועגען וועלכע אייך איז אויסגעקומען צו הערען, און פרעגט זיך: אין נאָמען פון וועלכען זענען די אַלע יסורים, פערצווייפלונג און פּיין, וועלכע ברענגען צו זעלבסט-מאָרדען?“

דער ענטפער פון טאָלסטאָי'ען איז: מיר לעבען אין שקר, מיר נאַרען זיך און יענעם, דאָס קולטורעלע לעבען האָט אונז פערגיפטעט. דאָס, וואָס איז ווירקליך וויכטיג פאַר דעם מענשליכען לעבען, די ליעבע צו דער נאַטור, דאָס נאַטירליכע פריידענס-געפיהל, דאָס ווערט אין אונז דערשטיקט אַ דאַנק אונזער פאַלשען לעבען, אַ דאַנק אונזער שטרעבען צו פוסטע זאַכען, צו קאַריערע, רייכטום, כבוד, קינסטליכע פערוויילונגען, און אָנשטאָט דעם, ערציהט מען אונז פון קינדווייז-אָן אַזוי, אַז מיר זאָלען לעבען אין שקר, אַז מיר זאָלען פערבלענדעט ווערען דורך אַ נעץ פון פוסטע מנהגים און געוועהנהייטען, אויסגעטראַכטע געזעצען און פאַלשע געפיהלען, און נאָך ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס מיר לעבען אין אַ זעלבסט-נאַרעריי, וואָס מיר רעדען זיך אַליין איין, אַז די אַלע שקרים און פאַלשקייטען און די אַלע מענשליכע יסורים און פּיין, זענען אַ נויטווענדיגקייט. מיר נאַרען זיך אָב דאָס גאַנצע לעבען, מיר לעבען אין אַן אויפהערליכען שקר, ווייל עס קאָן ניט זיין קיין אמת לעבען, געגרינדעט אויף יענעמס גליק, אויף אַ פרעמדען חשבון.

טריט-ביי-טריט שטודירט טאָלסטאָי די יסודות פון אונזער גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען און קומט צו אַ טרויעריגען סך-הכל.

טאָלסטאָי דערמאָהנט אָן דעם לאַנגען אַרבייטס-טאָג פון מיליאָנען מענשען, די מיליאָנען מענשען, וועלכע שטאַרבען פריהצייטיג, נישט מיט זייער נאַטירליכען טויט, אָדער ווערען אומגליקליכע קאַליקעס, אַ דאַנק דער מאַשינען-אַרבייט, און ער קומט

צום בעשלוס, אז די קנעכטשאפט עקזיסטירט נאך עד היום און איז אין פיעל הינזיכטען נאך ערגער פון דער קנעכטשאפט אין די אור־אלטע צייטען. די געזעלשאפט בעציהט זיך דערצו גלייכגילטיג און טרייסט זיך דערמיט, אז דאס איז א געזעץ, אז אזוי איז דער נאטירליכער גאנג פון דער געשיכטע. אבער טאלסטאי קאן דערמיט זיך ניט בערוהיגען. לויט זיין מיינונג שטאמט די שרעקליכע אָרימקייט ניט דערפון, וואס דער ארבייטס־טאג איז צו־לאנג, אדער קורץ, ניט פון דעם קליינעם ארבייטס־לוין, ניט דערפון, וואס די פאבריקען אדער אייזענבאהנען געהערען ניט די ארבייטער אליין: די לאגע פון מיליאנען מענשען איז אזא שווערע, ווייל זיי זענען געצוואונגען צו ארבייטען אין די בעדינגונגען פון שרעקליכען שטאדט־לעבען, וואס איז עהנליך אויף א קאזארמע, וואס איז ניט נאטירליך, שעדליך און פאלש.

דער יסוד פון דער קנעכטשאפט אין אונזער צייט, לויט טאלסטאי'ס מיינונג, זענען די געזעצען וועגען ערד, צינזען און אייגענטום. דאס רעכט פון פריוואט־אייגענטום אויף ערד, איז פשוט א גזילה, ווייל דאס ערד־אייגענטום שטאמט דערפון, וואס די שטארקערע האבען מיט געוועהר אין די הענד פערכאפט די ערד ביי דער מעהרהייט און געמאכט דאס פאר זייער אייגענטום. די צינזען, וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף דעם פאלק, ווערען פערטהון ניט לטובת די מאסען, ווייל 9/10 פון די צינזען אין רוסלאנד ווערען אויסגעבראכט אויף אזעלכע זאכען, וועלכע דאס פאלק דארף גארניט, אדער וועלכע ברענגען איהם נאך שאדען, ווי למשל: די הוצאות אויף דער ארמעע, סטראטעגישע וועגען, פעסטונגען, טורמעס, פענסיעס פאר די טשינאווניקעס, וועלכע זענען פאר'ן פאלק בלויז אונטערדריקער און איבעריגע מענשען. דאס רעכט פון פריוואט־אייגענטום איז ווידער א גזילה, ווייל א דאנק דעם רעכט, קאן יעדער מענש דורך פאלשקייט און געוואלדטהאט פערשקלאפען טויזענדער מענשען, עקספלאאטירען זייער פראצע און געוועלטיגען איבער זייער לעבען.

עס איז דעריבער פאלש, ווען מען מיינט, אז די קנעכטשאפט איז שוין לאנג בטל געווארען, די קנעכטשאפט אין אלע איהרע פארמען עקזיסטירט נאך היינט, ווי אמאל. אמאל פלעגען אויף די שוואכע, אומבעוואפענטע פעלקער פלוצלונג אנפאלען די פירשטען מיט זייערע דרושינעס און מיט געוועהר אין די הענד, געצוואונגען

די אונבעוואפֿענטע צו אַרבייטען פֿאַר זיי; היינט זייען קיין בע־וואפֿענטע פֿירשטען מיט דרוזשינעס ניטאָ, אָבער מען דאַרף ניט פֿערגעסען, אַז מיליאָנען סאָלדאַטען געפֿינען זיך אין דער זעלבער לאַגע, וואָס אַמאָל די פֿערזענליכע קנעכט, מיט דעם איינציגען אונטערשייד, וואָס די קנעכטשאַפֿט פֿון די דאָזיגע מענשען ווערט שוין גערופֿען מיט אַן אַנדער נאָמען: דיסציפּלין. די צווייטע פֿאָרם פֿון דער אַמאָליגער קנעכטשאַפֿט האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס די שטאַרקע פֿלעגען אָבגעבען די קנעכט שטיקלעך ערד און דערפֿאַר האָבען די לעצטע געמוזט צושטעלען זייערע הערשער אַ געוויסע סומע געלד אָדער אַרבייט. אָבער עס איז דאָך קיין גרויסער אונטערשייד ניט, צי די מענשען פֿערשקלאַפֿען איינע די צווייטע און מיט געוועהר אין די הענד פֿאַהרען אַרום די הערשער איבער די דערפֿער און נעהמען־אָב ביי די אָרימע איינוואָהנער די גרויסע צינזען, אָדער ווען דאָס מיניסטעריום פֿון אינערן זאַמעלט צונויף דורך די גובערנאַטאָרען און פּאָליציאַנטען צינזען פֿון דער ערד ביי דער פּויערשער בעפֿעלקערונג, און שיקט שטראָף־עקספּעדיציעס אויב מען וויל ניט צאָהלען.

אין אַ געוויסער הינזיכט איז די אוראַלטע קנעכטשאַפֿט געווען לייכטער, איידער די שקלאַפֿערייַ פֿון דער היינטיגער צייט, ווייל דער איינגענטימער פֿון שקלאַף, וועלכער געהערט אינגאַנצען זיין הער־שער, האָט געקאָנט זיין אַכזריות׳דיג און טהון מיט זיין שקלאַף אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, אָבער צוליעב זיין אייגענעם נוצען, האָט דער אַמאָליגער הערשער אַליין געמוזט ניט צווינגען זיינע שקלאַפֿען אַרבייטען איבער די כוחות, ניט מוטשען זיי דורך הונגער, ניט פֿערמאַטערען זיי ביז צום טויט. אין דער היינטיגער צייט קאָן מען שוין ניט בעל־הבית׳עווען מיט דעם לעבען פֿון אַרבייטער, ווי עס ווילט זיך, אָבער דערפֿאַר איז דער אַרבייטער, וועלכער האָט ניט קיין אייגענע ערד, געצוואונגען צו אַרבייטען איבער די כחת, הונגערן, מאַטערן זיך, קעמפּפֿען געגען מענשען מיט פֿאַלשקייטען, און האָט אַפילו קיין צייט ניט, אָבצוגעבען אַ געוויסע צייט אין טאָג פֿאַר דעם מאָראַלישען לעבען, און דאָס אַלץ קומט־פֿאָר אין אַ צייט, ווען מיר ריהמען זיך מיט אונזער פּראָגרעס און פֿערפֿאָלקאָמענ־הייט: די אַלטע שקלאַפֿערייַ איז יעצט פֿערגעזעצליכט געוואָרען און מענשען האָבען זיך אַ טעאָריע בעשאַפֿען, וועלכע בערעכטיגט די אַלע

געהאַלדטהאַטען און ליידען, וואָס קומען פאַר אין אונזער לעבען. די דאָזיגע טעאָריע איז זעהר בעקוועם פאַר דער פּריוויליגירטער מענשהייט, ווייל אַזוי־אַרום קאָן דער קולטורעלער מענש אַראָפּוואַשען פון זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער אָרימקייט און ליידען פון די גרויסע מאַסען, אָפּנאַרענדיג זיך אַליין, אַז אַזוי מוז זיין, אַז אַזוי איז דער נאַטירליכער פּראָצעס פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, פאַר וועלכער קיינער פון אונז איז ניט פעראַנטוואָרטליך.

אויף אַזאַ אופן איז די שקלאַפעריי און אכזריות, לויט טאָלסטאָי'ס מיינונג, די לעצטע צייט נאָך פערשטאַרקט געוואָרען. אמת, מיר האָבען געמאַכט גרויס פאָרשריט אין דער טעכניק, אמת, מיר האָבען פיעל נצחונות אָבגעהאַלטען אין קאַמפף מיט דער נאַטור, אָבער עס איז לייכט צו בויען אייזענבאַהנען, מוזעאומס, טעלעגראַפען, שיפען, פערגעסענדיג, וויפיעל מיליאָנען מענשליכע לעבענס עס זענען דערביי אומגעקומען; עס איז לייכט צו ענטציקען זיך מיט אונזערע פּאַלאַצען, טעלעפאָנען, טעאַטרען, פּאַנצער־שיפען א. ז. וו., אָבער מיר פערגעסען, מיט וואָס מיר צאָהלען דערפאַר, מיר פערגעסען, אַז עס קאָן ניט זיין קיין לעבען, וואָס איז געגרינדעט אויף יענעמס גליק, אויף דער שקלאַפעריי פון מיליאָנען מענשען.

די מאַטעריעלע פאָרשריטען פון דער מענשהייט זענען געגרינדעט אויף שקלאַפעריי און הונגער פון די מאַסען, און אין דער הינזיכט זענען מיר געגאַנגען ניט פאָראויס, נאָר אויך געמאַכט עטליכע שריט צוריק. אָבער אפשר האָט די מענשהייט פּראָגרעסירט אין דער וויסענשאַפט? אין דער קונסט? אפשר האָבען די אַלע מענשליכע קרבנות געלוינט צוליעב דעם פּראָגרעס פון גייסטיגען מענשליכען לעבען? טאָלסטאָי בעווייזט, אַז אויך דאָ איז די מענשהייט געגאַנגען אין אַ פאַלשען וועג, אַז אויך דאָ האָבען מיר נאָר בעשאַפען איבעריגע, אוננוצליכע זאַכען, וועלכע זענען נויטיג נאָר פאַר דער פּריוויליגירטער מינדערהייט פון די רייכע און שטאַרקע, און שעדליך פאַר די מאַסען, פאַרן פאָלק.

מיט דעם גרעסטען צאָרן און כעס פון אַ פאַנאַטיקער פאַלט טאָלסטאָי אָן אויף דער וויסענשאַפט און אויף דער קונסט. די אמתע וויסענשאַפט, לויט טאָלסטאָי'ס מיינונג, דאַרף זיך פערנעהמען מיט דער איינציגער וויכטיגער פראַגע, וועלכע איז נויטיג פאַר אַלע מענשען גלייך: ווי אַזוי צו לעבען? ווי אַמבעסטען אויסנוצען דאָס בי-

מאָל יאָהרען, וואָס אַ מענש האָט צו לעבען? פאַר מענשען, וועלכע פערנעהמען זיך מיט אמת'ע וויסענשאַפטען, וועלען שטענדיג זיך געפינען לעבענס-פראַגען, וועלכע זענען באמת וויכטיג און נויטיג. אַזעלכע מענשען וועלען זיך שטענדיג אָבגעבען מיט די פראַגען: ווי אַזוי בעציהט מען זיך צו די אָרימיגע מענשען, צווישען וועלכע דו לעבסט, ווי אַזוי דאַרף מען ערציהען די קינדער, ווי אַזוי הייראַטען, לערנען זיך, גאָט בעטען. די אַמאָליגע וויסענשאַפט איז ווירקליך געווען אַזעלכע, זי איז געווען ענג צוזאַמענגעבונדען מיט דער מאָראַל, מיט דער רעליגיע, און נאָר אַזאַ וויסענשאַפט האָט אַ זינן. אָבער אָנשטאָט דער אמת'ער, האָט אָנגעהויבען אויפבליהען אַ פאַלשע וויסענשאַפט. ערשטענס, זענען די אַלע היינטיגע וויסענשאַפטען געגרינדעט אויף דעם פאַלשען יסוד, אַז די וועלט איז ווירקליך אַזעלכע, ווי זי לעבט אין אונזער פאָרשטעלונג, וועהרענד באמת זענען מיר בעגרענצט מיט אונזערע מענשליכע חושים, און פאַר יעדע אַנדערע בעשעפעניש, וואָס פערמאָגט אַנדערע אויסערליכע חושים, איידער דער מענש, זעהט-אויס די וועלט גאָר אַנדערש, איידער ווי פאַר אונז. נאָר אפילו ווען מיר זאָלען שוין אָננעהמען, אַז די וועלט איז ווירקליך אַזעלכע, ווי מיר זעהען זי, וועלען מיר דאָך קיינמאָל זי ניט בעגרייפען, ווייל די ערשיינונגען פון דער וועלט קומען פאָר פאַר דעם מענשען אין אַן אונענדליכע צייט און רוים, וועהרענד דער מענש קאָן דענקען נאָר אין אַ בעגרענצטער צייט און רוים, אַזוי, אַז ער וועט קיינמאָל ניט בעגרייפען די אמת'ע ווירקליכע וועלט, וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף ניט. צווייטענס, זענען די היינטיגע וויסענשאַפטען ניט קיין ווירקליכע, אמת'ע, ווייל זיי בעמיהען זיך ניט צו דינען דעם גליק פון די מענשען, נאָר פערקעהרט. נעהמען מיר, צום ביישפיעל, אַזעלכע וויסענשאַפטען, ווי היסטאָריע, סאָציאָלאָגיע, פאָליטישע עקאָנאָמיע, אַזוי זעהען מיר, אַז זיי דינען נאָר די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען, פון די, וואָס האָבען פערכאַפט די מאַכט און האַלטען אין שקלאַפעריי די איבעריגע מענשהייט. אָנשטאָט, למשל, וואָס מען וואָלט געדאַרפט לערנען די מענשהייט, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, און אָנשטאָט צו לערנען, אַז פריוואַט-אייגענטום איז פשוט'ע גזילה, אַז מיליאָנען מענשען טאָרען ניט לעבען אין הונגער און שקלאַפעריי, קומט די פאָליטישע עקאָנאָמיע און בערעכטיגט די יעצטיגע אָרדנונג,

געפינט עקאָנאָמישע געזעצען, וואָס מאַכען רעכט די יעצטיגע שקלאַפערײַ און בעהויפּטען, אַז די שרעקליכע בעדינגונגען קאָנען געענדערט ווערען נאָר דורך אַ לאַנגזאַמע עוואָלוציע. וואָס־זשע האָבען די מאַסען געוואונען פון דער וויסענשאַפט?

מען זאָגט, אַז די יעצטיגע אונגעהויער־ענטוויקעלטע טעכניק און די אַרבײַטס־צוטיילונג זענען ענטשטאַנען נאָר אַדאַנק דער וויסענשאַפט. לאָמיר אָננעהמען, אַז עס איז אַזוי, אָבער דאָס האָט דאָך ניט פערבעסערט, נאָר פערערגערט די לאַגע פון דאָס רוב מענשען. אָנשטאָט געהן צו־פוס, קאָן דער אַרבײַטער פאָהרען מיט דער באַהן; אָבער דערפאַר זענען דאָך צוליעב דער באַהן פערברענט זײַנע וועלדער און תבואות; אַדאַנק די מאַשינען, קאָן יעצט דער אַרבײַטער קויפען ביליג ציטץ, אָבער דערפאַר איז ער דאָך געוואָרען אַ שקלאַף פון קאַפּיטאַליסט און פאַבריקאַנט. אַדאַנק דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, עקזיסטירען יעצט טעלעפאָנען, טעלעסקאָפען, א. ז. וו., אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס דעם אַרבײַטער, ווען דאָס אַלץ איז ניט פאַר זײַנעטוועגען?

דאָס אַלץ וואָלט געווען גאָר אַנדערש, ווען די וויסענשאַפט זאָל וועלען באמת דינען די אינטערעסען פון פאָלק, און ניט פון דער פּריווילעגירטער מינדערהייט. געלעהרטע און קינסטלער וואָלטען געקאָנט זײַן נוצליך דעם פאָלק, ווען זיי זאָלען איהם דינען, ווי זיי דינען דער רעגירונג און די קאַפּיטאַליסטען. אָבער באמת איז דאָס ניט אַזוי. פאַר'ן פאָלק זענען ניט וויכטיג די אויספאָרשונגען וועגען דער גרויס פון די שטערן, וועגען ראַדיום, וועגען דער ענטשטעהונג פון די אָרגאַניזמען אָדער וועגען די קראַנקהייטען, וואָס קומען צוליעב צופיעל תענוגים; פאַר איהם זענען וויכטיג די פראַגען, מיט וועלכער האַק איז בעסער האָלץ צו האַקען, ווי אַזוי הייצט מען דעם אויווען, וועלכע זעג איז די בעסטע. אָנשטאָט דעם, פערנעהמט זיך די הײַנטיגע וויסענשאַפט מיט אַזעלכע פראַגען, וועלכע זענען בלויז אַ מין גײַסטיגער ספּאָרט, אַ תענוג פאַר די רײַכע, און די גאַנצע שענדעניץ איהרע איז אַ פאַלשע: די הײַנטיגע וויסענשאַפט זוכט ניט דעם אמת, נאָר פערקעהרט — דעם שקר, בערעכטיגט די עקזיסטירענדע אָרדנונג, כדי אײַנצושטילען דאָס געוויסען פון די רײַכע און זיי ערלויבען ווייטער צו לעבען אױפ'ן חשבון פון פרעמדע. אין דער זעלבער צײַט עקזיסטירט אַ גאַנצער קלאַס געלעהרטע, וועלכע

ווערען אויסגעהאלטען פון דער געזעלשאפט, ד. ה. איפן חשבון פון פאלק, בעקומען גרויסע פענסיעס, פערברענגען זייערע יאהרען אין די קאבינעטען, שעמען זיך צו פערנעהמען מיט פראקטישע ארבייט, ווי פאשען, זייהען, שניידען, גלייך, ווי דאס וואלט געווען נישט-מענשליכע זאך, און אנשטאט ווירקליכער נאטירליכער און נוצליכער ארבייט, פערנעהמען זיי זיך מיט זאכען, וועלכע דאס פאלק דארף נישט. — די היינטיגע וויסענשאפט איז געווארען א מין דיפלאם און לעדיג-געהן.

ניט בעסער האלט עס, לויט טאלסטאי'ס מיינונג, אויך מיט דער קונסט. אין זיין בעקאנטען פילאזאפישען ווערק „וואס איז קונסט?“ ענטוויקעלט טאלסטאי א גאנצע טעאריע וועגען דער ענטשטעהונג און בעדייטונג פון קונסט.

וואס איז אזוינס קונסט? מען זאגט, אז די קונסט איז דער שפיגעל פון לעבען, אז קונסט איז דער אמת. נאר מיט דער טעאריע איז טאלסטאי ניט מסכים. דער אמת איז ניט דאס, וואס עס איז, נאר וואס עס דארף זיין, און ווען דער קינסטלער שילדערט, למשל, ווי א מענש לעבט אין זיינע ליידענשאפטען, מאטערט זיך, גייסט און דערגרייכט ענדליך זיין אידעאל, ווערט רייך און גליקליך — איז אזא שילדערונג פאלש, הגם אין לעבען קאן אזעלכעס פארקומען, ווייל דא איז ניט יענער אמת, וועלכער דינט פאר אלע מענשען גלייך. דער אייביגער געטליכער אמת. פון דעם שטאנדפונקט, זענען לעגענדען, בבא-מעשות, וואו עס קומען-פאר נסים, וואו חיות רעדען מיט א מענשליכער שפראך, וואו עס דערצעהלט זיך וועגען דעם, וואס איז קיינמאל ניט פארגעקומען און וועט קיינמאל ניט געשעהען, פיעל מעהר קונסט, איידער די שילדערונגען פון „מענשליכען“ לעבענס-אמת, פון דעם, וואס עס איז. טאלסטאי לייקענט אויך אין דער טעאריע, וועלכע שטעלט-אוועק די קונסט אין צוזאמענהאנג מיט שענהייט און עסטעטישען פערגעניגען, ווייל דאן איז אונמעגליך צו בעשטימען, וואס אזוינס איז קונסט: דאס, וואס געפעלט איינעם, געפעלט ניט דעם צווייטען, דאס, וואס האט אין א געוויסער עפאכע פערשאפען עסטעטישען פערגעניגען, ווערט אין א שפעטערדיגען דור אונפערשטענדליך און פעראלטעט.

קונסט, לויט טאלסטאי'ס בעשטימונג, איז ניט דאס, וואס פערשאפט עסטעטישען פערגעניגען, נאר וואס איז נויטיג פאר דער

גאַנצער מענשהייט, די אמת'ע קונסט איז רעליגיעזע און פאָלקסטימליך.

דער צוועק פון יעדער אמת'ער קונסט בעשטעהט דערין, אז איין מענש זאָל קאָנען איבערגעבען זיינע געפיהלען דעם צווייטען. דורך ווערטער גיט איין מענש איבער דעם צווייטען זיינע געדאַנקען און די קונסט גיט איבער פון איינעם צום צווייטען די געפיהלען. אַדאַנק דער קונסט קאָן אַ מענש זיך איבערטראָגען אין אַ פרעמדע וועלט, איבערלעבען דאָס, וואָס ער אַליין האָט ניט איבערגעלעבט. אויף אַזאַ אופן איז די קונסט נאָר אַ מיטעל פון מענשען-אחדות, פון פעראייניגען אַלע מענשען דורך געמיינזאַמע געפיהלען. און דעריבער דאַרפען די געפיהלען זיין נאָר פאָזיטיווע, ניצליכע פאַר דער מענשהייט, ד. ה. רעליגיעזע. די אמת'ע קונסט איז דעריבער דורכאויס רעליגיעז און פאָלקסטימליך: פערשטענדליך און נויטיג פאַר אַלע, פאַר'ן גאַנצען פאָלק. דער בעגריף וועגען שענהייט, עסטעטיק, איז בנוגע צו אמת'ע קונסט פאַלש, ווייל שיין הייסט דאָך דאָס, וואָס געפעלט אונז, וואָס פערשטאַרקט נאָר אונזערע ליידענשאַפטען, וועהרענד גוטס איז דער נצחון איבער די מענשליכע ליידענשאַפטען. שענהייט און גוטס זענען צוויי געגענזאַצען, און קוים זאָגען מיר, אַז די אמת'ע קונסט איז רעליגיעז, ד. ה. שטרעבט צו ענטוויקלען געגענזייטיגע ליעבע צווישען מענשען, מוזען מיר אָננעהמען, אַז דער בעגריף וועגען שיין איז דער אייגענטליכער קונסט פרעמד. אַזוי איז טאַקע געווען אין יענער צייט, ווען די קונסט האָט עקזיסטירט פאַר דעם גאַנצען פאָלק, ד. ה. ווען זי איז געווען אמת פאָלקסטימליך און דעריבער אויך רעליגיעז.

אין יענער צייט, ווען די קונסט איז נאָך ניט געווען קיין פראָפעסיע, ווען קלאַסען האָבען זיך נאָך ניט אָבגעטיילט פון פאָלק, דאַמאָלס איז די קונסט געשאַפען געוואָרען סטיכיש: איינער פון פאָלק, אַ מענש מיט אַ טעמפעראַמענט און בעגאַבונג האָט איבערגעלעבט עפּעס אַ שטאַרקען געפיהל און ער האָט דערשפירט אַ בעדערפניש, איבערצוגעבען זיינע געפיהלען אַנדערע מענשען. אַזאַ קונסט איז געווען פערשטענדליך אַלעמען און איז געווען נויטווענדיג, זי האָט אויסגעדריקט דעם העכסטען רעליגיעזען בעוואוסטזיין פון יענער צייט, ווייל, זאָגט טאָלסטאָי, שטענדיג, אין יעדער עפּאָכע און אין יעדער געזעלשאַפט עקזיסטירט איין אַלגעמיין פאַר

אַלע מענשען רעליגיעז בעוואוסטזיין וועגען דעם, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, און אָט פון שטאַנדפּונקט פון דעם העכסטען רעליגיעזען בעוואוסטזיין ווערט אָבגעשאַצט דער ווערט פון יעדער קינסטלערישער שאַפונג. נאָר די קונסט ווערט אָנערקענט פון פאָלק, וועלכע גיט איבער די געפיהלען, וואָס זענען צוגעפּאַסט צום העכסטען בעוואוסטזיין פון פאָלק אין יענער צייט. די קונסט פון דער מיטעל־אַלטער איז דעריבער געווען אַ אמת'ע קונסט, ווייל זי איז געווען צוגעפּאַסט צום רעליגיעזען בעוואוסטזיין פון דעם פאָלק, צווישען וועלכען זי איז ענטשטאַנען. און די קינסטלער פון מיטעלאַלטער, לעבענדיג מיט די זעלבע געפיהלען און מיט דער זעלבער רעליגיע, וואָס דאָס פאָלק, האָבען איבערגעגעבען אין זייערע קונסט־ווערק יענע געפיהלען און שטימונגען, וועלכע זענען אפשר נידעריג פאַר אונזער צייט, אָבער זענען געווען צוגעפּאַסט צום אידעאַל פון פאָלק אין יענער עפּאָכע, צו זיין העכסטען בעוואוסטזיין.

טאָלסטאָי טיילט איין די קונסט אין צוויי קאַטעגאָריעס: נאַטירליכע און פאַלשע, געקינסטעלטע. די אמת'ע קונסט־ווערק זענען פערשטענדליך פאַר אַלע, די פאַלשע קונסט פערנעהמט זיך מיט אויסנאַהמס־געפיהלען, ווי צום ביישפּיעל: בענקשאַפט, פעסימיזם, קלאַסען־עהרע, און דעריבער קאָן זי זיין פערשטענדליך נאָר פאַר געצעהלטע. די נאַטירליכע קונסט איז אַ רעזולטאַט פון דורות, אַ רעזולטאַט פון פיעל לעבענס, וואָס זענען געווען פאַר איהר, און ערשיינט דעריבער זעלטען, די געפעלשטע, קונסט ווערט געמאַכט דורך בעלי מלאכות, וועלכע אַרבייטען פאַר'ן מאַרק; די אמת'ע קונסט נויטיגט זיך ניט אין קיין בעפּוצונגען, פּונקט ווי אַ פרוי פון אַ ליעבענדען מאַן, די געפעלשטע איז געגליכען צו אַ פּראָסטיטוטין, וועלכע מוז זיך פּוצען, אום אַרויסצורופען די תאוה. טאָלסטאָי שטעלט זיך ניט אָב אָנצורופען די היינטיגע קונסט מיט'ן נאָמען „פּראָסטיטוטקע“, וועלכע פערקויפט זיך און איז אויך היינט ביי די רייכע קלאַסען.

מיט וואָס לעבט די היינטיגע קונסט? „99 פּראָצ. פון אייערע אייראָפּעיאישע מענשען, זאָגט טאָלסטאָי, לעבען און שטאַרבען אָב אַ דור נאָך אַ דור אין שווערע אַרבייט, וועלכע איז נויטיג פאַר אייער קונסט, אַליין ניט בענוצענדיג זיך מיט איהר“. און דאָס איז דערפאַר, וואָס די היינטיגע קונסט איז שוין מעהר ניט קיין פאָלקס־

קונסט, ווייל זי איז שוין ניט מעהר, ווי אַ דיענערין פֿאַר די הערשענדע קלאַסען. אַנשטאַט דעם פֿריהערדיגען יסוד פֿון דער קונסט: גוטס און רעליגיעזער בעוואוסטזיין, האָבען די הערשענדע קלאַסען אַרויסגעשטעלט דעם עסטעטישען פֿערגעניגען און שענהייט. אָבער די נאַטור האָט געשטעלט אַ גרעניץ פֿאַר די מענשליכע פֿערגעניגען, וועלכע מוזען זיך אַמאָל אויסשעפּען. און אָט דעריבער האָט די קונסט געמוזט אָנהויבען זוכען אַלץ נייע פֿאָרמען, זי איז געוואָרען קאָמפּליצירטער, אָבער הערפֿאַר אויך אונקלאָרער און אונפֿערשטענדליכער פֿאַר'ן פֿאָלק. די פֿאָרמען זענען רייכער געוואָרען, אָבער די געפֿיהלען אָרימער און מענשען פֿון אונזער צייט זענען בעקאַנט נאָר דריי געפֿיהלען: שטאָלץ, געשלעכטס-תאוה און בענקשאַפֿט. אָט די געפֿיהלען זענען כמעט אויסשליסליך דער אינהאַלט פֿון דער היינטיגער קונסט, און דעריבער איז זי דעם פֿאָלק אינגאַנצען פֿרעמד. עס איז נאַריש צו זאָגען, אַז דאָס פֿאָלק פֿערשטעהט ניט די היינטיגע קונסט, ווייל עס איז נאָך ניט דערוואַקסען דאַצו. ווייסען מיר דאָך, אַז די מאַסען לעבען פֿיעלפֿאַכיגער און רייכער, אידער די פּריווילעגירטע קלאַסען: אַרבייטער-מענשען לעבען איבער סכנות אויפֿ'ן ים און הינטער דער ערד; די אַרבייט אין די פֿעלדער, וועלדער, סטעפּעס, רופֿען אין זיי אַרויס פֿערשיעדענע געפֿיהלען; זייערע בעציהונגען מיט די בעלי-בתים און נאַטשאַלניקעס, מיט די מענשען פֿון פֿערשיעדענע נאַציאָנען געבען זיי רייכע איינדריקען, אַזוי אַז די געפֿיהלען פֿון אַרבייטענדע מענשען צייכענען זיך אויס מיט אַ גרעסערע רייכטום. אויב דאָס פֿאָלק פֿערשטעהט ניט די קונסט איז דאָס נאָר דערפֿאַר, וואָס די קונסט איז געוואָרען בעגרענצט, און אויסדריקענדיג נאָר די געפֿיהלען פֿון די רייכע קלאַסען, וועט זי קיינמאָל ניט ווערען קיין פֿאָלקס-קונסט. דאָס אַלץ, וואָס רופֿט אַרויס ביי די פּריווילעגירטע אַ עסטעטישען פֿערגעניגען: די סצענעס פֿון פּאַטריאָטיזם, קלאַסען-שטאָלץ, איינליעבעניש, רופֿען אַרויס ביים פּראָסטען מענשען אַ פֿערקעהרטען געפֿיהל, אַ געפֿיהל פֿון פֿערוואונדערונג, פֿעראַכטונג אָדער צאָרן. אויב די היינטיגע קונסט געפֿעלט יאָ איינציגע מענשען פֿון פֿאָלק, איז דאָס נאָר דערפֿאַר, וואָס מען הענגט זי אָן מיט געוואַלד, וואָס מען צווינגט דאָס פֿאָלק צו פֿערדאַרבען זיין נאַטירליכען געפֿיהל, און זיין געשמאַק ווערט ניט-ווילענדיג פֿערדאָרבען.

צווישען פֿאָלק און די הערשענדע קלאַסען איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסע מחיצה, אַ תהום טיילט זיי אָב סיי אין לעבען, סיי אין פֿיהלען, סיי אין דענקען. און די רעזולטאַטען פֿון דער געפֿעלשטער קונסט, וועלכע דינט נאָר די הערשענדע קלאַסען, זיינען שרעקליכע: 1) פֿון די קינדער־יאָהרען אָן געבען אָב טויזענדער, מיליאָנען מענשען זייערע לעבענס, אום אויסצואַרבעטען זיך געשווינד דרעהען מיט די פֿיס (טענצערס), אָדער געשווינד אַרבייטען מיט די סטרונעס (מוזיקאַנטען), צו קאָנען שען רעדען און שרייבען, און דאָס אַלץ נאָר כדי צו דינען די רייכע קלאַסען, כדי צו פֿערשאַפֿען זיי פֿערגעניגען, וועהרענד די מענשען אַליין, וואָס פֿערנעהמען זיך מיט די אַרבייטען, דאַרפֿען דאָס ניט און ווערען נאָר דאַדורך אָבגעשטויסען פֿון דעם נאַטירליכען לעבען, פֿון דעם אמת'ען זינן פֿון לעבען. 2) די קונסט־ווערק און פּוסטע פֿערוויילונגען ערלויבען די רייכע צו פֿיהרען אַ אוננאַטירליכען לעבען, זיין ווייט פֿון דער נאַטור. און ווען מען זאָל ביי זיי אָבנעהמען די קונסט זייערע, וואָלטען זיי פֿון לאַנגווייל און פּוסטקייט אומקומען געמוזט; 3) די היינטיגע געפֿעלשטע קונסט ענטוויקעלט צווישען די מענשען פֿאַלשע געפֿיהלען פֿון פּאַטריאָטיזם, תאוה, גראָבען עגאָאיזם און אַנשטאָט פֿעראייניגען מענשען ענטוויקעלט זי נאָר בעגרענצטע געפֿיהלען און בעגריפֿען. און דערביי דאַרף מען ניט פֿערגעסען, ווי טייער די דאָזיגע קונסט קאָסט דעם פֿאָלק. אַנשטאָט דעם, וואָס אויף פֿאָלקס־בילדונג גיט מען אויס נאָר אַ הונדערט חלק דערפֿון, וואָס עס איז נויטיג, אַסיגנירט די רעגירונג גאַנצע מיליאָנען אויף אַקאַדעמיעס, קאָנסערוואַטאָריומס, טעאַטרען און הונדערטער טויזענדער מענשען מוזען אין שווערער פּראַצע זייער גאַנץ לעבען אָבגעבען, אום אויסצובויען דאָס אַלץ, וואָס עס איז נויטיג פֿאַר דער אַזוי־גערופֿענער קונסט. פֿאַר וואָס זשע דאַרף דאָס פֿאָלק אַזוי פֿיעל אָפּפֿערען פֿאַר דער קונסט, ווען זי איז איהם פֿרעמד און אונפֿערשטענדליך? צו האָבען די רייכע, פֿרעגט טאָלסטאָי, חאָטש אויף איין נאַכט איבערגעריסען די פֿאָרשטעלונגען אין די טעאַטרען און די קאָנצערטען בעת דעם שרעקליכען הונגער אין רוסלאַנד?

טאָלסטאָי איז אויף אַזאַ אופֿן אַרויסגעטראָטען מיט אַ שאַרפֿען בעשולדיגונגס־אַקט געגען דער גאַנצער יעצטיגער מענשהייט און געגען דעם אַלץ, מיט וועלכען די קולטורעלע מענשהייט לעבט.

וואָס זשע בלייבט צו טהון? ווי אַזוי דאַרף איבערגעבויט ווערען דאָס געזעלשאַפטליכע און פּערזענליכע לעבען פון מענשען? אויף דער פראַגע האָט טאָלסטאָי געענטפערט: דורך ליעבע... ניט בלויז סימפּאַטיע צו די אָרימע און געדריקטע, ניט זאָגאַר ליעבע צום נאָהענטען, ווי צו זיך אַליין, נאָר מעהר, ווי צו זיך. די דאָזיגע לעהרע וועגען ליעבע איז ביי טאָלסטאָי'ען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גאַנצען פילאָזאָפישען סיסטעם.

ווי יעדער לעבענס־פילאָזאָף, האָט טאָלסטאָי פריהער פון אַלץ זיך געשטעלט די פראַגע: אין וואָס בעשטעהט דער זינן פון לעבען? און אויף דער פראַגע האָט ער געענטפערט: דער הויפּט־זינן פון מענשליכען לעבען איז די רעליגיעזע אידעע. אין אַלע צייטען און ביי אַלע פעלקער האָט געמוזט עקזיסטירען אַ פעסטגעשטעלטע בעציהונג צווישען מענשען און דער אייביגקייט, די אונענדליכע וועלט. אָט די בעציהונג הייסט רעליגיע. אַזאַ בעציהונג האָט געמוזט עקזיסטירען אין אַלע צייטען, הגם אין פערשידענע פאָרמען. אין אַלע צייטען האָבען מענשען געמוזט גלויבען אין לעבען, גלויבען, אַז דאָס לעבען האָט עפּעס אַ זינן, אַז אין לעבען בכלל איז דאָ עפּעס אַ נויטווענדיגקייט, ווייל אַנדערש האָט די מענשליכע עקזיסטענץ קיין זינן ניט. און דאָס דאָזיגע גלויבען איז דער יסוד פון יעדער וועלט־אַנשויאונג. אויף דעם גלויבען מוז זיך בויען זאָגאַר יעדע וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע, אויב נאָר זיי ווילען זיין נאַטירליך און אמת'דיג. אָבער די רעליגיעזע אידעע איז פּראַקטיש, זי לערנט דעם מענשען געוויסע לעבענס־כללים, זי פיהרט צו אַ בעשטימטע טעטיגקייט און אויב די רעליגיע אין אַלגעמיין איז איינע פאַר דער גאַנצער וועלט און אין אַלע צייטען, איז דער מאָראַל, וואָס שטאַמט אַרויס פון דער רעליגיעזער אידעע, שוין פערשידען פאַר אַלע פעלקער און פאַר אַלע צייטען. די דאָזיגע מאָראַל, אָדער בעציהונג צווישען מענשען און דער וועלט, טיילט אַיין טאָלסטאָי אין דריי קאַטעגאָריעס.

די ערשטע בעציהונג צו דער וועלט איז געגרינדעט אויף דער שטרעבונג צום גליק פון איינצעלנעם מענשען און דעריבער בעשטימט זי די אַלע צושטאַנדען, וועלכע געבען דעם מענשען דאָס גרעסטע גליק, און זי ווייזט־אָן די מיטלען צו ערווערבען דאָס. אויף דער דאָזיגער בעציהונג צו דער וועלט זענען געגרינדעט: די מאָראַלישע

לעהרער פֿון די עפּיקורעער, די מתמדאַנישע לעהרע, וועלכע זאָגט צו דעם מענשען גליק אויף דער און יענער וועלט, און די לעהרע פֿון דער וועלטליכער מאָראַלישער שיטה, וועלכע זאָגט צו דעם מענשען גליק נאָר אויף דער וועלט.

די צווייטע בעציהונג צו דער וועלט איז געגרינדעט אויף דעם גליק פֿון אַ געוויסען קבוץ, ביי וועלכען דער פּרט איז גאַרניט און ווערט בטל פֿאַר'ן כלל. אויף דער בעציהונג זיינען געגרינדעט די מאָראַלישע לעהרען פֿון די רוימער, גריעקען און חינעזער, ביי וועלכע דער פּרט האָט שטענדיג געדאַרפֿט זיך אָפּפֿערען פֿאַר'ן כלל, ווי אויך די יודישע מאָראַל, וועלכע פֿאָדערט פֿון יחיד, ער זאָל זיך אונטערגעבען און אָפּפֿערען מיט זיין פּערזענליכען גליק לטובת דעם גאַנצען פֿאָלק; אויף דעם איז אויך געגרינדעט די מאָראַל פֿון דער היינטיגער מענשהייט, וועלכע פֿאָדערט, אַז די מינדערהייט זאָל אָפּפֿערען מיט זיך לטובת דער מעהרהייט, די מלוכה, די געזעלשאַפֿט.

די דריטע, קריסטליכע, בעציהונג צו דער וועלט איז געגרינדעט אויף דער אידעע, אַז דער מענש איז נאָר אַ וועקצייג ביי דעם העכסטען רצון, אַז דער מענש דאַרף זיך אָבזאָגען ניט בלויז פֿון זיין פּערזענליכען גליק, נאָר אויך פֿון פֿאַמיליען און געזעלשאַפֿטליכען גליק אין נאָמען פֿון יענעם העכסטען רצון, וועלכער ווירקט אין דער גאַנצער וועלט. אָט די מאָראַלישע לעהרע איז לויט טאָלסטאָי'ס מיינונג די העכסטע און פֿון איהר שטאַמט יענע אמת'ע, ניט-צבועות'דיגע מאָראַלישע געפֿיהלען, וועלכע לעבען אין מענשען, הגם נאָמינאַל פֿרעדיגט ער אַנאַנדער מאָראַלישע לעהרע.

טאָלסטאָי ערקלערט האָם הורך אַנאַליז פֿון דער מענשליכער פּסיחיק.

צי קאָן דאָס פּערזענליכע לעבען געבען אַ מענשען גליק? געוועהנליך מיינט מען, אַז דער מענש לעבט צוליעב זיין אייגען גליק, צוליעב דעם גליק פֿון דער פֿאַמיליע און נאָהענטע. אָבער ווען דער מענש זאָל זיין קאָנסעקווענט און אַ טראַכט טהון וועגען זיך, האַלטען זיי קיין איין מינוט ניט געבליבען לעבען, ווייל זיי וואָלטען איינגעזעהען, אַז לאָגיש האָט זייער לעבען, וואָס שטרעבט נאָר צו גליק, קיין זינן ניט: ליידען, אומגליקען אָהן אַ שיעור לאָקערען אויף דעם מענשען אויף יעדען שריט און טריט, טויט דאָס איז דער

סוף פון מענשליכען לעבען, דער סוף פון אלע בעמיהונגען. דאס איז אזוי קלאר פאר יעדען פון אונז, סיי אלט, סיי יונג, רייך און ארים, אז קיינער וואלט אויף א מינוט ניט געדארפט בלייבען, דער־מאהנענדיג זיך, אז דאס לעבען איז פיל מיט יסורים און די יסורים וועגען פיעל מאל איבער דאס ביסעל גליק, וואס איז דא אין לעבען. פארוואס זשע הערען מענשען דאך ניט אויף צו לעבען און אין דער זעלבער צייט בעקלאגען זיך אויף זייער לעבען? דאס איז דערפאר, ענטפערט טאלסטאי, ווייל דער מענש שפירט, אז דאס פערזענליכע לעבען, צו וועלכען ער שטרעבט, איז ניט דער עיקר און עס איז דא עפעס אנאנדער לעבען, א אמת׳ער, וועלכעס עקזיסטירט פאר אלע גלייך, פאר דער גאנצער מענשהייט.

דער מענש בעשטעהט פון דריי עלעמענטען: 1) דער חומר; 2) טהירישע פערזענליכקייט; 3) דאס ריינע בעוואוסטזיין. ביז א געוויסע עפאכע לעבען צוזאמען אין מענשען די אלע דריי געזעג־געזעצטע עלעמענטען, דער טהירישער „איך“, וועלכער שטרעבט צו פערזענליכען גליק, איז ואגאר א געוויסע צייט אין מענשליכען לעבען גובר זיין צווייטען „איך“, דעם ריינעם בעוואוסטזיין, וועלכער שווייגט און ווירקט נאר אין דער טיעפעניש פון דער פסיכיק. עס מוז אבער קומען א מאמענט, ווען עס ערוואכט דער אמת׳ער „איך“, דאס בעוואוסטזיין, וואס נאר דאס אליין איז דער יסוד פון מענשליכען לעבען, דאס, וואס פעראייניגט זיין פסיכיק אין איין גאנצעס, וואס פערבינדעט דאס לעבען פון איין מענש מיט׳ן לעבען פון אנדערע, פון דער גאנצער מענשהייט. אט די ערוואכונג פון ריינעם בעוואוסטזיין קומט דורך דער סתירה אין מענשליכען לעבען, דורך דער סתירה צווישען זיינע דריי בעזונדערע עלעמענטען. עס מוז קומען א מאמענט, ווען דער מענש הויבט אן שפירען דעם שרעק פון טויט, וועלכער בעגלייט איהם אויף יעדען שריט און דאן מוז ער אנהויבען פערשטעהן, אז זיין פערזענליך לעבען, בעזונדער גענומען, האט קיין זינן ניט, ווייל דאס מוז זיך ענדיגען מיט טויט, אויב ווידער ער וויל פארט לעבען, בעווייזט דער דאזיגער רצון, אז עס איז דא עפעס א לעבען, וועלכעס קאן ניט אבשטארבען, וועלכעס עקזיסטירט ניט אין צייט און אין רוים, און נאר אלס א תלק פון דעם גאנצען האט א זינן דאס לעבען פון יעדען איינציגען מענ־שען, נאר אלס א טייל פון איבעריגען קאן א מענש ניט מורא

האָבען פֿאַר דעם טויט. אַ מענש קאָן מורא האָבען פֿאַר'ן טויט נאָר כל זמן ער דאָנקט, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין אַזאַ און אַזאַ יאָהר, איז אַ זוהן פֿון די און די עלטערען און וועט אָבשטאַרבען אין אַזאַ און אַזאַ צייט; אָבער אַ מענש קאָן זאָגען: איך בין קיינמאָל ניט געבוירען געוואָרען און וועל קיינמאָל ניט שטאַרבען, מיין לעבען וועט קיינמאָל זיך ניט ענדיגען, ווייל עס האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעהויבען; מיין לעבען פֿאַר זיך האָט נאָר אַ זינן, ווען עס איז אַ טייל פֿון גאַנצען, פֿון לעבען פֿון דער מענשהייט, און דאָס לעבען קאָן קיינמאָל ניט שטאַרבען, ווייל עס האַלט אין איין בעהע-גונג, אין איין פֿלאַקערען. איך וועל שטאַרבען, אָבער די קרעפֿטען פֿון לעבען, וועלכע זענען מיט מיר צוזאַמען געקומען אויף דער וועלט, וועלען בלייבען און איבערגעהן צו אַנדערע מענשען, און אויך אַלץ, מיט וואָס איך לעב, איז ניט מיינס, נאָר דאָס איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרען פֿון לעבען פֿון מענשען פֿאַר מיר און דעריבער קאָן דאָס קיינמאָל ניט אָבשטאַרבען.

אויף אַזאַ אופֿן מוז דער טהירישער „איך" סוף כל סוף זיך אונטערגעבען פֿאַר דעם פֿערנונפֿטיגען „איך" און דער מענש מוז אָנהויבען פֿערשטעהן, אַז דאָס, וואָס לעבט, האָט געלעבט און וועט לעבען אין איהם און אין אַלע אַנדערע, איז די קראַפֿט פֿון ליעבע, וועלכע וועט קיינמאָל ניט אויפֿהערען. דאָס אָבזאָגען זיך פֿון אייגענעם לעבען איז אַ געזעץ, וועלכען מען קאָן ניט אויסמיידען. אויב אַ מענש טהוט דאָס ניט מיט'ן גוטען ווילען, מוז ער דאָס טהון מיט געוואַלד: עס קומט דער טויט און איבערצייגט איהם, אַז זיין אייגען לעבען איז אַ שרעקליכער אונזין. „דאָס לעבען, אַלס פערזענליכע עקזיסטענץ, איז דורך דער מענשהייט שוין אָבגעלעבט; און אומקעהרען זיך דאַצו איז שוין אונמעגליך; און אויך פֿערגעסען דאָס, אַז דאָס פערזענליכע לעבען האָט קיין זינן ניט, איז אונמעגליך. וואָס מען זאָל דאָרט ניט שרייען, רעדען, וואָס מען זאָל דאָרט ניט ענטדעקען נייעס און פֿערפֿאָלקאָמען אונזער פערזענליך לעבען, וועט דאָך פֿאַר דער גאַנצער פֿערנונפֿטיגער מענשהייט מוזען בלייבען דער פֿעסטגעשטעלטער **אמת**, אַז פערזענליך גליק איז אַ אונמעגליכע זאַך".

מיר קאָנען זאָגאַר ניט גלויבען אין גאָט, ניט האָבען קיין פֿאָרשטעלונג וועגען איהם, אַלס אַ אַבסטראַקציע; אָבער עס איז אונ-מעגליך פֿאַר אונז ניט צו גלויבען אין גאָטהייט, ד. ה. אין דער

קראפט, וועלכע איז פערקערפערט אין אונזער גאנצען לעבען און אין אונזער איינענעם בעוואוסטזיין. די דאזיגע געטליכע קראפט, וועלכע איז אנאייביגער געזעץ פאר אלע מענשען, וועלכען מיר מוזען אננעהמען זאגאר געגען אונזער ווילען, איז דאס געזעץ פון ליעבע.

אבער וואס הייסט ליעבע? די געוועהנליכע מענשליכע ליעבע פערקערפערט זיך אין א בעשטימטען אביעקט. מיר ליעבען די פרוי, אונזערע קינדער, אונזערע פריינד, דאס פאטערלאנד, די קונסט, און אז. וו. אבער די דאזיגע ליעבע איז עגאאיסטיש און דער מענש נארט זיך בלויז, אויב ער מיינט, אז ער ליעבט ניט זיך זעלבסט, נאר אנדערע. די דאזיגע ליעבע איז אויך ניט פראקטיש און שעדליך. מיר ווייסען דאך, אז מענשען לעבען אין א שטענדיגען געגענזייטיגען קאמפף און אז אפפערענדיג פאר איינעם, ווערען מיר שעדליך פאר'ן צווייטען, אבגעבענדיג עטוואס פאר איין מענשען, נעהמען מיר צו עטוואס ביים צווייטען. פרעגט זיך: אין נאמען פון וועלכער ליעבע זאל איך אפפערען מיט א צווייטער ליעבע? זאל איך ליעבען מיין פרוי און קינדער און צוליעב זיי ניט אפפערען זיך פאר'ן פאטערלאנד, וועלכע איך ליעב אויך? זאל איך אפפערען מיט מיין פערזענליכקייט צוליעב אנדערע? די ליעבע פאדערט באלדיגע מעשים, „ליעבע אין דער צוקונפט עקזיסטירט ניט; ליעבע איז נאר א געגענווארטיגע טעטיגקייט“, נאר אט איז געקומען צו מיר א הונגעריגער, צו וועלכען איך שפיר עטוואס ליעבע, און בעט ביי מיר עסען, נאר איך בעהאלט דאס עסענווארג, וואס איך האב, אויף שפעטער פאר מיינע קינדער, וועלכע איך ליעב מעהר, איידער דעם הונגעריגען, ווי זאל איך אויספאסען די געגענווארטיגע, גאר שוואכערע ליעבע צום הונגעריגען מיט דער שטארקערער אבער צוקונפטיגער ליעבע צו מיינע קינדער? עס איז קלאר, אז אויב איך לאז איבער דאס עסען פאר מיינע קינדער און אפפער מיט מיין שוואכערער ליעבע צום הונגעריגען, טהו איך דאס ניט אין נאמען פון דער ליעבע, נאר דערפאר, ווייל דאס איז מיר מעהר אנגענעהם, ווייל דאס פערלאנגען מיינע פערזענליכע אינטערעסען. דאס געפיהל, וועלכע מענשען רופען אן ליעבע, איז דעריבער ניט מעהר, ווי עגאאיזם, און אזא ליעבע פאדערט ערשטענס שטענדיגע קאמפראמיסען מיט זיך אליין, איז ניט פראקטיש און זאגאר שעדליך, ווייל בא-

שען זענען ניט קײן געטער, מענשען לעבען אין א שטענדיגען קאמפף צווישען זיך, און ווען איך טהו גוטס אײנעם, טהו איך דערמיט שלעכטס א צווייטען.

ליעבע, וועלכע זאל שטענדיג בעפרידיגען דעם מענשען גופא און אנדערע, איז מעגליך נאר דאן, ווען דער מענש בעפרייט זיך פון זײנע פערזענליכע אינטערעסען, הערט־אויף זוכען זײן אײגענע גליק און גיט אב זײן נשמה פאר אנדערע, ניט פאדערענדיג קײן זאך פאר זיך, זײענדיג בערייט אבצוגעבען דאס אײגענע לעבען פאר אנדערע. נאר אזא געפיהל פון אלגעמײנע ליעבע צו אלע מענשען, אומאבהענגיג פון זײערע מעשים און פון זײער בעציהונג צו מיר פערזענליך, קאן שאפען דאס אמת'ע מענשליכע גליק, און דאס געפיהל לעבט איבער יעדער מענש חאטש אײן מאל אין לעבען, איבערהויפט אין די קינדער־יאהרען, ווען עס ווילט זיך, אז אלע זאל זײן גוט, אז אלע זאלען גליקליך זײן, און ווען מען איז פעהיג צו ליעבען אלע אהן אונטערשיעד, סײ די מאמע, סײ פרעמדע, סײ שונאים, סײ פריינד.

אויף דער ליעבע, וועלכע איז לויט טאלסטאי'ס לעהרע דער נאטירליכער צושטאנד פון מענשען, אלס א נאטור־געזעץ, צו וועלכען מען מוז ווילענדיג אדער ניט־ווילענדיג צוקומען, און וועלכע איז דער אײנציגער אמת'ער קוואל פון מענשליכען גליק, — אויף דער דאזיגער ליעבע דארף זײן געגרינדעט דאס פערזענליכע און געזעלשאפטליכע לעבען, און טאלסטאי ענטוויקעלט פאר אונז א פראקטישען פראגראם, וועלכען מען קאן אײנטײלען אין 5 הויפט־פונקטען.

1) מען דארף דאס לעבען פשוט'ער, אײנפאכער מאכען.

דער גרעסטער טײל פון אונזערע בעדערפנישען זענען קינסטליכע, זײ זענען בעשאפען געווארען נאר דורך די קאפריזען פון אונזער פאנטאזיע, דורך דער פאלשער קולטור. מיר מײנען, אז דער הויפט־אינטערעס פון לעבען איז די עסטעטיק, די קונסט, מוזיק, געזעלשאפט, פאליטיק און דערגלײכען, נאר מיר פערגעסען, אז דער עיקר איז די נאטור, די פשוט'ע ליעבע צו איהר, און דאס געפיהל צו איהר מעכטיגער קראפט. דאס אליין, מיט וואס עס לעבען גײסטיג

די היינטיגע קולטורעלע מענשען, איז אויסגעוואקסען נאר אויפ'ן באדען פון גזילה און אונרעכט, פון דער מעגליכקייט צו עקספּלאאטירען יענעמס פראצע, און נאר די עקספּלאאטאציע פון פרעמדענס מיה און ארבייט האט געשאפען און ענטוויקעלט געקינסטעלטע בעדערפנישען און געגעבען די מעגליכקייט פאר די געלעהרטע און קינסטלער צו פערנעהמען זיך מיט פוסטע זאכען, וועלכע בעפריעדיגען נאר דעם קאפריז, די נייגעריגקייט און צודרייצטע פאנטאזיע, ניט ברענגענדיג קיין שום נוצען יענע מיליאנען מענשען, אויף וועמענס חשבון מיר לעבען. כדי צו דערגרייכען די הארמאניע צווישען ווארט און טהאט, צווישען דער איבערצייגונג אין פּראקטישען לעבען, כדי צו זיין אינערליך גליקליך אין לעבען לויט דעם געוויסען און לויט אונזער אמת'ער נאטור, ווייסט טאלסטאי נאר איין מיטעל: לעבען, ווי עס לעבט דער פויער, דער איינפאכער ארבייטס-מענש.

„אויף דער פראגע, וואס דארף מען טהון? — זאגט טאלסטאי וועגען זיך זעלבסט — איז מיר געקומען דער סאמע זיכערסטער ענטפער: פריהער פון אלץ דאס, וואס איך אליין דארף — מיין סאמאוואר, מיין אויווען, מיין וואסער, מיין מלבוש, אלץ, וואס איך אליין קאן בעשאפען... אויף דער פראגע, צי דארף מען ארגאניזירען די דאזיגע פיזישע ארבייט, צי דארף מען ארגאניזירען געזעלשאפטען פון ערד-ארבייטער, — האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס אלץ איז איבעריג, ווייל א מענש, וואס ארבייט, וועט שוין במילא אליין נאטירליכערווייזע צושטעהן צו דער געזעלשאפט פון די ארבייטענדע. אויף דער פראגע, צי וועט די ארבייט ניט אוועקנעהמען ביי מיר די גאנצע צייט און בערויבען מיך פון דער מעגליכקייט צו בעשעפטיגען זיך מיט יענער גייסטיגער ארבייט, וועלכע איך ליעב, צו וועלכער איך בין געוועהנט און וועלכע איך האלט אין די מינוטען פון צווייפעל אלס נוצליך פאר אנדערע, — אויף דער פראגע איז געקומען דער אונערווארטעטסטער ענטפער. די ענערגיע פון מיין גייסטיגער ארבייט האט זיך נאך פערשטארקט, און וואס מעהר גרעסער עס איז געוועזען די פיזישע ארבייט, אלץ שטארקער איז נאך געווארען די ענערגיע, עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אבגעבענדיג אויף פיזישע ארבייט 8 שעה, — דער האלבער טאג, און וועלכען איך פלעג פריהער פערברענגען אין א שווערען קאמפף מיט דער לאנגווייליגקייט, איז מיר געבליבען נאך 8 שעה". — און טאלסטאי

ניט דאָ אַ אויספֿיהרליכען פּראָגראַם פֿון סדר־היום פֿאַר יעדען מענשען.

2) גליק איז אין אָרימקייט.

דאָס היינטיגע לעבען איז אַזוי איינגעאָרדענט, אַז מיר קענען ניט זיין גליקליך. מיר אַרבייטען פֿון איין הור צום צווייטען, אום צו פֿערזיכערען אונזער לעבען, און צוליעב דער צוויי־פֿעלדאַפּטער צוקונפֿט בעגראָבען מיר אונזער געגענוואַרט. מיר זענען אַזוי צוגעוועהנט צום געדאַנק, אַז גליק קאָן ניט עקזיסטירען אָהן רייכטום און מאַכט, דאָס ווען קריסטוס לערנט אונז צו לעבען אָהן פּריוואַט־איינענטום און אָהן עקספּלאָאַטאַציע פֿון פֿרעמדענס אַרבייט, זעהט דאָס אונז אויס, ווי ער רופֿט אונז צו אַ קרבן, צו אָפּפֿערען מיט זיך לטובת הכלל. באמת אָבער פֿאָדערט ער פֿון אונז קיין שום קרבן ניט, ער לערנט אונז נאָר דאָס, וואָס איז נויטיג פֿאַר אונז אַליין, ווייל דער הויפּט־בעדינג פֿון יעדען אמתין גליק איז אָרימקייט. „זיין אָרים דאָס בעדייט: דער מענש וועט וואוינען ניט אין שטאָדט, נאָר אין דאָרף, וועט ניט זיצען אין דערהיים, נאָר אַרבייטען אין וואַלד, אויפֿ'ן פֿעלד, וועט זעהען די שיין פֿון דער זון, די ערד, דעם הימעל, די חיות; וועט ניט דאַרפֿען צוטראַכטען מיטלען, ווי אַזוי צו בעקומען אַפּעטיט, נאָר וועט דריי מאָל אין טאָג הונגעריג זיין, וועט ניט דאַרפֿען זיך דרעהען אין אַלע זייטען איבער די ווייכע קישענס און צוטראַכטען מיטלען, ווי אַזוי אַנשלאָפֿען צו ווערען; וועט האָבען קינדער, לעבען צוזאַמען מיט זיי, וועט האָבען אַ פֿרייען פֿערקעהר מיט אַלע מענשען, און דער עיקר: ער וועט ניט טהון קיין זאַך, וואָס עס ווילט זיך ניט טהון; וועט ניט מורא האָבען דערפֿאַר, וואָס וועט מיט איהם פּאַסירען. קרענקען, ליידען, שטאַרבען... וועט ער ווי אַלע, אָבער לעבען וועט ער, אָהן צווייפֿעל, גליקליכער“.

3) דאָס לעבען לויט'ן געוויסען.

ערציהענדיג אין זיך ליעבע צו אַלע, דאַרף דער מענש געדענקען, אַז אָהן מאָראַלישע זיטען, אָהן שטענדיגע טעגליכע מאָראַלישע פֿליכטען, איז קיין גליקליכער לעבען לויט'ן געוויסען, ניט מעג-

ליך. מיר טיילען געוועהנליך איין דאָס לעבען אויף גייסט און חומר, זאָגאַר מענשען פון געוויסען, מיינען, אז מען קאָן מאַטעריעליש פיהרען אַ גוט לעבען, עסען, טרינקען, פערגעניגען געניסען און דאָס זאָל גאָרניט שאַדען דעם גייסטיגען לעבען אין מענשען. אָבער באמת איז ניט מעגליך קיין לעבען לויט געוויסען, איב מען וויל זיך ניט אָבזאָגען פון די מאַטעריעלע תענוגים, און דעריבער ווערט בעשאַפען דער פעסימיזם און מאָראַלישע מענשען פאַלען אַריין אין אַ טראַגישע לאַגע. אויב מען וויל זיך ראַטעווען, איב מען וויל לעבען מיט אַ אינערליכע רוהע און האַרמאָניע, מוז מען זיך אָבזאָגען אויך פון יענע מאַטעריעלע תענוגים, וועלכע מיר האַלטען פאַר גוט; פריהער פון אַלץ מוז ראַדיקאַל געענדערט ווערען די געשלעכטס-בעציהונג. מען דאַרף אויפהערען קוקען אויף דער געשלעכטס-ליעבע, ווי אויף עפּעס אַ פּאָעטישע, ערהאַבענע זאַך; מען דאַרף אַנערקענען די ליעבע אַלס אַ נידעריג געפיהל און קעמפּפען דערמיט. די גאַנצע ערציהונג פון דער היינטיגער קולטורעלער געזעלשאַפט איז איינגעאָרדענט אַזוי, אַז די געשלעכטס-תאוה, וועלכע ערוועקט זיך אין מענשען נאָך פון די קינדער-יאָהרען, זאָל אידעאַליזירט ווערען, בכיון פערקערפּערט ווערען אין פערשיעדענאַרטיגע פאָרמען, וועלכע בעשענערען און פערברייטערען אויך דאָס דאָזיגע געפיהל. מיר זינגען ליעדער לכבוד דער ליעבע, שרייבען ראָמאַנען, בעפּוצען די געשלעכטס-תאוה אין פערשיעדענע פּאָעטישע ציהרונגען, אָבער לויט טאָלסטאָי'ען איז די געשלעכטס-פערבינדונג גאָרניט קיין נאַטירליך געפיהל. אדרבה, די נאַטור ווייס נאָר פון פאָלקאָמע צניעות און ריינקייט, און ווען מען זאָל פרעגען, זאָגט טאָלסטאָי, יעדעם ריין מיידעל, ווען זי איז גליקליכער געווען, צי דאַן, ווען זי איז געווען ריין און אונשולדיג, אָדער דערנאָך, ווען זי האָט שוין דורכגעלעבט דעם געשלעכטס-אַקט, וואָלט זי געוויס אָנגעוויזען אויף איהרע ריינע קינדער-יאָהרען, אַלס די גליקליכסטע. דער אַקט איז געגען דער אמת'ער נאַטור, און מיר זעהען, אַז אָפטמאָל געהט דער אַקט איבער אין גאַנצע טראַגעדיעס. יונגע מיידלעך, וועלכע ווילען אינסטינקטיוו ניט פערלירען זייער אונשולד און ריינקייט, קעמפּפען געגען דעם אַקט, פערגיסען טרעהרען, ווען זיי דאַרפען דאָס ערשטע מאָל זיך פערבינדען געשלעכטליך מיט דעם מאַנספּערזאָן. דעריבער עצה'ט טאָלסטאָי, אינגאַ-

צען זיך אבהאלטען פון הייראט און בלייבען אין אייביגער צניעות, הגם דורכדעם מוז זיך ענדיגען דער גאנצער מענשליכער קיום. אויב אבער דאס איז אונמעגליך, דאן מוז מען לפחות איינפאכער מאכען דאס געפיהל, אויפהערען אידעאליזירען דאס, און א פרויענצימער מיט א מאנספערזאן, וועלכע הייראטען, מוזען אמווינציגסטענס זיך סטארען וואס מעהר זיך אבהאלטען פון דער געשלעכטספערבינדונג, און דער ערשטער בעדינג מוז זיין: פאלקאמע טרייהייט ביז'ן טויט. דער מאן מוז בלייבען טריי זיין פרוי אלע יאהרען, עס טארען ניט דערלאזען ווערען קיין גט'ן, און פאר עובר זיין אויף דער טרייהייט, מוז די געזעלשאפטליכע מיינונג בעשטראפען לפחות ניט ווינציגער שטרענג, ווי פאר ניט האלטען קיין קאנטראקט, אדער ניט צאהלען קיין וועקסעל. — טאלסטאי רעקאמענדירט אויך זיך אבהאלטען פון עסען פלייש, ווייל די גלייכגילטיגע בעציהונג צום שעכטען בהמות און עופות ענטוויקעלט אין אונז טהירישע געפיהלען. געפעהרליך איז אויך דאס רויכערען טאבאק און טאלסטאי זעהט דערין די פערקערפערונג פון חטא, והראיה: א יונגעל הויבט אן רויכערען כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען ער פערלירט זיין אונשולד. אבערנ אך געפעהרליכער פון אלץ איז דער אלקאהאל. שטענדיגע שכורים איז דא ווינציג, אבער אין א מיטעלער מאס געברויכען שטארקע געטראנקען די גרעסטע מעהרהייט מענשען, און דאס איז נאך געפעהרליכער פון דער שכרות. א מענש, וואס טרינקט קאן קיינמאל ניט זיין פאלקאם ניכטער, און דער אונניכטערהייט גיט טאלסטאי צו א גרויסע בעדייטונג. דאס רוב פון די גרעסטע קינסטלערישע ווערק ווערען בעשאפען אין א צושטאנד פון שכרות, אין אונניכטערהייט ווערט געטהון כמעט אלץ, וואס ווערט בעשאפען דורך די מאכט־האבענדע, דורך די, וועלכע רעגירען מיט אונזער געזעלשאפטליכען לעבען. ווען ניט די משקאות, ווען ניט די שכרות, וואלט לויט טאלסטאי'ס מיינונג זאגאר ניט מעגליך געווען קיין מלחמות, ווייל אלע ווייסען, אז קיין שום געפאהר שטעהט קיינעם ניט פאר, אז ווען מען זאל אליין דאס ניט וועלען, וועט קיין פאלק ניט אנפאלען אויפ'ן צווייטען, און נאר שכורים אין אונניכטערע קאנען רופען יענעם און אליין געהן צו מיליטער־דיענסט, צו מלחמות.

4) ניט געגענשטעלען זיך דעם שלעכטס.

טאָלסטאָי האָט געפֿונען אין עוואַנגעליום אַ זאַץ, וועלכער רעכט וועגען ניט ווידערשטעהן דעם שלעכטס, און ער האָט זיך אָן די ווערטער אָנגעכאַפּט, ווי אין אַ נבואה, ווי אין אַ אונערוואַרטעטע ענטדעקונג: ניט געגענשטעלען זיך דעם שלעכטס — אָט דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מען דאַרף. מענשען לײדען דאָך ניט אַזוי פֿיעל דערפֿון, וואָס מען טהוט ניט דאָס, וואָס נויטיג איז, נאָר מעהר פֿון אַלץ דערפֿון, וואָס מען טהוט יאָ דאָס, וואָס מען דאַרף ניט טהון, און כדי צו ענדערען דאָס לעבען, דאַרף מען קײן זאַך ניט פֿאַרנעהמען, עס איז נאָר גענוג זיך אָבשטעלען, אַ טראַכט טהון, און אויפֿהערען טהון דאָס, וואָס איז געגען געוויסען און דאַן איז דער מענש געראַטעוועט. ניט געגענשטעלען זיך דעם שלעכטס, דאָס בעדײט: קעמפֿפֿ ניט געגען שלעכטס, ניט דורך גוטס, ניט דורך שלעכטס, ניט דורך ווערטער, ניט דורך מעשים, ניט דורך געוואַלטטהאַט, ניט דורך מעשים־טובים, נאָר דורך ניט־טהון. און טאָלסטאָי דערצעהלט אונז אַ מעשה: אַמאָל איז אַ קײזער מיט זײן אַרמעע געקומען אין אַ פֿרעמדער מלוכה, אַ לאַנד פֿון בלויז „נאַראָנים“, און געוואָלט דאָס אײנגעהמען. זענען געקומען די סאָלדאַטען פֿון ערֹאָבער־קײזער אין אײן לאַנד, זענען אַרויסגעשפּרונגען די „נאַראָנים“, קוקען אויף די סאָלדאַטען און וואונדערען זיך. די סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען ראַבעווען, די פֿיה הרג׳ענען, נאָר די נאַראָנים שווײגען און קײנער שטעלט זיך ניט אַנטקעגען. די סאָלדאַטען זענען אַוועק אין אַ צווײטען דאָרף, נאָר אומעטום איז דאָס זעלבע: די נאַראָנים ווערען זיך ניט, גיבען אַלץ אָב און בעטען נאָך די סאָלדאַטען צו זיך: אויב אײך איז שלעכט בײ זיך, קומט צו אונז, מיר וועלען אײך אויפֿנעהמען. דאַן איז די סאָלדאַטען לאַנגווײליג געוואָרען, זײ זענען אַוועק צו זײער קײזער און געזאָגט: מיר קאָנען ניט, קײזער, מלחמה פֿיהרען, ווײל קײנער שטעלט זיך ניט אַנטקעגען. דער קײזער איז אין כעס געוואָרען און געהײסען די סאָלדאַטען דאָס גאַנצע לאַנד פֿון די נאַראָנים דורכגעהן, אַלץ חרוב מאַכען, ברענען, הרג׳ענען, ראַבעווען. זענען ווידער אַוועק די סאָלדאַטען, אַלץ אָנגעהויבען ברענען און פֿערניכטען, נאָר די נאַראָנים האָבען ווײטער זיך אַנטקעגען ניט געשטעלט און נאָר געוויינט. עס האָבען געוויינט אַלטע

לייט, עס האבען געוויינט קליינע קינדער. פארוואס בעליידיגט איהר אונז? נאך וואס מאכט איהר פון גוטס א תל? אויב איהר דארפט, געהמט דאס האטש פאר זיך. — די סאלדאטען האבען דאן ווייטער ניט געקאנט געהן, זיי איז אומעטיג אויפ'ן הארצען געווארען און די גאנצע ארמעע איז זיך פונאנדערגעלאפען... כדי צו בעפרייען זיך פון אלע אומגליקען, וועלכע די מאכט ברענגט מיט זיך, איז דעריבער וויכטיג נאר איין זאך: ניט פאלגען און ניט געגענשטעלען זיך. מען קאן פערשקלאפען נאר מענשען, וועלכע ענטפערען אויף געוואלדטהאט מיט געוואלדטהאט, וועלכע שטעלען זיך אנטקעגען, אבער מענשען, וועלכע נעהמען ניט קיין אנטייל אין קיין געוואלדטהאט און שטעלען זיך ניט געגען שלעכטס, קאנען ניט פערשקלאפט ווערען. מען קאן פערפאלגען, יסורים אנטהון, פערוואונדען, הרג'ענען א מענשען, אבער עס איז אונמעגליך צו צווינגען איהם, ער זאל טהון געגען זיין ווילען, און די קאפיטאליסטען וואלטען קיינמאל ניט געקאנט הערשען איבער די ארבייטער, ווען די לעצטע זאלען אליין ניט מיטהעלפען דערצו, ווען די ארבייטער זאלען נאר זיך ניט אנטקעגען שטעלען. עס וואלטען אויך קיין מלחמות אויף דער וועלט ניט געקאנט זיין, ווען די סאלדאטען זאלען ניט פאלגען און פאסיוו איבערטראגען די גרעסטע יסורים, אבי ניט טהון געגען דעם געוויסען. די קאפיטאליסטען, רעגירער, הערשער און אלערליי עקספלאאטאטארען פון מענשליכע ארבייט און קראפט וואלט אונמעגליך געווען צו פיהרען ווייטער א קאמפף, זיי וואלטען „אומעטיג" געווארען, און סוף־כל־סוף וואלטען זיי געמוזט אראבלאזען די הענד און טהון דאס איינציגע, וואס זיי קאנען: לעבען גלייך מיט אלע, אבגעבען זיך אין נאמען פון דער אלגעמיינער ליעבע.

5) יעדע מאכט מוז אבגעשאפט ווערען.

יעדער ארט פון מאכט דארף אבגעשאפט ווערען; די בעסטע מענשען פון דער היינטיגער געזעלשאפט זענען שוין יעצט געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די ערד קאן ניט זיין קיין פריוואט־אייגענטום פון איינצעלנע מענשען, אז עס טאר ניט עקזיסטירען קיין שום אונגלייכהייט צווישען פעלקער און קלאסען, אז קיין שום הערשאפט פון א מענשען איבער א מענשען טאר ניט דערלאזט ווערען. און עס איז נויטיג, אז דער אמת, וועלכען עס פרעדיגען יעצט

די בעסטע מענשען, זאָל ווערען אַ אַלגעמיינער בעוואוסטזיין און זאָל זיך פערוואַנדלען אין אַ רעליגיעזע געפיהל. אָבער דאָס קאָן ניט געטהון ווערען מיט געוואַלד, ווייל יעדע קראַפט, וועלכע וועט אַראָבוואַרפען די יעצטיגע מאַכט, וועט דערנאָך אַליין ווערען אַ מאַכט. געגען געוואַלדטהאַט קאָן מען ניט ווירקען דורך געוואַלדטהאַט, נאָר דורך אַ פּאַסיווען ווידערשטאַנד, ד. ה. מען דאַרף אָנהויבען ניט פון ענדערען די פאָרמען פון לעבען, נאָר פון זיך, פון אייגענעם רעליגיעזען בעוואוסטזיין, און ווען אַלע מענשען וועלען לעבען מיט דעם רעליגיעזען בעוואוסטזיין, אַז זיי זענען קינדער פון איין גאָט, אַז די קראַפט, וועלכע גיט זיי לעבען, איז די אַלגעמיינע ליעבע, דאַן וועלען די פאָרמען פון לעבען שוין במילא פון זיך אַליין געענדערט ווערען און דאָס וועט געטהון ווערען לייכט, אָהן קראַפט, אָהן געוואַלדטהאַט. די איצטיגע ליבעראַלען פון פערשיעדענע ריכטונגען מיינען, אַז דער עיקר איז די פאָרם פון דער מלוכה-הערשאַפט, אַז ווען עס וועט שוין איינגעפיהרט ווערען אַ קאָנסטיטוציע אָדער אַ רעפּובליק, וועט דאָס פאָלק געהאָלפען ווערען. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות. געוויס, בּיי אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג אָדער אַ רעפּובליק עקזיסטירען ווינציגער געוואַלדטהאַטען, אָבער דערפון ווערט נאָך דאָס לעבען ניט פרייער, בעסער, מאָראַלישער. און אויב מען שאַפט-אָב איניגע געזעצען, וועלכע דריקען דאָס פאָלק, קומען אויף זייער אָרט אַנדערע, ניט בעסערע געזעצען. ניט גערעכט זענען אויך די סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען, ווייל ערשטענס וועלען זיי קיינמאָל גאָרניט אויספיהרען, דען מיט געוואַלדטהאַט וועט מען ניט אַראָבוואַרפען די יעצטיגע רעגירונגען, וועלכע זענען גוט בעוואַפענט און בעזיצען אַ גרויסע טעכנישע קראַפט; צווייטענס, ווילען זיי בעזיצען געוואַלדטהאַט געגען געוואַלדטהאַט, און אַזעלכע מיטלען זענען, לויט טאָלסטאָי'ס טעאָריע, שעהדליך און אונמאָראַליש. פריהער פון אַלץ דאַרף געענדערט ווערען דאָס בעוואוסטזיין פון יעדען איינציגען מענשען. דאָס דאַרף דויערען דורות-לאַנג און פאָדערט פון מענשען אַ גרויסע אינערליכע אַרבייט און קאַמפף מיט זיך אַליין; דעריבער שטרעבען טאַקי מענשען נאָר צו ענדערען די פאָרמען פון לעבען, ווייל דאָס קאָסט גאָרניט, דאָס גיט זיך איין לייכט און יעדער מענש פטר'ט דערמיט אָב זיין אינערליכען געוויסען. דער מאָמענט וועט אָבער מוזען קומען, און דאַן וועט פון זיך אַליין פאַלען יעדע מאַכט, עס

וועלען בטל ווערען די יעצטיגע מלוכה־אָרדנונגען און מענשען וועלען לעבען פריי און לויט זייער געוויסען.

דער אידעאל פון טאָלסטאָי׳ען איז אויך אַזאַ אופן: אין פערזענליכען לעבען — די האַרמאָנישע פעראייניגונג מיט דער נאַטור און דער שטימע פון געוויסען, וואָס רופט די איינפאַכקייט און ליעבע צו דער גאַנצער וועלט; אין געזעלשאַפטליכען לעבען — די אָבשאַפונג פון יעדער קנעכטשאַפט און אונגלייכהייט צווישען פעלקער און קלאַסען; אין מלוכה־לעבען — די אָבשאַפונג פון יעדער הערשאַפט. אַ מין רעליגיעזער אַנאַרכיזם. טאַקע איז זיכער, אַז מיר שטעהען פאַר אַ גרויסע איבערקערעניש, אַז דאָס שלעכטס פון דער קולטור און דער דרוק פון דער מענשליכער קנעכטשאַפט האָבען יעצט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, פון וועלכער עס מוז זיך אָנהויבען אַ רעליגיעזע רעוואָלוציע, און עס איז גענוג, אַז דער מענש זאָל אַ „טראַכט טהון“, זיך אָבשטעלען און פרעגען זיך, צי לעבט ער, ווי עס דאַרף צו זיין, אום אין זיין פערזענליכען לעבען זאָל זיך אָנהויבען אַ רעליגיעזע איבערקערעניש. און דאַן איז דער מאָמענט נאָהענט, דאַן מוז קומען די בעפרייהונג פון דער מענשהייט.

טאָלסטאָי אין פּריוואַט־לעבען.

ווי אַזוי טאָלסטאָי האָט געקעמפפט געגען זיינע תאוות. — דער צוזאַמענשטויס מיט זיין פאַמיליע. — טאָלסטאָי שרייבט אָב זיין פערמעגען. — טאָלסטאָי'ס ענטלויפען פון דער היים. — דער פרישער פּחד פאַר'ן טויט. — טאָלסטאָי'ס בריעף צום קייזער אַלעקסאַנדער דעם דריטען. — „איך קאָן נישט שווייגען". —

פּובליקום האָט געוועהנליך ליעב צו כאַפּען אַ קוק אין שלאָף־צימער פון גרויסע מענער, אַריינקריכען אין זייער פּריוואַטען אינערליכען לעבען און אַרויסטראָגען פאַר דער גאַס זייערע אינטימסטע איבערלעבונגען. ווען דאָס ווערט געטהון בלויז אויס נייגיעריגקייט, ערוועקט דאָס עקעל. אָבער וואָס אָנבעלאַנגט טאָלסטאָי'ען, מוז מען דאָ מאַכען אַן אויסנאַהם. טאָלסטאָי איז ניט בלויז אַ גרויסער קינסטלער און דענקער געוועזען, נאָר אויך אַ גרויסע פּערזענליכקייט. טאָלסטאָי אַן־און פאַר זיך איז אַ אויסערגעוועהנליכע קולטורעלע ערשיינונג, וועלכע האָט געשפּיעלט אַ וועלט־ראָלע, און ווען מען האָט זיך אינטערעסירט אָהן אויפהער מיט זיין פּריוואַטען לעבען, איז דאָס ניט געוועזען קיין פּוסטע נייגיעריגקייט, נאָר אַן אמת'ער אינטערעס. די וועלט האָט געדאַרפט דאָס רעכט צו וועלען וויסען ניט נאָר, וואָס טאָלסטאָי שרייבט און דענקט, נאָר אויך וואָס ער טהוט, ווי ער לעבט, ווייל דער, וואָס האָט געפּרעדיגט, אַז די רעוואָלוציע פון דער מענשהייט דאַרף זיך אָנהויבען פון מענשען, פון יעדען יחיד בעזונדער, האָט אַליין פריהער פון אַלץ געמוזט ווייזען אַ ביישפּיעל פון אַ ניי לעבען לויט זיין אייגענער אמונה, מיט זיין אייגענער פּערזאָן דורכמאַכען אַ וועג פאַר זיין לעהרע.

ווי־אַזוי האָט טאָלסטאָי געלעבט אין זיין פּערזענליכען לעבען נאָך דעם קריזיס, וועלכען ער האָט איבערגעלעבט אין די 70־ער יאָהרען? האָט זיך איהם איינגעגעבען צו פערווירקליכען כאָטש אַ טייל פון זיין גלויבען, אָנהויבענדיג פון זיך אַליין? די אויסערליכע לעבענס־בעשרייבונג פון טאָלסטאָי'ען נאָך קריזיס איז איינ־

פֿאַך און קורץ: ער האָט אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך זיינע אַריסטאָקראַטישע מלבושים, אָנגעטהאָן אויף זיך די מלבושים פֿון אַ מוזשיק, אָנגעהויבען אַרבייטען איינפֿאַכע פּויערשע אַרבייט אויפֿ׳ן פֿעלד, זיך אָבגעזאָגט פֿון וויין, טאַבאַק, גע׳עג, פֿלייש א. ד. גל.; שפּעטער — אויך פֿון זיין גאַנצען פֿערמעגען, אָנגעשריבען נייע עטליכע ווערק, אָבגעלעבט נאָך אַ פּאָר צעהנדליג יאָהרען און געשטאָרבען. אָבער עס איז גענוג צו דערמאָהנען זיך, ווי אַזוי טאָלסטאָי האָט געלעבט אין זיינע יונגע יאָהרען, גענוג צו דערמאָהנען זיך, אַז טאָלסטאָי איז בטבע געווען אַ מענש מיט רייכע אינסטינקטען, שטאַרק־ענטוויקעלטען עגאָאיזם און שטאָלץ, אום צו פֿערשטעהן, וואָס פֿאַר אַ מוראדיגען קאַמפּף מיט זיך און מיט אַנדערע דער מענש האָט געמוזט אויסשטעהן, וואָס פֿאַר אַ גרויסע דראַמע עס האָט זיך געמוזט אָבשפּיעלען אין זיין נשמה.

לאָמיר ניט פֿערגעסען, אַז טאָלסטאָי איז געווען אַ גרויסער בעל־עבירה אין זיינע יונגע יאָהרען. זיין ביאָגראַף בּירוקאָוו דערצעהלט: נאָכדעם ווי טאָלסטאָי האָט זיך ערקלערט אין ליעבע זיין קינפֿטיגער פֿרוי סאָפֿיאַ אַנדרעעוונאַ, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט בעקומען איהר איינשטימונג און ער האָט געדאַרפֿט חתונה האָבען, האָט ער זיין יונגע כלה אַוועקגערופֿען אָן אַ זייט און איהר אָבגעגעבען זיין טאַגע־בוך, וועלכען ער האָט געפֿיהרט עטליכע יאָהר. אין דעם טאַגע־בוך זענען געווען בעשריבען אַלע זיינע זינד פֿון די בחור־יאָהרען, אַלע אינערליכע שטורמען און יוגענד־עבירות, וועלכע טאָלסטאָי האָט איבערגעלעבט. די כלה האָט לייענענדיג דעם טאַגע־בוך פֿיעל טרעהרען פֿערגאָסען, נאָר איהר ליעבע צו טאָלסטאָי׳ען האָט פֿאָרט גובר געווען און זי האָט איהר וואָרט צוריק ניט גענומען. דאָס איז געווען אין יאָהר 1362. מיט 31 יאָהר שפּעטער, ד. ה. אין יאָהר 1893, געפֿינען מיר אין טאָלסטאָי׳ס טאַגע־בוך פֿאָלגענדע ווערטער: „איך לעב איבער טייוולאָנישע יסורים; מיר קומען אויפֿ׳ן זכרון די אַלע נידערטרעכטיגקייטען פֿון מיין פֿריהעריגען לעבען. די דאָזיגע ערינערונגען לאָזען מיך ניט צו־רוה, זיי פֿערגיפֿטען מיר דאָס לעבען“. ווי גרויס האָבען געמוזט זיין די זינד פֿון שפּעטערדיגען גרויסען בעל־תשובה, ווען נאָך 31 יאָהר האָט ער זיך נאָך ניט געקאָנט בעפֿרייען! צי זאָגט דאָס אונז ניט, אַז ווען טאָלסטאָי׳ס פֿאַקטיש איבערגעקעמפֿט זיין „זינדיגע“ נאַטור, איז ער אין

האַרצען נאָך פערבליבען אַ בעל-עבירה און געשפירט אויף זיך די שליטה פון יענע תאוות, געגען וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג און שווער געקעמפפט?

אַ חאַראַקטעריסטישען עפּיזאָדע פון טאָלסטאָי'ס לעבען דער־צעהלט אונז איינער פון זיינע נאָהענטסטע פריינדע, פּ. רשט אָבאָלענסקי: איינמאָל אין אָוונד קומט טאָלסטאָי צופאָהרען ריטענדיג, אַ צו־רייצטער און אויפגערעגטער, צו זיינע פריינד און ערקלערט, אַז ער פערלאָזט רוסלאַנד אויף שטענדיג, אַז ביי די איצטיגע בעדינגונגען איז אונמעגליך צו לעבען אין רוסלאַנד. איהם האָט מען מיט געוואַלד בעריהרט און בעליידיגט איינגעשטעלט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָ איז חלילה קיין שרעקליכעס ניט געשעהען און דער גאַנצער כעס נעהמט זיך דערפון, וואָס געגען טאָלסטאָי'ען איז פערפיהרט געוואָרען אַ פּראָצעס דערפאַר, וואָס זיינער אַ ביק האָט דערהרגעט אַן אַרבייטער. דאָס האָט טאָלסטאָי געהאַלטען פאַר אַ גרויסע בע־ליידיגונג און ערנסט געטראַכט אָבפאָהרען פון רוסלאַנד...

די געשיכטע איז געשעהען אין אָנפאַנג פון די 70-ער יאָהרען, ווען טאָלסטאָי האָט שוין אָנגעהויבען איבערלעבען זיין אינערליכען קריזיס, וועלכער האָט איהם געבראַכט צו זיין נייער רעליגיע, און דערמאָהנען מיר זיך אָן דעם שפּעטערדיגען טאָלסטאָי, וועלכער האָט געפּרעדיגט הכנעה, ליידען און ענוות, זעהט אויס די גאַנצע מעשה גענוג קאָמיש. אָבער האַראַקטעריסטיש איז דער געבוי־רענער שטאָלץ טאָלסטאָי'ס, זיין ניגונג גיך אויפגערעגט צו ווערען און ענערגיש רעאַגירען אויף יעדע מינדעסטע בעליידיגונג. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען, וויפיעל אינערליכע קרעפטען טאָלסטאָי האָט געמוזט אָנווענדען געגען זיך אַליין, אום צו דערשטיקען זיין עגאָאיזם און געבוירענע גאוה, און מיר וויסען דאָך, ווי שווער עס איז אָנגעקומען טאָלסטאָי'ען איבערצוקעמפּפען זיינע אַלטע גע־וועהנהייטען און תאוות. טאָלסטאָי איז געווען ווייט פון אַסקעטישע געפיהלען. שוין נאָכן קריזיס בעת זיינע עלטערע יאָהרען, האָט טאָלסטאָי שרעקליך ליעב געהאַט אַרומפאָהרען פיעל וויאָרסט אויף אַ וועלאָסיפּעד, פאָהרען ריטענדיג, שפּאַצירען שעהנווייז אין טיעפען וואַלד, שפּיעלען מיט קינדער, שווימען אין טייך און מקנא זיין, ווען ער האָט געזעהען, ווי יונגע קינדער קלעטערען און שפּרינגען און ער קען דאָס ניט טהון. די דאָזיגע געזונדע חושים, די זעלטענע

לעבעדיגע געפיהלען זענען איהם געבליבען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען, און עס איז לייכט זיך פארצושטעלען, ווי שווער עס איז פאר איהם געווען זיך אבצוזאגען פון זיינע איינגעבארענע תאוות. מיר ווייסען, ווי שווער עס איז פאר איהם פאראיבער דער גרויס אליין, ווי ער פלעגט אין די נעכט טרעהרען פערגיסען און פייניגען זיך, אבער ניט לייכטער איז איהם געווען אויך נאך זיין גייסטיגע איבערקעהרעניש.

אויף יעדען שריט און טריט האט ער געמוזט ראנגלען זיך און קעמפפען. האט ער אויפגעהערט רייכערען, האט ער א צייט ניט געקאנט געפינען קיין ארט פאר זיך, ארומגעלאפען פון שטוב צו שטוב, געזוכט פערשיעדענע מיטלען, איידער ער האט אין זיך גובר געווען די תאוה. דאס זעלבע איז געווען, ווען ער האט בעשלאסען אויפהערען טרינקען, פלייש עסען, און נאך שווערער איז איהם אנגעקומען דאס אבזאגען זיך פון געיעג, וועלכען ער האט אזוי ליעב געהאט. זיין ענגלישער ביאגראף מאאד דערצעהלט אונז וועגען דעם א ריהרענדען עפיזאד: אין די 80-ער יאהרען, נאכדעם ווי טאלסטאי האט שוין געהאט בעשלאסען אבזאגען זיך פון די אלע תענוגים, וועלכע זענען לויט זיין איבערצייגונג איבעריג געווען, האט איינמאל די תאוה פון געיעג, צו וועלכען ער איז געווען געוועהנט פיעל יאהרען, אזוי ווייט איהם בעוועלטיגט, אז ער האט ווי א וואהנזיניגער פון ארט זיך אויפגעהויבען, געחאפט אויפ'ן קאפ זיין טאכטערס הוט, וועלכע איז איהם געווען צו דער האנד, און אין אזא משוגע'דיגען אויסזעהן געשווינד אוועק אין וואלד אריין, פון וואנען ער האט פארנאכט געבראכט א דערהרג'עטען פוקס. דאס איז געווען דאס לעצטע מאל, וואס טאלסטאי האט זיך אונטערגעגעבען זיין תאוה צו געיעג, און פון דאמאלס אן האט ער זיך שוין בערוהיגט.

אבער נאך פיעל שווערער איז פאר טאלסטאי'ען געווען דער קאמפף מיט אנדערע, מיט דער ארומיגער וועלט.

ער, וועלכער האט אזוי ענערגיש געפרעדיגט, אז פריוואט-אייגענטום איז מעהר ניט, ווי א אבערגלויבען, אז געלד און ערד-אייגענטום זענען א קללה פאר דער מענשהייט, האט פריהער פון אלץ געדארפט אנהויבען אליין פערווירקליכען דעם אמת, אליין אבזאגען זיך פון זיין גרויסע אימעניע, פון זיין פערמעגען און

צוטיילען דאָס. און מיר ווייסען, אַז טאָלסטאָי האָט מיט׳ן גאַנצען הארצען געוואָלט אָבזאָגען זיך פון זיין אייגענטום, צוטיילען דאָס צווישען די פויערען און אַליין אַוועק וואַנדערען איבער דער גרויסער וועלט, פערלאָזען זיין הויז, זיינע קינדער, זיין פאַמיליע. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען די דראַמע. די פּראַקטישע, איינפאַך־„מענשליכע" גרעפין סאָפיא אַנדרעיעוונאַ, וועלכע האָט פערגעטערט איהר גרויסען מאַן, נאָר ניט געקאָנט בעגרייפען זיין לעהרע, האָט אויפגעהויבען אַ ענערגישען פּראָטעסט געגען דעם. ווי אַ איינפאַכע ליעבענדע מוטער האָט איהר האַרץ ניט געקאָנט פערטראָגען, אַז איהרע קינדער זאָלען בלייבען אָהן אַהיים, אָהן אייגענטום, און ווי אַ פּראַקטישער מענש האָט זי אַרויסגעשטעלט געגען טאָלסטאָי׳ס פערלאַנג אַ וויכטיגע טענה: מיר וועלען צוטיילען אונזער האָב און גוטס, נאָר ווער וועט דערפון געניסען? די מענשהייט? צו קליין איז אונזער פערמעגען, אַז אַ גרויסער טייל מענשען זאָל דערפון געהאָלפען ווערען, העכסטענס וועלען דערפון אויפגעריכט ווערען עטליכע מענשען, נאָר ווי באַלד אַזוי, מיט וואָס זענען ערגער אונזערע אייגענע קינדער, איידער אַנדערע? פאַר־וואָס זאָל אונזער פערמעגען אַריינפאַלען אין פרעמדע הענד, צו עטליכע פויערען און אונזערע זיהן זאָלען דאַרפען מיט די טאָרבעס אַרומגעהן?

עס האָט זיך אָנגעהויבען דער ערשטער ערנסטער צוזאַמענשטוס צווישען טאָלסטאָי׳ען און זיין אייגענע פאַמיליע. דער יונגער ברודער פון דער גרעפין, בערס, שרייבט וועגען יענער צייט: „ליעוו ניקאָלאַיעוויטש האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך געוואָלט בעפרייען פון זיין אייגענטום, ווי פון אַ שלעכטס, וועלכעס האָט איהם ביי זיינע איבערצייגונגען געפּייניגט; אָבער ער איז בעגאַנגען אַ אומרעכט, וועלענדיג איבערטראָגען דאָס שלעכטס אויף אַ צווייטען, ד. ה. דורכאוים צוטיילען זיין פערמעגען, ווייל דערמיט וואָלט ער בעשאַפען אַ אַנדער שלעכטס: אַ ענערגישען פּראָטעסט און גרויסע אונצופריעדענהייט פון זיין פרוי. צוליעב דעם פּראָטעסט האָט טאָלסטאָי פאָרגעלעגט זיין פרוי אָבצושרייבען דאָס פערמעגען אויף איהר נאָמען, און ווען זי האָט זיך דערפון ענטזאַגט, האָט ער דאָס פאָרגעלעגט די קינדער, נאָר אָהן ערפאָלג".

טאָלסטאָי׳ס טעאָריע וועגען ניט ווירקען מיט געוואַלדטהאַט געגען געוואַלדטהאַט האָט איהם ניט ערלויבט מיט געוואַלד צוטיילען

זײַן פֿערמעגען געגען ווילען פֿון זײַן פֿרוי און קינדער. ער האָט לפּחות געוואָלט ווערען אויס אײַגענטימער און פֿאַרגעלעגט זײַן פֿרוי און קינדער אָבצושרײַבען דאָס פֿערמעגען אויף זייער נאָמען, נאָר יענע האָבען דערויף ניט מסכים געווען. טאָלסטאָי האָט זיבער אזא לאַגע ניט געקאָנט אַריבערטראָגען און צווישען איהם און זײַן פֿאַמיליע זענען געוואָרען אָנגעשטרענגטע בעציהונגען.

דער זעלבער בערס שרײַבט וועגען די בעציהונגען: „יעצט בעציהט זיך ליעוו ניקאָלאַיעוויטש צו זײַן פֿרוי מיט עטוואָס פֿאָר־וואורף און זאָגאַר אונצופֿרידענהײַט, בעשולדיגענדיג זי, וואָס זי האָט איהם געשטערט צוצוטיילען זײַן פֿערמעגען און ערציהט ווײַטער די קינדער אין פֿריהערדיגען גײַסט. די פֿרוי ווידער האַלט, אַז זי איז גערעכט, און בעקלאָגט זיך אויף דער בעציהונג פֿון מאַן צו איהר. אין איהר האָט זיך ניט־ווילענדיג ענטוויקעלט אַ פּחד און עקעל צו טאָלסטאָי'ס לעהרע און איהרע פֿאָלגען. צווישען זיי איז זאָגאַר געוואָרען אַ טאָן פֿון געגענזײַטיגען ווידערשפּרוך, אין וועלכען עס הערען זיך טענות און פֿאָרוואורפֿען פֿון אײנעם צום צווייטען. צוטיילען דאָס פֿערמעגען פֿרעמדע מענשען און לאָזען די קינדער איבער דער וועלט געהן, ווען קיין אַנדערער וויל דאָס זעלבע ניט טהון, האַלט די פֿרוי פֿאַר אונמעגליך און אַלס מוטער האַלט זי פֿאַר איהר חוב דאָס ניט צו דערלאָזען.

— מיר איז יעצט שווער — האָט וועגען דעם געשריבען די גרעפֿין אין אַ בריעף — איך מוז יעצט טהון אַלץ, וועהרענד פֿריהער בין איך נאָר געווען זײַן געהילף. דאָס פֿערמעגען און די ערציהונג פֿון די קינדער — אַלץ ליגט אויף מײַנע פּלייצעס. מיך אָבער בעשולדיגט מען דערין, וואָס איך טהו דאָס און געה ניט איבער דער וועלט נדבות בעטען! צי וואָלט איך ניט געגאַנגען מיט איהם, ווען איך זאָל קיין קלײנע קינדער ניט האָבען? און ער האָט אַלץ פֿערגעסען צוליעב זײַן לעהרע".

אַלץ איז פֿאָרלויפֿיג געבליבען אין טאָלסטאָי'ס הויז, ווי געווען, אָבער דער פֿערלאַנג צו פֿערלאָזען אַלץ, צורײַסען מיט אַלע און אַוועק אין פֿאָלק, צו די אָרימע מאַסען, האָט טאָלסטאָי'ען אַ צײַט ניט פֿערלאָזען. אויף איהם פֿלעגט אָפֿט אָנפֿאַלען אַ מעלאַנכאָליע, ווען ער האָט מיט קײנעם ניט געוואָלט רעדען, זיך אָבגעזונדערט אין

זיין צימער און גאנצע טעג ארומגעגאנגען א בייזער, א שווייגענדיגער. איינמאל, דעם 18-טען יוני 1884, פונקט אין דעם טאג, ווען טאלסטאי'ס פרוי האט איהם געבוירען זיין טאכטער אלעקסאנדרא, האט טאלסטאי איבערגעלעבט א שווערען מאמענט, אויף איהם איז אנגעפאלען א גרויסע בענקשאפט און א שרעקליכע סצענע איז דאן פארגעקומען צווישען איהם און דער פרוי. מיט א טאג פריהער פאר דעם געבורט פון דער טאכטער, האט טאלסטאי א ברוגזער און גרויזאמער פערלאזען זיין היים און ערקלערט, אז ביי אזא לוקסוס אין זיין הויז, ביי אזעלכע בעדינגונגען קאן ער ניט לעבען און ער געהט אוועק. וואוהין ער איז אוועק און צי ער וועט נאך צוריקקומען, אדער ניין, דאס האט קיינער ניט געוואוסט. אין דער פריה 5 א זייגער דעם קומענדיגען טאג איז ער צוריק געקומען און א שווייגענדער אריין צו זיך אין קאבינעט. די פרוי, וועלכע האט געהאלטען א מאמענט פאר'ן געבוירען דאס קינד, איז אריין צו איהם אין קאבינעט. זי האט איהם געפרעגט: „מיט וואס האב איך דאס אזוי געזינדיגט, אז איך זאל אזוי שווער בעשטראפט ווערען? מיין גאנצע שולד בעשטעהט דערין, וואס איך האב זיך ניט געביטען און דו יא". טאלסטאי איז געשטאנען א פערמאטערטער, געשוויגען און מיט קיין איין ווארט זי ניט געטרייסט. זי איז ארויס פון צימער און כמעט תיכף אין דעם זעלבען מאמענט געבוירען דאס קינד.

טאלסטאי האט שטיל געליטען און געשוויגען, נאר דער געדאנק וועגען צוטיילען דאס פערמעגען האט איהם ניט פערלאזט און עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז די פרוי האט שוין געהאט בדעה צו בעטען די רעגירונג, אז מען זאל בעשטימען א אפוטרופסות אויף זיין פערמעגען. די פראגע איז ענדליך געלעזען געווארען אין 1901. די פרוי האט מסכים געווען איבערצונעהמען דאס גאנצע פערמעגען טאלסטאי'ס, אבער נאר מיט דעם בעדינג, אז ער זאל איהר געבען א פאלקאמע בעפאלמעכטיגונג אויף אלע זיינע ווערק, אויסער די לעצטע, וועלכע זענען געשריבען געווארען אין גייסט פון זיין לעהרע. טאלסטאי האט אבגעשריבען זיין אימעניע אויף'ן נאמען פון דער פרוי און קינדער, וועלכע ער האט געגעבען כמעט גלייכע חלקים, און אין דער זעלבער צייט האט ער פערעפענטליכט אז אלע זיינע ווערק פון 1881 און ווייטער געהערען דער געזעלשאפט און ער וועט אויס בעל הבית איבער זיי.

אויף אזא אופן איז געשאפען געווארען א קאמפראמיס. טאלסטאי האט זיין פערמעגען ניט צוטיילט, נאר ער איז געווארען אויס בעל הבית, געווארען ביי זיך אין דער־היים א פרעמדער און געלעבט ווי א גאסט ביי זיין פרוי און קינדער. דער דאזיגער קאמפראמיס האט ארויסגערופען ביי טאלסטאי'ס קריטיקער מערעזשקאווסקי שארפע ווערטער געגען דעם, וועלכער האט געלערנט אנדערע צו לעבען אין ארימקייט און אהן אייגענטום, און אליין ניט געהאט קיין כח צו פערווירקליכען זיין אידעע און ווערען א נע־ונד'ניק און זיך אין דער וועלט לאזען. „צי איז דאס ניט קיין איראניע, שרייט אויס מערעזשקאווסקי, צי איז דאס ניט קיין בעזער שפאס פון איהם אליין, פון אונז און פון קריסטוס'עס לעהרע? און אויב דאס האט נאך עפעס א זינן פאר'ן געוועהנליכען מענשליכען משפט, איז פאר גאט'ס משפט, וואס זשע בלייבט: האט ער ערפילט קריסטוס'עס געבאט אדער ניט ערפילט, האט ער צוטיילט זיין אימעניע, אדער ניין? דא קאנען ניט זיין קיין צוויי ענטפערען, דא איז ניטא קיין פשרה, דא בלייבט נאר איינס: אדער יא, אדער ניין". דער שטרענגער קריטיקער מערעזשקאווסקי האט ניט געוואלט פערשטעהן, אז אפטמאל איז פאר א מענשען פיעל שווערער און טראגישער זיך האלטען ביים „יא" מיט'ן „ניין" צוזאמען, איידער ביים בעשטימטען יא, אדער בעשטימטען ניין.

דער קאמפראמיס, אויף וועלכען טאלסטאי איז איינגעגאנגען, האט פריהער פון אלי'ן בעשאפען א טראגישע לאגע פאר איהם אליין. צו טאלסטאי'ען, אויף וועלכען אנדערע האבען געקוקט ווי אויף א גוטמוטיגען בורזשוי־פילאנטראפ, פלעגען טויזענדער מענשען זיך ווענדען נאך הילף, און, נאטירליך, האט טאלסטאי זייערע בקשות ניט ערפילט, ערשטענס, ווייל ער איז דאס ניט אימשטאנדע געוועזען צו טהון און צווייטענס, ווייל טאלסטאי האט ניט געשפירט אין זיך קיין חוב צו ערפילען די בקשות פון שנארער, וועלכע האבען געוואלט אויסנוצען זיין לעהרע פאר זייערע קליינליכע אייגענע אינטערעסען. אבער ניט זעלטען פלעגט זיך מאכען, אז צו טאלסטאי'ען האט זיך געווענדעט נאך הילף ניט קיין שנאר'ער, נאר מענשען, וועלכע האבען ווירקליך זיך גענויטיגט אין הילף, אמאל אויך אנהענגער פון טאלסטאי'ס רעליגיע, פאר וועלכע טאלסטאי איז געווען די לעצטע רעטונג, נאר אויך יענע האט טאלסטאי ניט געהאלפען

און ניט געוואָלט העלפֿען און אָפּט פֿלעגען פֿאָרקומען ביי זיי
געלעגענהייט קאָמיש־טראַגישע סצענעס.

וועגען אַזאַ סצענע דערצעהלט איינער פֿון טאָלסטאָי'ס נאָהענטע
תלמידים.

צו טאָלסטאָי'ען איז אַמאָל געקומען אַ יונגער סעמינאַריסט
מיט אַ געשריבענעם ווידוי אין דער האַנד, אין וועלכען ער האָט
דערצעהלט, ווי אַזוי זינדיג ער האָט ביזהער געלעבט, ווי אַזוי ער
האָט געוואָלט ענדיגען די סעמינאַריע, כדי צו מאַכען אַ לייכטע
קאַריערע, נאָר דערנאָך האָט ער איינמאָל עפּעס אַ חלום געזעהען,
פֿאַר איהם האָט זיך מיט אַמאָל ענטדעקט די פֿאַלשקייט פֿון זיין
לעבען און ער האָט בעשלאָסען אָנהויבען אַ נייע לעבען. יעצט —
האָט דער סעמינאַריסט זיך געווענדעט צו טאָלסטאָי'ען, — האָב איך
בעשלאָסען ניט לערנען זיך מעהר אָבצונאַרען דאָס פֿאָלק און ליגען
אויף זיינע פּלייצעס... העלפֿט מיר נאָר צו מאַכען אַ סוף פֿון מיין
אַלטען לעבען. אויסער זינד, האָב איך נאָך אָנגעמאַכט חובות און
איך דאַרף יעצט 150 רובל, אַנדערש בין איך פֿערפֿאַלען, ווייל איך
וועל בלייבען אַ נידערטרעכטיגער פֿאַר מיינע חברים און עלטערען.
באָרגט מיר אויף אַ צייט 150 רובל!...

טאָלסטאָי האָט דעם יונגען סעמינאַריסט בעוויזען אַ בריעף
פֿון אַ דאַמע, וועלכע בעט ביי איהם 500 רובל שטיצע, כדי איהר
טאָכטער זאָל קאָנען ענדיגען די קאָנסערוואַטאָריע, און פֿון אַ מיידעל,
וועלכע בעט 50 רובל פֿאַר איהר קראַנקער מוטער, ער האָט איהם
אָנגעוויזען אויף אַנדערע, וועלכע זענען געשטאַנען אין טאָלסטאָי'ס
צימער צוזאַמען מיט'ן סעמינאַריסט און אויך געבעטען שטיצע. —
וואָס זאָל איך דאָס אַלץ נעהמען? האָט טאָלסטאָי געפֿרעגט.

דער סעמינאַריסט האָט ניט אָבגעלאָזט און געענטפֿערט טאָל־
סטאָי'ען, אַז פֿאַר איין קליינע ערצעהלונג זיינע קאָן ער האָבען
גענוג צו בעפֿרידיגען די בקשות פֿון די אַלע אַנוועזענדע, וואָס
זענען נאָך הילף געקומען, און ווען טאָלסטאָי האָט איהם אָבגע־
ענטפֿערט, אַז ער פֿאַר זיינע ווערק נעהמט שוין לאַנג קיין
האָנאָראַר ניט, האָט דער סעמינאַריסט זיך אַלץ ניט בערוהיגט. —
נעהמט ביי אייער פֿרוי..., האָט ער געזאָגט, נעהמט פֿון אייער
אימעניע

— איך האב ניט קיין אימעניעס. און די פרוי קאן איך פרעגען: פון וואנען זאל זי נעהמען געלד?

— וואס הייסט, איהר האט ניט קיין אימעניעס? אבער איהר לעבט דאך פון עפּעס? איהר עסט דאך?

א, יא — האט מיט תחנונים און בעשולדיגט געענטפערט טאל־סטאי. — איך בין זעהר א שלעכטער מענש און לעב אויף דעם חשבון פון פרעמדע. מיך האט מען פיעל זאכען געלערנט, גאר ווי אזוי אליין צו בעקומען ברויט, האט מען מיך ניט אויסגעלערנט. יעצט בין איך שוין צו אלט, אום זיך צו לערנען. נאר איך טרייסט זיך חאטש דערמיט, וואס איך פערגעס קיינמאל ניט מיין זינד פאר'ן פאלק און סטארע זיך נעהמען ביי מענשען, וואס ווינציגער. און איך קאן קיינמאל ניט ברויכען אזוי פיעל געלד וויפיעל די, וועלכע שרייבען מיר. איהר זאגט, אז איך זאל נעהמען געלד פון דער אימעניע, נאר וואס וועט זיין, אז מען וועט מיר זאגען, אז דארט ווילען די פויערן ניט צאהלען פאר דער ארענדע און די ארבייטער ווילען ניט ארבייטען, וואס דארף מען זיי טהון? אויף די פויערען אנגעבען אין געריכט און מאכען זיי א ליציטאציע און אויף די ארבייטער זיך בעקלאגען פאר'ן פריסטאוו, אז ער זאל זיי מיט געוואלד צווינגען ארבייטען?

דער ענערגישער סעמינאריסט האט זיך דאך ניט געקאנט בע־רוהיגען. ער האט ערקלערט טאלסטאי'ען, אז כדי צו בעצאהלען זיינע חובות, וועט ער מוזען שרייבען וועקסלען און כדי מען זאל איהם טרויען, וועט ער ווייטער מוזען זיצען אין סעמינאריום, נאר דאס וויל ער ניט, ער וויל ווערען א איינפאכער ארבייטער און מאכען א סוף צו זיין אמאליגען לעבען.

— ליעוו ניקאלאיעוויטש. האט ער אויסגעשריען, וואס זאל איך טהון? איך דארף אזוי נויטיג, אזוי נויטיג?...

— איך קאן אייך ניט זאגען, האט טאלסטאי געענטפערט, וואס איהר זאלט טהון, עס איז זעהר שווער צו געבען יענעם עצות, ווייל יעדער האט זיך זיינע נייגונגען. נאר אט־וואס איהר דארפט ניט טהון, דאס קאן איך אייך זאגען — און טאלסטאי האט אנגעהויבען פאר'ן סעמינאריסט ערקלערען זיינע נעגאטיווע פרינציפען, וועלכע זענען בעקאנט פון זיין לעהרע.

דער סעמינאריסט, וועלכער איז וואהרשיינליך, געוועזען אפענ־

הערציג און ניט געליינט, האָט געמוזט אויסגעהן מיט גאָרניט און טאָלסטאָי, וועלכער איז געבליבען טריי זיינע פּרינציפּען, איז געווים פאַר זיך געווען גערעכט. ער האָט ווירקליך קיין געלד ניט געדאַרפט, די אימעניע האָט געהערט זיין פרוי, ער אַליין איז געווען, ווי אַ גאַסט ביי איהר, און די לעצטע יאָהרען האָט טאָלסטאָי זיך זאָגאַר געהיט, אַז ער זאָל קיינמאָל ניט האַלטען און ניט בענוצען קיין געלד. אָבער איז טאָלסטאָי אויך געווען גערעכט, ווען מען בעטראַכט די זאַך פון געוועהנליכען מענשליכען שטאַנדפּונקט? מענשען, לעבעדיגע מענשען מיט לעבעדיגע בעדערפנישען זענען צו איהם געקומען נאָך הילף און אַנשטאָט געלד, וועלכע טאָלסטאָי האָט דאָך פערמאָגט פיעל, אָדער זאָגאַר אַ איינפאַכע עצה, ווי צו לעבען, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך פון אַ אומגליק, האָט טאָלסטאָי געדאַרט נאָר איין ענטפער: איך קאָן אייך נאָר זאָגען דאָס, וואָס מען דאַרף נישט טהון...

די אַלע, וועלכע האָבען זיך געווענדעט צו טאָלסטאָי'ען מיט עצות און פראַגען, האָט ער געקאָנט געבען נאָר איין ראַדיקאַלען ענטפער: זענט ווי איך אַליין. אָבער ניט יעדער קאָן דאָך זיין אַ טאָלסטאָי, עס איז דאָך ווינציג אָנצונעהמען זיין לעהרע און גלויבען אין זיינע אידעען, מען מוז נאָך אַליין מיט דער גאַנצער נאַטור און פסיכאָלאָגיע, מיט דער גאַנצער גייסטיגער ענטוויקלונג און וועהנישען זיין דאָס, וואָס טאָלסטאָי איז געווען, אום צו לעבען, ווי ער. וואָס אָבער האָט ער געקאָנט געבען מענשען, וועלכע האָבען איבערגעלעבט אַנאַנדער לעבען און אַנדערש ווי ער געפיהלט? דעריך איז די סיבה דערפון, וואָס טאָלסטאָי'ס השפעה אויף אַנדערע האָט ניט געקאָנט זיין קיין דירעקטע און וואָס פון טאָלסטאָי'ס לעהרע איז אין לעבען נאָר אַ קליינע סעקטע געוואָרען, אַ סעקטע פון בעגרענעצטע תלמידים-טאָלסטאָוצעס. אַפילו איף זיינע אייגענע קינדער האָט טאָלסטאָי ניט געקאָנט האָבען קיין גרויסען איינפלוס און אויב זיינע טעכטער זענען נאָך ווי עס איז געווען נאָהענט צו איהם, האָבען זיינע זיהן אינגאַנצען זיך דערווייטערט פון זיינע וועגען. ווען זיינע זיהן זענען דערוואַקסענע געוואָרען און דער גרויסער פאָטער זייערער האָט זיי געוואָלט פיהרען אין זיין וועג, האָבען זיי איהם געשטעלט די פראַגע שאַרף און בולט: פאָטער, וואָס זשע דאַרף מען טהון, אום דיך צו געהאָרכען און אין דיין וועג געהן?

דערויף האָט טאָלסטאָי געקאָנט נאָר ענטפֿערען: ווערט מושיקעס און הויבט אָן די ערד פּאַשען. אָבער כדי אַז געבוירענע אַריסטאָקראַטען און זיהן פֿון אַ בעשטימטע קולטור זאָלען מיט אַ מאָל וועררען איינפֿאַכע פּויערען און זיך מיט זייער גאַנצע קולטור (אַ ירושה פֿון זייערע אבות שיידען, איז ווינציג צו האָבען פּאַסענדע איבערציינונגען, עס איז זאָגאַר ווינציג דער רצון דאַצו, מען דאַרף דאַצו דורכמאַכען אַ לאַנגען שווערען וועג, דעם זעלבען וועג, וועלכען עס האָט מיט אינערליכע ליידען און זוכענישען דורכגעמאַכט טאָלסטאָי אַליין. זיינע קינדער זענען אָבער ניט געוועזען די זעלבע, וואָס ער, און ביי זייער גאַנצען פֿערלאַנג האָבען זיי געמוזט אין אַנדערע וועגען געהן. איינער איז אַ אָפֿיציער געוועזען, דער אַנדערער — אַ זעמסקי טהוער, דער דריטער — אַ דאָקטאָר, דער פֿירטער — אַ גוטסבעזיצער, און איינער פֿון טאָלסטאָי'ס זיהן איז זאָגאַר אַ מיטגליעד פֿון אַ שוואַרצמאה'דיגע אָרגאַניזאַציע, און ניט ווינציג צרות פֿערשאַפֿט זיין גרויסען פֿאָטער.

קיין נחת פֿון קינדער האָט טאָלסטאָי ניט געהאַט און די גאַנצע ערציהונג פֿון זיינע קינדער איז איבערגעגאַנגען צו דער פֿרוי, סאָפֿיא אַנדרעיעווגאַ; אין זיין הויז, וואו עס האָט געוועלטיגט די קולטורעלע „פֿאַלשקייט" און לוקסוס, געגען וועלכע טאָלסטאָי איז אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטען, האָט ער זיך געמוזט שפּירען, ווי אַ פֿרעמדער, אַ איינזאַמער; מיט דער גרויסער וועלט, ניט קוקענדיג אויף זיין גרויסען רוהם און אינטערעס צו אַלץ, וואָס ער האָט געשריבען און געטהון, איז טאָלסטאָי אויך ניט געווען צוזאַמענגעבונדען מיט קיין פֿעסטע פֿעדים, — וואָס האָט דער דאָזיגער מענש מיט דער גרויסער נשמה, פֿון אַ אַלטען פּאַטריאַרך געהאַט צו טהון אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ? דאָ האָט ער אויסגעזעהען, ווי עפּעס אַ קינד, אָדער אַ אַלטער בטלן, וועלכער האָט ניט קיין אינערליכע בעציהונג צו אַלץ אַרום און איז אינגאַנצען איבעריג. טאָלסטאָי האָט ניט געקאָנט ניט שפּירען די אוננאַטירליכקייט פֿון זיין לאַגע און אין אַ בריעף צו ענגעלגאַרדט'ען בעקלאָגט ער זיך דערויף, וואָס ער איז איינזאַם און וואָס אַלע אַרומיגע אינטערעסירט גאַנץ ווינציג דאָס, וואָס איז דער אמת'ער תוך פֿון זיין „איך", און אין מינוטען פֿון שוואַכקייט האָט טאָלסטאָי געשפּירט, אַז ניט ער קאָן יענעם העלפֿען, נאָר ער אַליין נויטיגט זיך אין הילף, ווייל ער איז צו שוואַך און אונבעהאָלפֿען.

אין אַ בריעף צו דעם זעלבען ענגלענדער'ען געפינען מיר פאָלגענדע שורות פון דעם גרויסען זקן:

„לייענט מיך, ווי אַזוי אויסצופלאָנטערען זיך פון דער גאַנץ פון זינד, וועלכע האָבען מיך אַרומגעכאַפּט, העלפט מיר, און איך וועל פאָלגען; מאַכט מיר פאָרוואורפען, איך אַליין טהו דאָס, אָבער בעשולדיגט נאָר מיך און ניט דעם וועג, אויף וועלכען איך געה און וועלכען איך ווייז אַן אַנדערע, וואָס פרעגען ביי מיר אַ עצה. הענגען דעם ריכטיגען וועג, אויב איך ווייס דעם וועג אַהיים, נאָר געה איבער איהם אַ שכור'ער, וואַקלענדיג זיך אין אַלע זייטען, איז דען דערפון געדרונגען, אַז דער וועג אַליין איז ניט ריכטיג? אויב דער וועג איז ניט קיין ריכטיגער, ווייזט מיר אַן אַנדערען; אויב איך וואַקעל זיך און בלאָנדזשע, העלפט מיר, האַלט מיך אונטער, פונקט ווי איך בין גרייט אייך צו שטיצען, אָבער פירט מיך ניט אַראָב, פרעהט זיך ניט דערמיט, וואָס איך האָב פערבלאָנדזשעט און שרייט ניט מיט נצחון: אָט האָט ער געזאָגט, אַז ער געהט אַהיים און איז גאָר פערקראָכען אין אַ בלאָטע! פרעהט זיך ניט דערמיט, נאָר העלפט מיר, שטיצט מיך. איהר זענט דאָך ניט קיין שדים פון דער בלאָטע, נאָר אייך מענשען, וואָס זוכען אויך אַהיים. איך בין דאָך אַליין און קאָן דאָך ניט וועלען קריכען אין אַ בלאָטע. העלפט מיר! מיין האַרץ ווערט צוריסען פון פערצווייפלונג, וואָס מיר אַלע האָבען פערבלאָנדזשעט און ווערענד איך ציטער אויף מיט מיין גאַנצען האַרצען, זענט איהר, אַנשטאָט בעדויערען מיך און זיך אַליין, צופרידען מיט יערען פעהלער מיינעם און האַלט אין איין שרייען: אָט זעהט, אויך ער ליגט אין דער בלאָטע צוזאַמען מיט אונז אַלע!"

טאָלסטאָי האָט געזוכט אַהיים פאַר זיך און וואָס ווייטער, אַלץ איינזאַמער האָט ער זיך געשפירט צווישען די איינענע, צווישען די פריינד און צווישען די טויזענדער פערעהרער, תלמידים, קאָרעספּאָנדענטען פון צייטונגען און סתם נייגיעריגע מענשען, וועלכע האָבען איהם קיין רוה ניט געגעבען. נאַטירליך, אַז ער האָט אַלץ מעהר געמוזט זיך פערטיפען אין זיך און מיר זעהען, ווי די לעצטע יאָהרען הויבט אין איהם אָן זיך הערען אַלץ העכער און העכער יענע מעלאָדיע, וועלכע האָט איהם בעגלייטעט אין זיין גאַנצען לעבענס-וועג: די מעלאָדיע וועגען טויט. מיר האָבען געזעהען, ווי

דער שרעק פאר'ן טויט איז געווען א מעכטיגער אימפולס אין טאָלסטאָי'ס שאפען אלס קינסטלער, ווי דער זעלבער שרעק האט איהם געבראכט צו זיין גייסטיגען קריזיס, וועלכער האט די וועלט איבערראשט. יעצט, אין די לעצטע יאָהרען, איז דער שרעק פערוואנדעלט געוואָרען אין עפעס א מיסטישע פריידע, אין א פייערליכע ערווארטונג פון טויט, וועלכער האט שוין ביי טאָלסטאָי'ען ניט ארויסגערופען קיין שרעק, נאָר א קלאָרע פריידע, ווי פאר א גראנדיעזע געטליכע ערשיינונג.

פראָפ. סנעגיריעוו דערצעהלט זעהר א אינטערעסאנטען פאקט וועגען דער בעציהונג פון טאָלסטאָי'ען צום טויט.

אין יאָהר 1896 איז די גרעפין געפעהרליך קראנק געוואָרען און קיין יאסנאיא פאָליאנא איז ארויסגערופען געוואָרען דער פראָפ. סנעגיריעוו. ער האט בעטראכט די קראנקע, געפונען, אז די לאגע איז זעהר ערנסט און אז דאס איינציגע מיטעל, וועלכעס קאָן זי אפשר ראטעווען פון טויט, איז א באלדיגע אָפּעראציע. סנעגיריעוו האט באלד טעלעגראפיש ארויסגערופען פון מאָסקווא און פעטערבורג אסיסטענטען, געהייסען אלץ פארטיג מאכען צו דער אָפּעראציע און דערנאָך ערקלערט טאָלסטאָי'ען. אז דער מאָמענט איז אויסערסט ערנסט און די איינציגע מעגליכע רעטונג איז אַן אָפּעראציע. טאָלסטאָי האט אויסגעהערט און געענטפערט:

— איך קוק פעסימיסטיש אויף דער לאגע פון מיין פרוי; זי ליידעט פון אַן ערנסטע קרענק. עס איז אָנגעקומען די גרויסע פייערליכע מינוט פון טויט, וועלכע ווירקט אויף מיר, ווי א פריידע. און מען מוז זיך אונטערגעבען דעם ווילען פון גאָט... איך בין געגען אריינמישען זיך אין פראָצעס פון קרענק, ווייל דאס צערשטערט די גרויסקייט און פייערליכקייט פון גרויסען אקט פון טויט... אלע מוזען מיר שטארבען, אויב ניט היינט, מאָרגען... אין 5 יאָהר ארום. איך פערשטעה, אז איהר קאָנט אנדערש ניט טהון. און דעריבער טרעט איך דאָ אָב אָן א זייט: איך בין ניט פאר, ניט געגען... דאָס וועלען זיך צונויפקומען די קינדער, עס וועט קומען צופאָהרען דער עלטסטער זוהן, סערגיי. זאָלען זיי בעשליסען, וואָס צו טהון.

דער פראָפ. האט געענטפערט: — עס קאָן זיין, מען דארף טאקי ניט מאכען קיין אָפּעראציע, אָבער דאמאָלס געפינט אַן אנדערע מיטעל, ווי צו שטילען דעם וועהטאָג און פערקלענערען די יסורים. איך ווייס ניט קיין יעדער מיטעל, אויסער א אָפּעראציע

— יסורים זענען נויטווענדיג; זיי העלפען צו־צוגרייטען זיך צום גרויסען אַקט פון טויט, — האָט טאָלסטאָי דערויף געענטפערט.

דאָס איז ניט געווען קיין סתם אַקאַדעמישער דיספוט, אָדער אַ געדאַנק פון אַ פילאָזאָף־אַ בטלן, ווייל עס איז בעקאַנט, אַז טאָלסטאָי האָט זיין פרוי ליעב געהאַט ביז'ן טויט און איהר לעבען איז איהם געווים געווען טייער. דאָ איז געווען אַ טיעפע איבערצייגונג פון אַ מענשען, וועלכער האָט שוין לאַנג זיך מכין געווען צום טויט. און געווים וואָלט טאָלסטאָי פונקט אַזוי זיך בעצויגען צו דער פראַגע וועגען אָפּעראַציע, ווען עס זאָל זיך געווען האַנדלען וועגען זיין אייגענער פּערזאָן.

די געדאַנקען וועגען טויט ווערען אַלץ אָפטער אין טאָלסטאָי'ס טאַגע־בוך און אין זיינע בריעף. אין איין אָרט שרייבט ער: „טראַכטען וועגען טויט איז גאָרניט, נאָר דער עיקר איז לעבען און קוקען אויפ'ן טויט. דאָס גאַנצע לעבען ווערט דאַן פייערליך, בעדייטענד און אמת־פרוכטבאַר און פריידענספול. קוקענדיג אויפ'ן טויט קאָנען מיר נישט ניט אַרבייטען פלייסיג, פאַרקערט ווייל דער טויט קאָן קומען יעדע מינוט און איבעררייסען די אַרבייט, ווי איך דערפאַר, ווייל אין די אויגען פון טויט קאָן מען נישט טוהן דאָס, וואָס איז ניט־נויטיג פאַר'ן לעבען, ד. ה. פאַר גאָט. און ווען דו אַרבייטסט אַזוי, ווערט דאָס לעבען פול פון פרייד און עס איז מעהר ניטאָ יענער שרעק, — דער שרעק פון טויט, וועלכער פערגיפטעט דאָס לעבען פון די לעבעדיגע, צוזעהענדיג דעם טויט פון אַנדערע. וואָס בעסער עס איז דאָס לעבען, אַלץ קלענער איז דער שרעק פאַר'ן טויט". און נאָך אין 1909 שרייבט ווידער טאָלסטאָי: „מיין לעבען ווערט ווי פריהער מיט יעדען טאָג פריידענס־פולער. מערקווירדיג און בעדויערנסווערט זענען יענע מענשען, וועלכע קאָנען ניט פיהלען קיין דאַנקבאַרקייט פאַר'ן גליק פון לעבען".

ער האָט זיך מכין געווען צום טויט און דאָס לעבען איז פאַר איהם געוואָרען אַלץ פייערליכער, אָבער דער טויט איז ניט געקומען און פאַר טאָלסטאָי'ען איז געבליבען איין טראַגישע זייט, וועלכע ער האָט אויף קיין פאַל ניט געקאָנט אויסמיידען: זיין אָבגעשטויסענהייט פון אַרומיגען קולטורעלען, געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען. דער, וועלכער האָט אַזוי פיעל יאָהרען געפּרעדיגט ליעבע און פאַסיווע בעציהונג צום שלעכטס, האָט ניט געקאָנט נישט

זעהן און פערשטעהן, אז דאס לעבען מאכט א שפאס פון זיינע אידעען, אז לעבען איז קאמפף און ניט קיין איבערמענשליכע ליעבע און הכנעה, און טאלסטאי האט געמוזט צוזעהן, ווי אזוי דאס אליין, וואס לעבט, איז געגען איהם און זיינע אידעען. ארום איהם האט גערוישט און געקאכט, האס „גוטע" אין לעבען איז געשאפען געווארען אויסערהאלב טאלסטאי'ס פרינציפען און דאס „שלעכטע" — געגען זיין ווילען. וואס האט דא געהאט צו טהון טאלסטאי מיט זיין גלויבען אין „ניט ווידערשטעהן דעם שלעכטס"? ער האט ניט געקאנט נישט שפירען, אז ער איז אבגעשטויסען פון דער וועלט, אז דאס לעבען ווערט געשאפען אהן איהם און ער האט ניט געקאנט נישט ליידען.

נאך אין 1881, ווען עס איז דורך די רעוואלוציאנערען דערהרג'עט געווארען דער קייזער אלעקסאנדער דער צווייטער, האט טאלסטאי דערשפירט זיין אבגעריסענהייט פון ארומיגען לעבען. צו אזא פאקט, ווי די ערמארדונג פון קייזער און דערנאך דער טויט־אורטייל אויף די יונגע רעוואלוציאנערען, סאפיא פעראווסקא און אנדערע, האט געמוזט עקזיסטירען א בעשטימטע בעציהונג: איינינע האבען געטאדעלט די מערדער און געווען צופריעדען מיט זייער טויט, אנדערע האבען זיך געפרעהט מיט דער ערמארדונג פון קייזער און בעדויערט די ליידען פון די יונגע מערטירער־רעוואלוציאנערען. וואס האט אבער דא געקאנט טהון טאלסטאי מיט זיין טעאריע וועגען ניט־ווידערשטעהן דעם שלעכטס? ער האט ניט געקאנט מסכים זיין ניט מיט די פייניגער, ניט מיט די געפייניגטע, פאר איהם איז די טויט־שטראף איבער די רעוואלוציאנערען געווען אפשר א גרעסערער קלאפ, אידער ווי פאר די פריינד פון די רעוואלוציאנערען אליין, און טאלסטאי ווענדעט זיך דאן צום קייזער אלעקסאנדער דעם דריטען מיט זיין בעוואוסטען בריעף וועגען בעגנעדיגען די מערדער פון אלעקסאנדער דעם צווייטען. אין דעם בריעף האט טאלסטאי צווישען אנדערעס געשריבען:

קייזער! ווען איהר זאלט דאס טהון, רופען די דאזיגע מענשען, זיי געבען געלד, זיי אוועקגעשיקט ערגעץ קיין אמעריקא און אנגעשריבען א מאניפעסט מיט די ווערטער פון אויבען: „און איך זאג: ליעבט אייערע פיינד", דאמאלס, איך ווייס ניט, ווי אנדערע, נאר איך, א שלעכטער אונטערטאן, וואלט געווארען אייער הונד

איינער קנעכט". דערדערגענדיג, פערניכטענדיג זיי (די רעוואָלוציאָנערען), קאָן מען מיט זיי ניט קעמפפען. ניט זייער צאָהל איז וויכטיג, נאָר זייערע אידעען. כדי צו קעמפפען מיט זיי, דאַרף מען קעמפפען גייסטיג. זייער אידעאַל איז גליק פאַר אַלעמען, פרייהייט, גלייכהייט; כדי צו קעמפפען געגען זיי, דאַרף מען אַוועקשטעלען געגען זיי אַזאַ אידעאַל, וועלכער זאָל זיין העכער פאַר זייערען, איינשליסענדיג אויך זייער אידעאַל. די פראַנצויזען, ענגלענדער קעמפפען יעצט געגען זיי, אָבער אויך אָהן ערפאָלג".

דער דאָזיגער בריעף האָט לאַנג אַרומגעוואַנדערט, ווייל פאָביעדאָנאָסצעוו האָט איהם ניט געוואָלט צושטעלען דעם קייזער, נאָר ווען דער בריעף איז ענדליך דורך זייטיגע וועגען דערגאַנגען צום קייזער, האָט מען טאָלסטאָי'ען דאָך ניט געפאָלגט און די רעוואָלוציאָנערען זענען געהאַנגען געוואָרען. פון דאַמאָלס אָן האָט טאָלסטאָי אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט פערגעסען דעם איינדריק וועגען דעם טויט-שטראָף. ער האָט איבערגעלעבט דעם שרעק פאַר דעם טויט פון די געהאַנגענע ניט ווי אַ גוט-הערציגער קליינבירגער, נאָר ווי אַ קינסטלער, וועלכען די פאַנטאַזיע האָט געמאָלט אַ שרעקליך בילד פון די געהאַנגענע מענשען, און די פאָרשטעלונג וועגען דער תליה איז ביי טאָלסטאָי'ען געווען אַזוי קלאָר, אַז אַ לאַנגע צייט פלעגט ער ליידען פון דעם בילד, וואָס האָט זיך פאַר זיינע אויגען פאָרגעשטעלט, און פלעגט שלינגען די סליונע, כדי איבערצייגען זיך, אַז ער אַליין לעבט און איז ניט דערשטיקט דורכ'ן תליה-שטריקעל.

די מאַכט האָט טאָלסטאָי'ס עצה און בקשה צו געהן אין וועג פון קריסטוס און מוחל זיין די פיינד ניט געפאָלגט. ניט געפאָלגט טאָלסטאָי'ען האָט אויך די געזעלשאַפט, וועלכע איז געגאַנגען ווייטער אין איהר וועג, אויפ'ן וועג פון קאַמפף און ניט אויפ'ן וועג פון הכנעה פאַר דעם שלעכטס. וואָס מעהר רוסלאַנד איז רייפער געוואָרען און וואָס מעהר די געזעלשאַפט איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין פאָליטישען קאַמפף, אַלץ עלענדער האָט זיך געמוזט שפירען טאָלסטאָי מיט זיינע אידעען וועגען קעמפפען געגען שלעכטס דורך אונטערשטעלען די באַק. נאָך שווערער איז געוואָרען טאָלסטאָי'ס לאַגע דורכדעם, וואָס ער איז פאַקטיש געווען דער פרייסטער פון אַלע בירגער, און אין דער צייט, ווען מען האָט שטרענג בע-

שטראָפֿט אַנדערע פֿאַר דעם קלענסטען פֿרייען וואָרט, האָט מען טאָלסטאָי'ען געלאָזט פֿריי רעדען און פּרעדיגען זיינע אידעען וועלכע זענען געווען געווענדעט סיי געגען די אינטערדריקער, סיי געגען די אונטערדריקטע. פּאָביעדאָנאָסצעוו און דער מיניסטער טאָלסטאָי האָבען דעם איינזאַמען זקן פֿון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ געוואָלט פֿערשפּאַרען אין אַ מאָנאַסטיר, נאָר מען האָט מורא געהאַט פֿאַר איראָפּאַ און די העכערע מאַכט האָט זיך אויף אַזאַ שריט ניט געקאָנט באַשליסען. טאָלסטאָי איז דעריבער געבליבען ווייטער פֿריי און די אויסשליסליכע פֿרייהייט האָט איהם ניט געקאָנט נישט ערגערען. זיינע תלמידים האָט מען באַשטראָפֿט און פֿערשיקט פֿאַר פֿערשפּרייטען זיינע אידעען און איהם אַליין האָט מען געלאָזט אויף דער פֿרייהייט. פֿאַר טאָלסטאָי'ען איז אָבער די פֿרייהייט געווען ערגער אפשר, אידער קאַטאָרגע און ער האָט באמת, מיטן גאַנצען האַרצען, געזוכט אַ קרייץ, געוואָלט אַ מאַרטירער ווערען און ליידען גלייך מיט אַלע. אין זיין בריעף צום יוסטיץ-מיניסטער מוראַוויעוו און דערנאָך צו אַנדערע פֿון די רעגירונגס-לייט האָט טאָלסטאָי זיך געבעטען רחמים, אַז מען זאָל אָנשטאָט זיינע תלמידים, וועלכע פֿערשפּרייטען זיינע אידעען, באַשטראָפֿען איהם אַליין, דעם פֿאָטער פֿון דער „געפֿעהרליכער" אַגיטאַציע, נאָר זיין בקשה איז געבליבען ניט ערפֿילט. עס איז אָנגעקומען דאָס יאָהר 1905, אין רוסלאַנד האָט אויסגעבראָכען די גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע האָט פֿערחאַפּט כמעט דאָס גאַנצע פֿאָלק, און טאָלסטאָי האָט געמוזט נאָך שאַרפֿער און בולטער דערשפּירען זיין איינזאַמקייט אין דעם לעבען. מענשען האָבען געקעמפּפֿט, אויף קאַטאָרגע און תליות געגאַנגען פֿאַר זייערע אידעען, אַרום האָט דאָס לעבען געשטורמט און דער מענש איז געוואַקסען, וואָס פֿאַר אַ זינן האָבען דאַמאָלס געהאַט די אידעען וועגען הכנעה און וועגען ניט ענטפֿערען מיט געוואַלדטהאַט געגען געוואַלדטהאַט? דאָס לעבען האָט פֿון טאָלסטאָי'ס טעאָריע וועגען ליבע, אַ קאַריקאַטור געמאַכט און טאָלסטאָי'ס ווערטער צו די אינטערדריקער און אונטערדריקטע האָבען דאַן געקלונגען, ווי אַ שטים אין דער מדבר. די געזעלשאַפֿט האָט אָן טאָלסטאָי'ען אויף אַ ווײַלע פֿערגעסען, ער אַליין האָט זיך געשפּירט נאָך מעהר אָבגעריסען און דערווייטערט פֿון אַרומיגען לעבען. און ווען אין רוסלאַנד האָבען זיך אָנגעהויבען די תליות און טויט-שטראָפֿען, וואָס זענען געוואָרען אַ געוועהנליכע

ערשיינונג, האט זיך פון יאסנאיא פאָליאַנאַ דערהערט אַ טראַגישער געשריי: „איך קאָן ניט שווייגען!", בעסער טויט אָן אַ שטריקעל אויף מיין אַלטען האַלז, אײדער מיך איבערלאָזען אַלס ניטראַלער צושויער פון די שרעקען, וועלכע ווערען אָבגעטהון אין לעבען.

אפשר איז אויך אין דעם געשריי: „איך קאָן ניט שווייגען" געווען עטוואָס פון דעם שרעק פאַר'ן טויט, וועלכער האָט טאָלסטאָי'ען בעגלייט אַלע יאָהרען און וועלכען ער האָט אַזוי בולט אַלס קינסטלער דורכגעלעבט, נאָר יעדענפאַלס האָט מען איהם געקאָנט גלויבען: ער האָט באמת געוואָלט אויף דער עלטער אַ מערטירער ווערען, טראָגען דעם קרייץ, ווייל אַנדערש האָט דאַן זיין לעבען קיין זינן ניט געהאַט. זיין אַ ניטראַלער צושויער איז אַמאָל שווערער, אײדער צו זיין אין די רייהען פון איינעם פון די קעמפפענדע לאַגערען, און אויף טאָלסטאָי'ען האָבען די טויט־שטראָפען אין רוסלאַנד דע־ריבער געמוזט ווירקען פיעל שטאַרקער, אײדער אויף אַנדערע, וועל־כע האָבען געהערט צו אַ בעשטימטען לאַגער און אַליין אָנטייל גענומען אין קאַמפף.

פאַר זיין קריסטליכע לעהרע האָט טאָלסטאָי געמוזט טייער בעצאָהלען.

דער סך הכל פון אלעבען.

צוויי בעזונדערע ארט אבשאצונגען פון טאלסטאי'ס וועלט־בעדייטונג. — דאס בעסטע ווערק טאלסטאי'ס איז ער אליין. — זיינע איינגענשאפטען אלס קינסטלער און מאראליסט. — די קראפט פון אנאליז. — ווי אזוי דער קינסטלער און דער מאראליסט האבען אין טאלסטאי'ען געפיהרט א שטענדיגען קאמפף. — טאלסטאי אלס פערזענליכקייט. — טאלסטאי און „טאלסטאָווסטווא". — די בעגרענצטע סעקטע און דער אינדיווידועלער „איך". — טאלסטאי'ס טויט.

אין דער געוואלדיג־גרויסער ליטעראטור וועגען טאלסטאי'ען, וועלכע איז געשאפען געוואָרען אויף פערשיעדענע שפראכען, האט א צייט־לאנג געהערשט א געוויסער שאבלאן בנוגע צו דער אבשאצונג פון גרויסען קינסטלער: טאלסטאי'ס לעבען פלעגט מען געוועהנליך איינטיילען אין צוויי פעריאדען, וועלכע זענען גארניט ענליך אפילו איינער אויפ'ן צווייטען: ביז די 40־ער יאהרען איז טאלסטאי געווען דורכאויס קינסטלער; נאך דעם קריזיס, וועלכער איז פארגעקומען אין זיין וועלט־אנשויאונג, הויבט זיך אן טאלסטאי דער מאראליסט, דער פרעדיגער און רעפארמאטאר, וועלכער האט קיין געמיינזאמעס ניט מיט דעם פריהערדיגען טאלסטאי. דערביי פלעגען איינינע קריטיקער בעדויערען, וואס טאלסטאי האט פערלאזען דעם וועג פון קונסט און געוואלט ווערען א מורה־דרך פאר דער מענשהייט, אנשטאט שאפען קונסט־ווערק; אנדערע ווידער האבען געשטעלט טאלסטאי דעם מאראליסט און פילאזאף העכער פון טאלסטאי דעם קינסטלער און זיך געשטארעט צו בעווייזען, אז טאלסטאי האט א גרויסע ווירקונג געהאט אויף דער ענטוויקלונג פון מענשליכען געדאנק. די לעצטע צייט האט מען אנשטאט דעם ערשטען שאבלאן אנגעהויבען איינפיהרען אן'אנדער שאבלאן אין דער קריטיק פון טאלסטאי'ען: עס איז אנגענומען געוואָרען, אז טאלסטאי דער

אויטאָר פֿון „קינדער-און בחור-יאָהרען“ איז דער זעלבער טאָלסטאָי וואָס אין זיינע לעצטע ווערק, און אויך נאָכ'ן קריזיס איז טאָלסטאָי לויט די איינענשאַפֿטען פֿון זיין שכל און כאַראַקטער געבליבען דער זעלבער, וואָס אין די קינדער-יאָהרען. דערביי האָט מען גע-זוכט צו פֿערגלייכען די סתירות אין זיין לעבען און לעהרע אין זיך געכטאַרעט צו בעווייזען, אַז איין צענטראַל-אידעע געהט-דורך אַלע טאָלסטאָי'ס ווערק און ער איז איינענטליך, אָנהויבענדיג פֿון די קינ-דער-יאָהרען ביז דער עלטער, געבליבען אונגעענדערט.

וועלכע פֿון די ביידע אַרט קריטישע מעטאָדען איז ריכטיגער? מיר האָבען פֿאַר זיך אַ קלאָרען פֿאַקט, אַז אין לעבען פֿון טאָלסטאָי'ען איז פֿאָרגעקומען אַ בולטע שטאַרקע איבערקעהרעניש און נאָכדעם הויבט זיך ביי איהם אָן אַ נייע עפּאָכע. פֿון דער צווייטער זייט איז פּונקט אַזוי קלאָר אויך דער פֿאַקט, אַז טאָלסטאָי איז דאָך געבליבען קינסטלער ביז די לעצטע טעג פֿון זיין לעבען, און עס איז דעריבער פֿאַלש איינצוטיילען זיין לעבען אין צוויי פּעריאָדען, ווי עס איז בכלל פֿאַלש צו טיילען דעם לעבען פֿון יעדען מענשען אויף בע-זונדערע חלקים. נאָר לאָמיר אַוועקלאָזען די אויבערפֿלעכליכע פֿראַגע צי איז טאָלסטאָי געוועזען שטענדיג איינער, איין גאַנצעס, אָדער ער האָט זיך שאַרף געביטען. דאָס איז דאָך נאָר אַ שפּיעל אין ווערטער, און יעדער בעזונדער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע וועט אין אַ געוויסער דינזיכט זיין ריכטיג אָדער ניט-ריכטיג. ריכטיגער וועט זיין, ווען מיר אַליין וועלען זיך שטעלען די פֿראַגע: וואָס איז טאָלסטאָי געוועזען פֿאַר אונז? וואו ליגט יענע צויבער-קראַפֿט, מיט וועלכער ער האָט אַזוי געווירקט און צוגעצויגען צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער גאַנצער וועלט?

ריכטיג האָט געזאָגט דער יודיש-רוסישער קריטיקער א. גאָרנ-פֿעלד: פֿון אַלע טאָלסטאָי'ס ווערק איז די בעסטע שאַפֿונג ער אַליין. טאָלסטאָי איז געוועזען אַ גרויסער ראָמאַניסט, נאָר פֿיעל אַנדערע האָבען געשריבען גרויסע ראָמאַנען און דאָך ביסלעכווייז פֿערגעסען געוואָרען; טאָלסטאָי איז געוועזען אַ דענקער, אַ מאָראַליסט, נאָר עס איז לייכט מיט וויסענשאַפֿטליכע געוועהר אין די הענד צוצושטערען זיין גאַנצע פֿילאָזאָפֿיע, און אַפֿילו זיינע פֿערברענטסטע אָנהענגער וועלען מוזען מודה זיין, אַז אַלס דענקער און פֿילאָזאָף האָט טאָלסטאָי פֿיעל קאָנקורענטען געגען זיך. אין וואָס-זשע בעשטעהט טאָלסטאָי'ס גרויס-

קייט? פריהער פון אלץ אין זיין פערזענליכקייט. אט דא דארפען מיר זוכען יענע קראפט, מיט וועלכער ער האט ווילענדיג און ניט-ווילענדיג געמוזט צוציהען צו זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט און אלגעמיינע גרויסע אכטונג צו זיך, און אלס צענטר פון זיין פערזענליכקייט מוזען מיר אנווייזען אויף יענע גרויסע אינערליכע סתירות, וועלכע איינינע האבען געשטעלט טאלסטאי'ען אלס פארוואורף, אנדערע האבען געזוכט צו פערגלעטען און מאר אויף וועלכע טאלסטאי איז אונז איינענטליך אזוי טייער: דאס איז טאלסטאי'ס גראנדיעזער אינערליכער קאמפף צווישען קינסטלער און מאראליסט, יענער קאמפף, וועלכער האט צו זיך כמעט קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע.

לאמיר זיך דערמאהנען. אין וואס בעשטעהען טאלסטאי'ס איינענשאפטען אלס קינסטלער? טאלסטאי איז א גרויסער רעאליסט, ד. ה. ער איז א מייסטער צו מאלען דאס פשוט'סטע און צוזאמען דערמיט סאמע טיעפסטע, וואס ליגט אין לעבען פון א מענשען. ער איז אויך דער גרויסער מייסטער פון פסיכאלאגישען אנאליז, און נעהמט ער דערצעהלען די לעבענס-געשיכטע פון א מענשען, וועט ער זיך ניט בעגנוגנען מיט ארויסהאפען און ארויסשטעלען פאר'ן לעזער איינינע מאמענטען פון זיין לעבען, נאר טאלסטאי שפירט נאך זיין העלד טריט-ביי-טריט, געהט איהם נאך כמעט ביז דעם סוף פון זיין לעבען, אזוי אז מיר בעקענען זיך מיט זיינע העלדען כמעט אין אלע זייערע עפאכען און אין פערשידענע לאגען, און וואס ברייטער זיי בעווייזען זיך, אלץ קלארער שפירען מיר זייער עקזיסטענץ, אלץ מעהר בעקענען מיר זיך מיט זיי, אזוי אז מיר קענען זיי שוין מיט אלע פיטשעווקעלעך, ווי אונזערע נאהענטסטע אינטימסטע פריינד. אבער ניט מיט דער גרויסער קראפט פון אנאליז בעצויבערט אונז טאלסטאי. א מענש איז ניט קיין מאטעמאטישע פארמעל און וויפיעל מען זאל ניט אנאלידירען די מענשליכע נשמה, וויפיעל מען זאל זיך ניט סטארען אויפדעקען זי און קלאר מאכען, וועט שטענדיג דאך בלייבען אין איהר עטוואס אונקלארעס, דונקעלעס און טיעפעס. דאס איז דער תמצית פון איהר לעבען און וואס מיר זענען ניט אים-שטאנד צו פערטייטשען אויף דער געוועהנליכער שפראך פון ווערטער. עס איז דא א נשמה-שפראך, א שפראך אהן ווערטער, און דער קינסטלער קאן נאר מאלען די נשמה, פאר איהר פארמען בעשאפען.

אמת, נאָכ'ן קינסטלער קומט דער קריטיקער און טייטשט אויס דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפֿען, אויף דער געוועהנליכער שפּראַך פֿון לאָגיק און ווערטער. אָבער דערפֿאַר איז דער קריטיקער נאָר קריטיקער, ער קאָן דעם לעבעדיגען מענשען פֿון קינסטלער־שאַפֿונג צופֿירען צו אַ בעשטימטע פֿאָרמעל, ער וועט אָבער פֿון דער פֿאָרמעל צוריק קיין מענשען ניט בעשאַפֿען. טאָלסטאָי איז ניט בלויז קינסטלער, ער טהוט אַליין אויך די אַרבייט פֿון דעם קריטיקער, אַנאַליזירט, משפּט זיינע העלדען, און דעריבער שפּירט זיך אין אַלע זיינע ווערק אַזאַ שטרענגער טאָן, עפּעס אַ שרעקליכע אונרחמנותדיגע האַנד, וואָס ווירקט הינטער די קוליסען: דאָס איז די האַנד פֿון שטרענגען שופֿט, פֿון קינסטלער, וועלכער איז צוזאַמען דערמיט אויך קריטיקער. אָבער פֿאַרוואָס זענען טאָלסטאָי'ס העלדען אַזוי לעבעדיג, „צו לעבעדיג", ווי עס דריקט זיך אויס איינער פֿון זיינע קריטיקער? פֿאַרוואָס ליעבען מיר זיי, אינטערעסירען זיך מיט זייער שיקזאַל, קימערען זיך אַזוי וועגען זייערע ליידען און פֿרעהען זיך מיט זייערע פֿריידען? וואָלטען טאָלסטאָי'ס העלדען געווען ענהליך אויף מאַטעמאַטישע פֿאָרמעלען, וואָלטען זיי פֿאַר אונז איינגאַנצען קלאָר און פּשוט־פֿערשטענדליך געווען, וואָלטען מיר געבליבען צו זיי איינגאַנצען גלייכגילטיג און זיי וואָלטען געשטאַנען פֿאַר אונז, ווי אויסגעטאָקטע גולמ'ס, אָבער זיי זענען לעבעדיגע, „צו לעבעדיגע" מענשען, און דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס איסער דער געוואַלדיגער קראַפֿט פֿון אַנאַליז און קענטניס צו מאָלען גאַנצע מענשליכע לעבענס מיט אַלע איינצעלהייטען, אין אַלע זייערע לאַגעס און עפּאָכען, פֿערמאָגט נאָך טאָלסטאָי אַ געניאַלען טאַלאַנט צו שילדערען יענע בעוועגליכקייט, יענע האַלב־דונקעלע, האַלב־אָפֿענע בעוועגליכקייט, וועלכע איז דער טאָן פֿון יעדער נשמה. אַ אמת־לעבעדיגער מענש איז שטענדיג אַ שטראָם פֿון געדאַנקען, געפֿיהלען, בעוועגונגען, וועלכע האָבען כמעט קיין ערקלערונג ניט. דאָס לעבען איז שטענדיג טעטיג, שטענדיג בעוועגליך, פֿאָדערט פֿאַר זיך אייביגע פֿרייהייט, שפּאַרט־דורך אַלע געקינסטעלטע צוימען, און טאָלסטאָי האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין מאָלען אָט די אונקלאָרע, אינטימע נשמה־בעוועגונגען. מאָלט ער ווי אַננאַ קאַרענינאַ פֿאָהרט אין צוג, בעת אין דרויסען בושעוועט די בייזע זאַווערוכע, און זי קעמפּפט מיט זיך, טרייבט פֿון זיך אָב די געדאַנקען וועגען ווראָנסקי און שפּירט דאָך מיט יעדער רגע

אַלץ טיעפער, אַז עטוואָס נייעס ערוואַכט אין איהר הארצען און שטעהט אויף פאר די אויגען ווי אַ בייזער שרעקליכער גאָט, צו וועלכען ער ציהט די נשמה; מאָלט ער דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכט דער שענער קוראַגין, בעת ער בעווייזט זיך אין הויז פון די וואָלקאָנסקיים, אויף דער צנועת'דיגער מאַריאַ און אויף דער לעבענס־לוסטיגער נאַטאַשאַ; אָדער דעם חלום וועגען עפּעס אַ שרעקליכען מוזשיק, וועלכער קומט גלייכצייטיג וראָנסקי'ן און אַנאַ קאַרעניגאַ באַלד נאָך זייער ערשטען חטא, — אין דעם אַלעם זעהען מיר טאָלסטאָי'ען דעם גרויסען מייסטער פון דער אינטימער נשמה־שפּראַך, פון די טיעפסטע נשמה־ציטערנישען, וועלכע זענען אַ האַלב ווירקליכקייט, אַ האַלב אַ חלום און זענען דאָס רעאַלסטע און וויכטיגסטע אין יעדען לעבען. ווען מיר זאָגען דעריבער, אַז טאָלסטאָי איז אַ רעאַליסט, דאַרף מען דאָס פערשטעהן אין ברייטערען זינן פון דעם וואָרט: דאָס בעדייט, אַז טאָלסטאָי'ען איז פרעמד די פּראָזאָלאָגיע, די פּראָזאָלאָגיע פון דער נשמה, און ער נעהמט שטענדיג נאָר די פשוט'יכסטע, דאָס טיעפסטע, דאָס רעאַלסטע, וועלכעס איז צוזאַמען דערמיט אויך דאָס וויכטיגסטע אין מענשליכען לעבען און ווען מיר זאָגען, אַז טאָל־סטאָי בעזיצט די גרויסע קראַפט פון פּסיכאָלאָגישען אַנאַליז, בעדייטעט דאָס, אַז אין דער צייט, ווען ער שאַפט, איז אומבעוואוסטזיניג, ווי יעדער אמת'ער קינסטלער, גאַנצע לעבענס, אין דער זעלבער צייט משפט ער זיינע העלדען, קריטיקירט זיי, און כדי זיי זאָלען אַרויס־קומען אמת'ער, רעאַלער, אָהן דער פראַזע, וועלכע מוז זיך צו־טשעפּען צו יעדען מענשען, אָהן דעם אַלעם, וואָס איז איבעריג און ניט וויכטיג, — כדי דאָס אַלץ זאָל אַרויסקומען קלאָר, ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער, מוז טאָלסטאָי, פריהער פאַר זיך אַליין, דער־נאָך צוליעב די לעזער, נאָכשפּירען זיינע העלדען אויף יעדען שריט און טריט, אַנאַליזירען זייערע ווערטער און מעשים און נאָכקוקען זיי, וואָס זיי טהוען בחדרי חדרים.

טאָלסטאָי איז די בעשעפער, די קריטיקער פון זיינע שאַפונ־גען. און די ביידע איינענשאַפטען, וועלכע ער האָט בעזיצט אין גלייכער מאָס, האָבען געווירקט אויך אין זיין פּערזענליכען לעבען, אַלס צוויי גרויסע פאַקטאָרען. נאָך אָנהויבענדיג פון די קינדער־יאָהרען בעמערקען מיר שוין אין איהם סיי דעם בעשעפער, סיי דעם קריטיקער. ער לעבט, לעבט פיעל און טיעף, ווי אַ בוים, וואָס

האָט טיעפע וואָרצלען אין דער ערד, ווי א זוהן פון א מעכטיגען קלאַס מיט א גרויסער קולטור, נאָר איהם איז ווינציג דאָס לעבען אַליין, ער דאַרף נאָך וויסען דעם „זינן“ פון לעבען, ער ווערט געפּייניגט, זוכט, וואַנדערט אום, שאַפט, קריטיקירט, נאָר ענדליך קומט דער שרעק פאַר'ן טויט און די גרענקען וועגען טויט, וועלכע האָבען איהם קיין רוה ניט געגעבען, האָט שוין טאָלסטאָי ניט געקאָנט אָבפּטר'ען מיט גאָרנישט, ער, וואָס האָט זיך שטענדיג פערנומען מיט אַנאַליז, האָט יעצט געמוזט געפינען עפּעס א סינטעז פון לעבען און דאָ זעהען מיר פאַר זיך א אוגעוועהנליכע ערשיינונג: דער גרויסער קינסטלער, וועלכער האָט אַזוי טיעף געפיהלט און געשילדערט די שטענדיגע בעוועגליכקייט און אונאויפהערליכע ווידערשפּריכען אין דער נשמה פון מענשען, בעשאַפט זיך א קאַטעחיזיס, פיהרט צו דאָס לעבען צו א בעשטימטע בעגרענצטע פאָרמול און פאָדערט, אַז דער מענש זאָל לעבען לויט בעשטימטע רעגעלען. עס פּאַסירט א אונגעוועהנליכע אין דער געשיכטע ערשיינונג, אַז א גרויסער קינסטלער זאָל זיך אָבזאָגען און פערשעלטען זיינע קונסט־ווערק, עס הויבט זיך אָן דער גרויסער קאַמפּף צווישען קינסטלער און מאָראַליסט, וועלכער לאָזט ניט אָב טאָלסטאָי'ען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען. טאָלסטאָי דער קינסטלער האָט אונז געגעבען די „מענשליכע“, זינדיגע ליעבע פון דער גרויסער זינדיגערין אַננאַ קאַרעגינאַ, וועלכע איז אינגאַנצען אונזערע, וועלכע רופט אַרויס אונזער הייסטע סימפּאַטיע; טאָלסטאָי דער מאָראַליסט פערשעלט די דאָזיגע ליעבע און פאָדערט פון אונז א ליעבע, וועלכע זאָל ניט זיין אָבהענגיג פון בעשטימטע כּמפּיטעס צו א בעשטימטען מענשען; טאָלסטאָי דער קינסטלער, ווי יעדער אַנדער קינסטלער, גלויבט ניט אין קיין אַבסאָלוטען אמת און יעדער מענש איז פאַר איהם צו בעזונדער אמת פאַר זיך; טאָלסטאָי דער מאָראַליסט פאָדערט פון אונז איין בעשטימטען אמת, פאַר וועלכען אַלע דאַרפען אַראָבבויגען די קעפּ און דערשטיקען אין זיך זייער אינדיווידואַליטעט. טאָלסטאָי דער קינסטלער האָט אין זיין „קריעג און פריעדען“ איבערגעשאַפען א גאַנצע עפּאָכע, א גאַנצע קולטור; טאָלסטאָי דער מאָראַליסט לייקענט אָב יעדע קולטור, לייקענט אין דעם גאַנצען „פאַלש“, וועלכער איז דער יסוד פון יעדע קולטור. — וועלכער טאָלסטאָי איז דער „אמת'ער“? וואו איז טאָלסטאָי נאַטירליכער אין פּסיכאָלאָגיש—

טיעפער? אלס קינסטלער אדער מאראליסט? אויף דער פראגע איז שווער צו געבען א בעשטימטען ענטפער. עס איז קיין ספק ניט, אז טאלסטאי איז געווען א טיעף־רעליגיעזע נאטור, און נאך אין די קינדער־יאהרען האט ער ניט־קלאר געשפירט אין זיך עפעס א מיסטיע אין דער צוקונפט און האט זיך ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק, אז „עמיצער האט איהם געשיקט אויף דער וועלט עפעס אויפצוטהון". פון דער צווייטער זייט איז קיין ספק ניט, אז טאלסטאי האט זיך געבראכען, מיט א וועהטאג אין הארצען געבראכען זיינע קולטורעלע געוועהנהייטען און פסיכאלאגיע פון א אריסטאקראט. עס בלייבט אויך א בעשטימטער פאקט, אז שוין נאכדעם ווי טאלסטאי האט איבערגעלעבט דעם קריזיס, האט ער דאך געשאפען אזעלכע קינסטלערישע ווערק, ווי „דער טויט פון איוואן איליאיטש", „קרייצער־סאנאטא", „תחית־המתים", וועלכע זענען טענדענציעז און דאך עכט־קינסטלעריש, און מיר וויסען, אז ביז דעם טויט האט טאלסטאי ניט אויפגעהערט ארומטראגען זיך מיט פלענער וועגען נייע, קינסטלערישע ווערק. דאס בעווייזט, אז ער האט ניט קוקענדיג אויף זיינע איבערצייגונגען, דאך ניט געקאנט דערשטיקען אין זיך דעם קינסטלער. אונז איז אבער דא נאר וויכטיג טאלסטאי אלס פערזענליכקייט און דעריבער דארפען מיר ניט זוכען צו פערגלעטען די סתירות זיינע, נאר אויפדעקען זיי און פאר אונז איז ניט וויכטיג, וועלכער טאלסטאי איז דער אמת'ער, נאר ווי אזוי און וואס האט זיך פערקערפערט זיין געניוס. מיר זאגען דעריבער: מיר וויסען ניט, צי דער אמת'ער טאלסטאי איז אין זיין קינסטלערישער טעטיגקייט, אדער אין זיין שפעטערדיגער טעטיגקייט אלס מאראליסט, מיר וויסען אבער, אז ער איז געווען אי דאס, אי יענץ, אז די ביידע געגענגעזעצטע יסודות האבען אין איהם געלעבט צוזאמען און שטענדיג געקעמפט איינער געגען צווייטען, און דער קאמף מאכט טאלסטאי'ען אין אונזערע אויגען בעזונדערס גרויס.

איז טאלסטאי געווען א טראגישע פערזאן? עס האבען שלעכט פערשטאנען טאלסטאי'ען יענע, וועלכע האבען איהם געוואלט מאכען פאר א קדוש, פאר א מענש, וואס האט זיך פון עולם־הזה אבגעזאגט און געווארען א אסקעט. טאלסטאי איז געווען א לעבעדיגער „זינדיגער" מענש ביז די לעצטע טעג, אלעס מענשליכעס, ערדישעס האט ער געשפירט און איבערגעלעבט אין א פיעל גרעסערער מאס.

אײדער אַנדערע געװעהנליכע מענשען, און אױב לעבען הײסט איבער־לעבען פּועל מיט׳ן קערפּער און דער נשמה, דאַן האָט טאָלסטאָי געלעבט אַ סך און איז אפשר געװען דער גליקליכסטער צװישען די גליקליכע. טאָלסטאָי האָט אָבער געװאוסט פון די אַלע קאָנפליקטען צװישען זינד און קדושה, הימעל און ערד, בעװאוסטזײן און געפיהל, פון װעלכע עס װײסט דער הײנטיגער מענש, דער יורש פון האַמלעט׳ן; ער האָט אויך געהאַט אויסצושטעהן זײן אײגענעם גרויסען קאַמפף צװישען קינסטלער און רעליגיעזען מענשען און אין דער הינזיכט זאָגען מיר: ער איז אונזערער, ער געהערט צו אונזער דור, ער איז טראַגיש געװען.

טאָלסטאָי האָט אָבער פערמאָגט אויך אַזעלכעס, װעלכעס עס האָט ניט קײנער פון די הײנטיגע מאָדערנע מענשען: ער איז אַ מטיחיע געװען. די אײביגע פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס האָט טאָלסטאָי געלעזען אויף אַ אָריגינעלען אופן: גוטס מוז הערשען אין לעבען און קײן קאָמפּראָמיסען קאָנען דאָ ניט זײן. קונסט, װיסענשאַפט, קולטור — דאָס אַליץ האָט ניט קײן װערט אַן און פאַר זיך, נאָר אַלס מיטעל צו דעם הויפּט־צװעק: גוטס. פיהרען זיי צו דעם גוטס אין לעבען, איז רעכט, אַז נישט, דאַרף מען זיי נישט האָבען. טאָלסטאָי האָט זיך ניט געװאָלט אָבגעבען קײן חשבון: װאָס איז דאָס גוטס גופא? צי איז בכלל דאָ אַ הויפּט־צװעק אין לעבען? אפשר לױנט צו אָפּפערען מיט׳ן גוטס צוליעב דער קונסט, אָדער װיסענשאַפט, קולטור, װעלכע זענען אַ צװעק אַן און פאַר זיך? דאָס אַליץ האָט טאָלסטאָי ניט געװאָלט װיסען. ער איז געװען אַ מטיחיע, גוטס איז פאַר איהם געװען אַ אַבסאָלוטע בעדערפניש און ניט אומזיסט האָט ער אַזוי פײנט געהאַט דעם גרויסען פילאָזאָף העגעל און זײן דיאַלעקטישען אַרט דענקען. דער הײנטיגער מענש דענקט, אַז אַליץ אויף דער װעלט איז ניט אַבסאָלוט, נאָר פערהעלטניסמעסיג און זײן מח קאָן אין זיך ענטהאַלטען פערשידענע געגענגעזעצטע בעגריפען, זײן האַרץ — פערשידענע געפיהלען, װעלכע װידערשפּרעכען אײנער דעם צװײטען און לעבען דאָך צוזאַמען. טאָלסטאָי האָט דערפון ניט געװאָלט װיסען. דער מענש דאַרף פריהער פון אַליץ גליקליך זײן און קאָנען מאַטעריעליש און אויך גײסטיג פרײ לעבען; אונזער געװיסען זאָגט אונז, אַז מיר טאָרען ניט לעבען אויפ׳ן חשבון פון אַנדערע, און אַזוי װי די הײנטיגע

קולטור און פּאָליטישע פֿאָרמען העלפֿען מיט דאַצו, אַז די עקספּלואַטאַציע און פֿאַלשקייט זאָלען ווייטער עקזיסטירען, — דעריבער, זאָל חרוב ווערען די גאַנצע קולטור, זאָל חרוב ווערען אַלץ, וואָס דער מענשליכער געדאַנק האָט געשאַפֿען אין משך פֿון דורות, אַבי דאָס גוטס זאָל אָנהויבען הערשען אין לעבען און דאָס געוויסען זאָל קאָנען רוהיג זיין. טאָלסטאָי האָט ניט געפּרובט אַנאַליזירען דאָס געפֿיהל פֿון געוויסען און פֿרעגען זיך: אפשר איז דאָס געוויסען אַליין נאָר אַ פּראָדוקט פֿון אונזער קולטור? און אפשר לוינט, אַז עס זאָל בלייבען דאָס „שלעכטס", ווייל מיט איהם צוזאַמען האָט די מענשהייט ערוואָרבען פֿיעל געדאַנק און רייכטום? אפשר איז די קונסט, וויסענשאַפֿט, ציוויליזאַציע א. אז. וו. אַזוי פֿיעל ווערט אַן און פֿאַר זיך, ווי דאָס געוויסען? טאָלסטאָי האָט אָבער פֿון קיין פשרות ניט געוואָלט וויסען און אָהן איפּהער האָט ער מיט אַ זעלטענער משיחישער קראַפֿט געפּרעדיגט ליעבע און גערופֿען די מענשען „אַ טראַכט צו טהון" און דערמאָהנען זיך, אַז מיר האָבען קיין רעכט ניט אַזוי ווייטער צו לעבען. טאָלסטאָי איז דאָ געווען כמעט איינער געגען אַלע, פֿון זיין טעאָריע וועגען אונטערשטעלען די באַק און ניט געגענשטעלען זיך דעם שלעכטס האָט מען קאַריקאַטורען גע=מאַכט, אָבער ער איז ניט מיעד געוואָרען צו פֿיהרען זיין טראַגישען קאַמפף און האָט זיך געוואונדערט, ווי די וועלט פֿערשטעהט איהם נישט, ווען אַלץ איז דאָך אַזוי פּראָסט און קלאָר.

אונטערפֿיהרענדיג אַ סך-הכל פֿון טאָלסטאָי'ס לעבען, דאַרפֿען מיר נאָך אַמאָל אונטערשטרייכען, אַז טאָלסטאָי'ס גרעסטע בעדייטונג איז אין זיין פּערזענליכקייט. זיין גרויסער טאַלענט אַלס קינסטלער איז פֿאַר אַלעמען קלאָר און דאָ עקזיסטירען ניט קיין צוויי מיינונגען, אָבער גרויסע קינסטלער האָט די וועלט פֿערמאָגט אַ סך, אויסער טאָלסטאָי'ען; וועגען זיין בעדייטונג אַלס מאָראַליסט און דענקער קאָן מען דיספּו=טירען, נאָר יעדענפֿאַלס זענען אַפּילו זיינע גרעסטע אָנהענגער מודה, אַז טאָלסטאָי האָט געהאַט פֿאַר זיך פֿיעל גרעסערע דענקער, וועלכע האָבען איהם פֿיעל איבערגעשטיגען; עס וואָלט איך זיין אַ אוטאָפּיע צו מיינען, אַז די וועלט וועט ווען עס איז אָנגענומען טאָלסטאָי'ס אידעען און אָנהויבען לויט זיי דאָס לעבען איינאָרדנען, אַפּילו ווי עס וועט ניט זיין, וועט די מענשהייט דאָך קיינמאָל זיך ניט אָבזאָגען פֿון דער געשיכטע, ניט אָנהויבען אַלץ פֿון בראשית און אָבוואַרפֿען

פֿון זיך אַליין, וואָס איז ביזהער געשאַפֿען געוואָרען, ווי עס פֿאָדערט טאָלסטאָי. זיין בעדייטונג און אינטערעס איז דעריבער בעזונדערס גרויס נאָר אין זיין לעבען און שאַפֿען אַלס פּערזענליכקייט. זיין לעהרע איז געשאַפֿען געוואָרען דורך איהם און פֿאַר איהם אַליין, אַלס אַ רעזולטאַט פֿון אַ לאַנג־יעהריגער גייסטליכער אָרגאַנישער אַרבייט אין לעבען. וואָלטען אַנדערע פּרובען נאָכמאַכען און לעבען ווי טאָלסטאָי, וואָלט דאָס געווען אַ העסליכע קאַריקאַטור, ווייל דאָס, וואָס איז געווען אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדען מיט דעם שעפֿער אַליין, וואָלט דאָס פֿאַר אַנדערע געווען נאָר אַ נאָכאַהמונג און ווי יעדע נאָכאַהמונג — מיאוס און לעכערליך. דערמיט ערקלערט זיך, וואָס פֿון טאָלסטאָי'ס אידעען איז אין לעבען געשאַפֿען געוואָרען די בעגרענצטע „טאָלסטאָווסטווא“, וועלכע איז געווען נאָר צוגעפּאַסט פֿאַר אַ קליינע סעקטע פֿון פֿאַנאַטישע און בעגרענצטע מענשען, און עס קאָן זיין אַז קיינער האָט אַזוי ווייניג ניט סימפּאַטיזירט די „טאָלסטאָווצעס“, ווי טאָלסטאָי אַליין. דאָס זעהען מיר אין פֿיעל פֿון זיינע בריעף, וואו ער רעדט וועגען די טאָלסטאָווצעס אַלס מענשען מיט אַ געוויסע איינגעהאַלטענע בייזקייט. דאָס זעהען מיר אויך דערין, וואָס טאָלסטאָי האָט זיך בעצויגען שטרענג נעגאַטיוו צו יעדער פּראָבע פֿון די טאָלסטאָווצעס צו פֿעראייניגען זיך אין אַ אָרגאַניזאַציע. דער מענש מיט דעם געבוירענעם אַרטיסטישען געשמאַק האָט ניט געקאָנט נישט שפּירען, אַז אויב זיין לעהרע פּאַסט פֿאַר איהם אַליין, פֿאַר דעם בעשעפֿער, פּאַסט זי ניט פֿאַר אַנדערע, וואָס ווילען איהם פּשוט נאָכקאָפּירען, אַז אויב פֿאַר איהם אַליין איז זיין לעהרע אַ קוואַל פֿון לעבען, איז זי פֿאַר אַנדערע אַ טויט, אויף וויפֿיעל אין איהר דריקט זיך ניט אויס זייער איינענע פּערזענליכקייט. מיר זעהען פּאַקטיש, אַז אַלע געמיינדעס און אינטעליגענטע קאָלאָניעס, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרען דורך די טאָלסטאָווצעס, האָבען נאָך פֿיעל מיה און מאַטערניש זיך געמוזט צופֿאַלען, און דאָס איז פֿאָרגעקומען ניט בלויז צוליעב די שווערע בעדינגונגען פֿון אַרומיגען לעבען, נאָר דער עיקר דערפֿאַר, ווייל דאָס גייסטיגע לעבען פֿון די קאָלאָניעס איז געווען אָרים און בעגרענצט, לאַנגווייליג און פּוסט. דאַגעגען האָט טאָלסטאָי פֿיעל סימפּאַטיזירט — און זיי זענען ווירקליך סימפּאַטישע מענשען — יענע טאָלסטאָווצעס, ביי וועלכע זייער „טאָלסטאָווסטווא“ איז, ווי ביי טאָלסטאָי'ען אַליין, געווען אַ אָרגאַנישער פּראָצעס, וועלכע

האָבען ניט פערלאָרען זייער פערזענליכקייט אין קיין בעגרענצטע סעקטע-אָרגאַניזאַציעס, נאָר אָנגעהויבען אַליין, פאַר זיך און מיט זיך.

טאָלסטאָי האָט אונז געלערנט, אַז אַ מענש מוז זיך אָבזאָגען פון זיין אייגענעם „איך“, אָבער געגען זיין ווילען איז ער אַליין טייער געווען דער וועלט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט פערמאָגט אַ גרויסען איך. נאָר אַלס פערזענליכקייט, נאָר אַלס מענש, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערען, לאַנגען וועג, איז ער בעזונדערס גרויס געווען און אַלס אַזעלכער איז ער געווען איינער פון די געצעהלטע שריפטשטעלער אין אונזער דור, צו וועלכען מען האָט געשפירט טיעפען דרך-ארץ און צו וועמען מען האָט זיך שטענדיג מיט אינטערעס און אַכטונג צוגעהערט. טאָלסטאָי אַליין האָט דאָס צייטענווייז פערשטאַנען און אין איין אָרט שרייבט ער: „דאָס לעבען ווייסט ניט פון קיין צוועק, מיר ווייסען נאָר פון אַ ריכטונג, פון אַ וועג“. יאָ, דאָס, איז דאָס העכסטע, וואָס אַ מענש קאָן ווייסען און וואָס רייכער אַ מענש דריקט-אויס זיין פערזענליכקייט, וואָס שענער און וואָס ריינערע מענש אויס זיין פערזענליכקייט, וואָס שענער און טיעפער עס איז זיין וועג, אַלץ מעהר אַכטונג און אינטערעס האָבען מיר צו איהם. טאָלסטאָי האָט אַזאַ וועג, אַ וועג פון קאַמפף, פון מענשליכע זינד און קדושה, גאונות און שוואַכקייט דורכגעמאַכט, און פאַר דעם געניאַלען לעבען זיינעם איז זיין נאָמען פעראייביגט געוואָרען.

* *

*

דעם 28-טען אָקטאָבער 1910 איז גאַנץ אייראָפּאַ אויפגעוועקט געוואָרען פון אַ אונגעוועהנליכע וועלט-נייעס: דער 83-יעהריגער זקן פון יאַסנאַיאַ-פּאָליאַנאַ איז אין אַ שטילע נאַכט עטלאָפען פון דער-היים און איבערגעלאָזט אַ בריוועלע, אַז ער קאָן מעהר דאָרט ניט בלייבען, אַז ער וויל זיינע לעצטע טעג פון לעבען פערברענגען אין התבודדות און אין תפלה. וואוהין איז דער געניאַלער מענש עטלאָפען? צי פון דער וועלט אין דער וויסטע, אום דאָרט צו שטאַרבען, אָדער ער איז פון דערהיים עטלאָפען און געוואָלט מיט דער וועלט.

מיט די גרויסע מאסען פון די מיליאָנען אַרבייטענדע מענשען זיך פעראייניגען? נאָר דאָ לאָזט זיך אַראָב דער פאָרהאַנג.

אויפ'ן וועג האָט טאָלסטאָי זיך פערקיהלט, געמוזט זיך אָבשטעלען אויף דער קליינער סטאַנציע אָסטאַפּאָוואָ און דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז קראַנק אויף אַ לונגען־אָנצינדונג און מוז אין בעט זיך לעגען. נאָר מעהר איז טאָלסטאָי פון בעט שוין ניט אויפגעשטאַנען: די קרענק האָט זיך אומגעריכט ענטוויקעלט ניט ניט אויפגעשטאַנען: די קרענק האָט זיך אומגעריכט ענטוויקעלט און דעם 7־טען נאָיאַבר איז טאָלסטאָי שטיל אָהן ליידען געשטאָרבען. זיינע לעצטע ווערטער פאַר'ן טויט זענען געווען: „אויף דער וועלט ליידען מיליאָנען מענשען, וואָס טהוט איהר דאָ אַרום מיר?" נאָר די וועלט האָט געוואוסט ווי אָבצושאַצען טאָלסטאָי'ען און זיין לעצטען געניאַלען אַקט פון לעבען. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז מיט זיין ענטלויפען האָט טאָלסטאָי געמאַכט אַ גראַנדיעזען אַרטיסטישען צוג, וועלכער האָט אַזוי שען געענדיגט זיין לעבען, געוויזען אַ מוסטער פון אַ שענעם טהאַט, וועלכער איבעררעשט מיט זיין געניאַלער פּראָסטקייט. צום שבח פון דער מענשהייט דאַרף מען זאָגען, אַז דאָס מאָל האָט די וועלט געוואוסט ווי געהעריג אָבצושאַצען אַ גרויסען מענשען און טיעף־טיעף זיך בוקען פאַר זיין גרויסע דראַמע.

אַלע האָבען מיט אַמאָל פערשטאַנען: עס איז געשטאָרבען ניט בלויז אַ גרויסער קינסטלער און דענקער, נאָר פריהער פון אַלץ אַ גרויסער מענש, אפשר דער גרעסטער פון אונזער עפּאָכע.

שימין'ס גרויסע

„וועלט־ביבליאטעק"

ערשטער יאהרגאנג.

1) מ. ז. פייערבערג: וואהין?
2) ארטור שניצלער: געזאמעלטע שריפטען I באנד
3) י. מ. וויסענבערג: שריפטען I „
4) „ „ „ „ II „
5) העגריך היינע'ס: שריפטען I „
6) „ „ „ II „
7) ז. שניאור: שריפטען I „
8) „ „ II „
9) „ „ III „
10) רעדיארד קיפלינג: דאס בוך פון דער וויסטע.
11) י. שטיינבערג: שריפטען:
12) מ. סטאוווסקי: אידיליען און בילדער.
13) ז. י. אנכי: צווישען הימעל און ערד I באנד
14) „ „ „ „ „ „ II „
15) מאקס נארדוי: אויסגעוועהלטע שריפטען I באנד
16) „ „ „ „ II „
17) יודישע געשיכטע: רעד. הלל צייטלין I „
18) מאקס נארדוי: אויסגעוועהלטע שריפטען III באנד
19) ארטור שניצלער: שטערבען (א גרויסע ערצעהלונג)
20) י. מ. וויסענבערג: שריפטען III באנד (די וואלד מיידעל)
21) ארטור שניצלער: שטערבען II באנד.
22) יודישע געשיכטע: II באנד.
23 יהודה שטיינבערג: חסידישע מעשה'לעך.
24) „ „ אין יענע צייטען.

פרייז פיר אלע 24 ביכער 3.50 רוב.

פארטא 50 קאפ.

איינציגע ביכער צו 25 קאפ.

ווארשא, נאלעווקי 33.

שימינס פערלאג.

יודישע בעלעטריסטיק:

1) ש. אנסקי. „צווישען הימעל און ערד" 50 ק.
(נאוועלע)
2) " "...אבא" — — — 40 ק.
(אילוסטרירט פראכט אויסגאבע)
3) שלום אש. שריפטען. I באנד יוגענד 70 ק.
4) " II א שטעדטיל 70 ק.
5) " III ערציילונגען 70 ק.
6) " IV מאטיוון 70 ק.
7) " V ארץ ישראל 70 ק.
8) " באנקראט (דראמאטיקע) — - - 5 ק.
9) ח. נ. ביאליק. אריה בעל גוף (ערצעהלונג) 15 ק.
10) י. מ. ווייסענבערג. שריפטען — 75 ק.
11) מ. טייטש. שריפטען — — — 75 ק.
12) מ. סטאווסקי. אידיליען און בילדער — 25 ק.
13) " " " " א טיכעל — — 5 ק.
14) מ. ספעקטאר. א ראמאן אהן א נאמען — 50 ק.
15) דוד פינסקי. דראבקין און יום כפור 25 ק.
(ערצעהלונגען)
16) ש. ז. פייערבערג. וואהין? — — 25 ק.
17) יונה ראזענפעלד. אין די שמאלע
געסלעך (ערצעהלונגען) 25 ק.
18) אברהם רייזען. די אלטע וועלט 25 ק.
19) " " " " [illegible] — — — 25 ק.
(ערצעהלונגען)
20) ג. שאפמאן. פון יענער זייט (נאוועלע) 25 ק.
21) יהודה שטיינבערג. חסידישע מעשה'לעך 25 ק.
22) " " " " אין יענע צייטען — 25 ק.
23) יעקב שטיינבערג. נאוועלען — — 25 ק.
24) ז. שניאור. שריפטען — — — 75 ק.

ווארשא, נאלעווקי 33

שימינ'ס גרויסע

„וועלט-ביבליאטעק"

צווייטער יאהרגאנג.

1) אברהם רייזען: „אלטע-וועלט".
2) „ „ יונגוואַרג.
3) דר. גינצבורג: דער תלמוד.
4) יודישע געשיכטע: 3-ער באנד.
5) „ „ 4-ער באנד.
6) משה: א זאמעל-בוך.
7) הלל צייטלין: שריפטען I באנד.
8) הלל צייטלין: שריפטען II באנד.
9) משה טייטש: שריפטען I באנד.
10) „ „ „ II
11) י. ראָזענפעלד: אין די שמאָלע געסלעך.
12) משה טייטש: 3-טער באנד לידער.
13) פראָפ. לאַצאַרוס: ירמיהו הנביא:
14—15) ז. י. אַבי: רב אבא.
16—17) הלל צייטלין: דאָס פראָבלעם פון גוטס און שלעכטס.
18) יודישע געשיכטע: 5-ער באנד.
19) הלל צייטלין: דאָס פראָבלעם פון גוטס און שלעכטס
20) שאַנטאָפּי דעלאַסאָסיי: געשיכטע פון גלויבען און רעליגיאָנען.
21) יודישע געשיכטע: 6-ער באנד.
22—23) שאַנטאָפּי דעלאַסאָסיי: די געשיכטע פון גלויבען און רעליגיאָנען.
24) יודישע געשיכטע: 7-ער באנד.

פרייז פיר אַלע 24 ביכער 3.50 רוב.

פּאָרטאָ 50 קאָפּ.

איינציגע ביכער צו 25 קאָפּ.

וואַרשא, נאַלעווקי 33.